וקראת לשבת ענג, ולקדוש ה' מכבד



קונטרס

# עונג שבת

## מלאים זיו ומפיקים נוגה

## כי תצא

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י

**מו"ה חנני' יו"ט ליפא גרוס הי"ו**

לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

מיט ווערטער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"



## בערל ווערטער - ב' כי תצא תשפ"ה

### ...א למלחמה...ה' אלקיך בידיך ושבית שביו (תצא כא:י)

...ענטש זאל באהערשן דעם יצר הרע מיט די טענות פון יצר הרע ...ער יצר הרע ארבעט פלינק צו איינרעדן דעם מענטש ער זאל זינדיגן, ...ס איז זיין שליחות וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. דעריבער ...ענטש זיך לערנען צו זיין פלינק אין זיין ארבעט, און זיך נישט צוהערן ...הרע ווייל דאס איז וואס דער באשעפער וויל פון אים.

*("תולדות יעקב יוסף" בשם הבעש"ט הק')*

### ...א למלחמה...ה' אלקיך בידיך ושבית שביו (תצא כא:י)

...איביך",—דיין פיינט, דער יצר הרע. "**ושבית שביו**",—זאלסטו אים ...יט'ן זעלבן וועג ווי ער פאנגט דיך. דער יצר הרע הייבט אהן מיט ...עבירות און דערנאך מיט גרעסערע עבירות. אזוי זאלסטו אים ...מיט'ן זעלבן וועג: הייב נישט אהן מיט קיין שווערע און גרויסע ...י תעניתים און סיגופים, נאר גיי פאמעלעך טריט נאר טריט.

*(תורת משה)*

### ...א למלחמה על אויביך... ושבית שביו... (תצא כא:י)

...**בית**',—קען אויך מיינען 'זיך אויפהאלטן', אזוי ווי ס'שטייט (דברים ...**ותשבו בקדש**',—איר האט זיך אויפגעהאלטן אין קדש. דער פסוק ...ש, אז מ'דארף כסדר ווייטער אויפהאלטן די מלחמה מיט'ן יצר הרע.

*(הרה'ק רבי יצחק פון ווארקא זצוק"ל)*

### ...פת תואר... (תצא כא:יא)

..." איז די אותיות "**פתי**",—א נאַר. דערוואס לאזט זיך איבערעדן ...צר הרע, איז נישט מער ווי א נאַר, אזוי ווי חז"ל (סוטה ג.) זאגן: "אין ...טא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות".

*(פענח רזא)*

### ...ר ומורה איננו שומע בקול אביו... (כי תצא כא:יח)

...ווי איז מעגליך אז מ'זאל האבן א זוהן א "**סורר ומורה**"? ענטפערט ...וק, "**איננו שמע בקול אביו**",—ווייל דער פאטער הערט נישט און ...ישט זיין טאטן אין הימל, דערפאר האט ער אזא זוהן...

*(תולדות יעקב יוסף)*

### ...הרע מקרבך וכל ישראל ישמעו ויראו... (כי תצא ...)

...א מענטש זאגט מוסר פאר'ן חבר, דארף ער זיך פריער אליין ...ן, און אזוי וועט זיין חבר זיך צוהערן צו זיינע רייד. דאס באצייכנט ...וק: "**ובערת הרע מקרבך**",—ווען דו זאגסט מוסר זאלסטו פריער ...יגן דיין שלעכט הארץ, און דעמאלט, "**וכל ישראל ישמעו ויראו**",— ...ן זיך צוהערן צו דיינע מוסר רייד.

*(הרה"ק רבי מענדל פון ווארקע זצוק"ל)*

המשך בעמוד הבא ->->->->->




## מתורת רבותינו אויף די פרשה

### כי תצא למלחמה על אויבין... (תצא כא:י)

**רש"י:** *במלחמת הרשות הכתוב מדבר.*

די מלחמה מיט'ן יצר הרע דארף זיין נישט נאר אויף זאכן וואס זענען אסור צו טוען, נאר אפילו אויף זאכן וואס מ'מעג טוען דארף מען זיך אויך אנגארטלען און זיך צוריק האלטן. ווי די גמרא (יבמות כ.) זאגט: "קדש עצמך",—א מענטש זאל זיך היילגן, "במותר לך",—אפילו מיט וואס ער מעג טוען, ער זאל אלעס טוען פאר'ן באשעפער'ס וועגן מיט א היליגקייט, דאס זאגט רש"י "במלחמת הרשות הכתוב מדבר",—אפילו ביי א זאך וואס איז א רשות, איז ביי דעם אויך פארהאנען א מלחמה.

*-(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)-*

### שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך למען ייטב לך והארכת ימים (כית תצא כב:ז)

***מדרש (דב"ר ו:ז) , אמרו: "דבר אחר מהו שלח תשלח את האם, אם קיימת מצוה זו, את ממהר לבוא מלך המשיח, שכתוב בו שילוח, מנין, שנאמר (ישעי' לב:כ) "משלחי רגל השור והחמור" דבר אחר אמר רבי תנחומא, אם קיימת המצוה הזאת, אתה ממהר את אליהו הנביא זכור לטוב שיבוא, שכתוב בו שילוח, שנאמר (מלאכי ג:כג) 'הנה אנכי שלח לכם את אליה הנביא, והוא יבא וינחם אתכם, מנין, שנאמר (שם, כד) 'והשיב לב אבות על בנים'"".***

מ'קען ערקלעהרן דעם ענין: אין זכות פון מצות שילוח הקן איז מ'זוכה צו ביאת המשיח, אזוי ווי ס'שטייט (תשובות "חות יאיר" סימן סז) בשם הזוהר הק' (ראה זוהר חדש רות עז:א) דער טעם פון מצות שילוח הקן איז, כדי די מוטער פויגל וואס מ'שיקט אוועק, זאל האבן צער, און ווען זי פליעהט פון איין פלאץ צום אנדערן צו זוכן איהרע קינדער, וועט ערוועקט ווערן ביים באשעפער דאס רחמנות אויף זיינע קינדער אין גלות". (ע"ע "רבנו בחיי" בפרשתנו; שו"ת חת"ס או"ח סי' ק'; "חתם סופר" עה"ת ד"ה בילקוט ראובני פ' תצא), קומט אויס אז מיט'ן מקיים זיין מצות שילוח הקן איז מען מעורר רחמי המקום ברוך הוא אויף זיינע קינדער וואס זענען צושפרייט אין גלות, און דורכדעם וועט דער באשעפער צואיילן ביאת משיח און אונז ברענגען קיין ארץ ישראל. דער ענין פון ביאת אליהו הנביא ז"ל אין זכות פון מצות שליח הקן, קען מען פארשטיין לויט'ן "תוספות יום טוב" (עדיות ח:ז) אויפ'ן פסוק "הנה אנכי שלח לכם את אליה הנביא... והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם": אליהו הנביא וועט אומקעהרן די הערצער פון די עלטערן אויף די קינדער, און פון די קינדער אויף די עלטערן, וואס צוליעב זייערע

המשך בעמוד הבא ->->->->->

## בערל ווערטער - כי תצא תשפ"ה

### ...אה שור אחיך...השב תשיבם לאחיך. (תצא כב:א)

...שטייט, "**שור אחיך**", און אין פ' משפטים שטייט: "**שור אויבך**',—אז
...צוריק געבן דעם אקס פונעם פיינט. דער פסוק באטאנט: אז ס'איז
...נוג אז מ'גיט צוריק די אבידה, נאר פונעם "אויביך' דארף אויך ווערן
...—אז דער בעל האבידה זאל ווערן אזוי ווי א ברודער.

*(רבינו בחיי)*

### ...קים עמו. (תצא כב:ד)

...דאפעלטע לשון "**הקם תקים עמו**", לערנט אונז, אז ווען א מענטש
...יין חבר, העלפט ער זיך אויך אליין. "**הקם**",—ווען דו וועסט העלפן
..., "**תקים עמו**",—וועסטו דיך אליין אויפשטעלן צוזאמען מיט אים.

*("שפת אמת")*

### ...שבתך חוץ וחפרת בה ושבת וכסית... (תצא כג:יד)

...**רת**" איז א לשון בושה, אזוי ווי ס'שטייט (ירמיה נ): "**בושה אמכם**
...**רה יולדתכם**", טייטשט דער "מצודת ציון": "חפרה', ענין בושה".
...**שבתך חוץ**",—אויב דו ביזט אינדרויסן, דו טוהסט ח"ו אן עבירה,
...**בה**",—און דו שעהמט'ס זיך דערמיט, "**ושבת**",—און דו טוהסט
..."**וכסית את צאתך**",—וועט דיין זינד צוגעדעקט ווערן.

*(בוצינא דנהורא)*

### ...יה בך ערות דבר ושב מאחריך (תצא כג:יד).

...ל הבית גייט געווענליך פאראויס פון גאסט און ווייזט אים צו זיין
... א פארברעכער, גייט דער פאליציאנט הינטער אים, כדי ער זאל
...טליפן. ווען אידן גייען אין באשעפער'ס וועגן, גייט דער באשעפער
... פאר זיי. אבער ווען מ'זינדיגט ח"ו, גייט דער באשעפער פון הינטן...
...**ה בך ערות דבר**",—זאלסט נישט זינדיגן, ווייל דעמאלט וועט זיין,
...**חריך**",—דער באשעפער וועט גיין פון הינטן...

*(הגאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל)*

### ...שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת לד' אלקיך. (כי תצא

...מרא (נדה ל:) זאגט, ווען דער מענטש ווערט געבוירן, באשווערט
..., ער זאל זיין א צדיק און נישט א רשע. דער פסוק לערענט אונז,
...**שפתיך תשמר ועשית כאשר נדרת לד' אלקיך**"—דער מענטש דארף
...ן דאס וואס ער האט געשוואוירן, איידער ער איז געבוירן געווארן,
...**ק ואל תהי רשע**",— ער זאל זיין א צדיק און נישט א רשע.

*(של"ה הק')*

### ...ם בִּן הכות הרשע. (תצא כה:ב)

...ערן ווארט: "בִן", איז דא חיריק. דאס ווארט "**בִּן**", איז א לשון
...—פארשטאנד. איידער מ'גיט דעם מענטש מלקות דארף מען
...אכטן צו ער קען דאס פארנעמען, ווייל אויב ער קען נישט פארנעמען
...ג מלקות, גיט מען אים וויניגער.

*(אור החיים הק')*

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

<<<<<<

צרות איז זיי באפאלן א מורך ופחד, און זיי זענען צושפרייט געווארן אין גלות, און אליהו הנביא וועט זיי אין יענעם טאג אומקעהרן צו זייער שטארקייט, און זיי אומקעהרן אינאיינעם, און וועלן זיך טרייסטן איינער דעם אנדערן, אמן וכן יהא בימינו", קומט אויס אז דורך מצות שילוח הקן, ווען די מאמע פויגל פליעהט אוועק זוכן איהרע קינדער, ווערט ערוועקט דאס רחמנות ביים באשעפער אויף די עלטערן און אויף די קינדער, וואס זענען געווען צושיידט איינער פונעם אנדערן אינעם גלות צוליעב'ן פארכט פון די פעלקער, און ער וועט צואיילן דאס קומען פון אליהו הנביא מקיים צו זיין "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם". לויט'ן אויבן דערמאנטן זוהר הק' דארף זיך די שארית הפליטה מתחזק זיין (נאך די שרעקליכע מלחמה), אויב דורך די מאמע פויגל וואס וואנדערט אין הימל זוכן איהרע קינדער, ווערט ערוועקט רחמי שמים אויף אידן וואס זענען צושפרייט אין גלות, איז דאך אוודאי ווען אידן זוכן זייערע מאמעס און מאמעס זוכן זייערע קינדער און טרעפן זיי נישט, וויפיהל ווערט צוליעב ערוועקט אויף אונז רחמי שמים, מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פונעם גלות.

*(כ"ק מהר"ם מבילגורייא זי"ע מובא בספר "פרשת מרדכי")*

### כי יקרא קן ציפור... (כי תצא כב:ו)

***מדרש:** (דב"ר ו:א) הלכה תינוק שנולד כשהוא מהול מהו שיהא מותר למול אותו (הטפת דם ברית בשבת) כך שנו חכמים הנולד מהול צריך להטיף ממנו דם ברית מפני בריתו של אברהם אבינו ע"ה.*

דארף מען פארשטיין. פארוואס ענטפערט דער מדרש אויף די שאלה פון הנולד מהול מיט'ן לשון צריך,—**מ'מוז** מטיף זיין דם ברית אין שבת, דער שואל האט דאך נאר געפרעגט, שיהא "מהו "מותר" למול אותו אויב מ'מעג? דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע] האט געזאגט. ס'שטייט אין טור (יו"ד רס"ה) אז ווען א טאטע איז מל זיין זוהן דארף ער מאכן צוויי ברכות. איין ברכה "על המילה" אויף די מצוה אליין, און די צווייטע ברכה "להכניסו בבריתו של אברהם אבינו". פרעגן די מפרשים ווי זעהט מען מ'זאל אויף איין מצוה דארפן מאכן צוויי ברכות? נאר די כוונה קען זיין אזוי: ווען אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט האט דער באשעפער אים צוגעהאלפן אזוי ווי ס'שטייט (נחמי' ט:ח) אין פסוק "וכרות עמו הברית". ווייל אויסער די קיום המצוה וואס אברהם אבינו האט געדארפט מקיים זיין, האט ער אויך געדארפט אריינלייגן גרויסע כוחות אז די מצות מילה זאָל זיין בשלימות מיט א גרויסע קדושה, כדי אריינצוברענגען אין אידישע קינדער קדושה און טהרה, ווייל דאס איז א טויער פאר אלע מצוות, האט אים דער באשעפער געדארפט צוהעלפן, ער זאל דאס קענען מאכן מיט אזא קדושה אז ס'זאל בלייבן דער רושם פון אריינצוברענגען קדושה אין אידישע קינדער אויף שטענדיג. דעריבער מאכט מען צוויי ברכות איין ברכה אויף די מצוה אליין, און די צווייטע ברכה "להכניסו בבריתו של אברהם אבינו", וואס באצייכנט די קדושה פון אברהם אבינו. דאס איז פשט אין מדרש, אויף די שאלה צו מ'מעג מל'ען [=הטפת דם ברית] אין שבת כאטש דאס קינד איז דאך געבוירן געווארן גע'מל'ט, און מ'האט שוין מקיים געווען די מצוה פון מילה, אויף דעם איז דער ענטפער, נישט נאר מ'מעג נאר מ'דארף, ווייל כאטש דאס קינד איך געבוירן געווארן גע'מל'ט, אבער צוליעב מאכן די ברכה פון "להכניסו

המשך בעמוד הבא ->->->->->



## מתורת רבותינו אויף די פרשה

של אברהם אבינו", ד.מ. כדי אים אריינצוברענגען אין די קדושה פון אבינו מוז מען מטיף זיין דם ברית. לויט דעם איז פארשטענדליך ספיהר פונעם מדרש, "צריך להטיף ממנו דם ברית מפני בריתו הם", ווייל די הטפת דם ברית העלפט ארויפצולייגן אויפ'ן קינד די פון אברהם אבינו.

*-(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)-*

### ה לך בכיסך אבן ואבן גדולה וקטנה... זכור אשר עשה לך . (כי תצא כה:יג-יז).

**: די תורה האט געשריבן די צוויי זאכן נאכאנאנד, כדי אונז צו לערנען מען פאלשט און מען זאגט שקר, ברענגט דאס צו אז די שונאי ישראל אלן קומען.**

 מען פארשטיין וואס איז די שייכות צווישן די צוויי זאכן? הרה"ק ס קאריצער זי"ע האט געזאגט, אז זאגן ליגנט איז ערגער פון די עבירות. פארוואס? ווייל ווען א מענטש איז עובר אויף א גרויסע "ו, ווייסט ער אז ער דארף תשובה טוען, אבער ווען ער זאגט ליגנט, אשאפן א מלאך וואס זאגט ליגנט, און דער מלאך מאכט פון עבירות און פון מצוות מאכט ער 'עבירות', און דאס וועט אים צוברענגען ח"ו נאך עבירות. דאס איז אויך די קליפה פון עמלק. אזוי ווי רש"י זאגט רך", אז עמלק האט 'קאלט' געמאכט וויאזוי האט ער דאס מצליח ו טוען? נאר ער האט געמאכט פון עבירות 'מצוות' און פון מצוות , וואס דורכדעם איז מען ממילא קאלט געווארן. דערפאר זאגט ווען מ'זאגט ליגנט און מ'מאכט פאלשע וואג-שטיינער, ברענגט אז עמלק זאל קומען, דאס מיינט מען דער יצר הרע פון עמלק וואס ט די אויגן פון א מענטש.

*(כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א - סעודה ג' תשנז)*

### אה את שור אחיך...נדחים...השב תשיבם לאחיך. בב:א)

 זאגן אז דער באשעפער היט די מצות פון די תורה, און ער איז אויך י מצוה פון השבת אבידה. איז וועלכע פארלוירענע זאך טוט דער ער אומקערן? זאגט דער אור החיים הק' אז דער באשעפער העלפט ן פארבלאנזשעטע נשמות צום גלייכן וועג. כאטש די גמרא (בבא ל:א) זאגט אז א זקן—אן אלטער מאן וואס ס'איז נישט פאר זיין גן איז ער פטור פון אומצוקערן אן אבידה. און איינער וואס זינדיגט און צומאל ווערט זיין נשמה פארזונקען אין די שמוץ פונעם זינד, ול, דער באשעפער, איז דאך א זקן און ס'איז לכאורה נישט פאר ער זאל זיך אפגעבן מיט א פארשעמטע אבידה. נאר דער רמב"ם דה פי"א הי"ז) ערקלערט אזוי: איינער וואס גייט בדרך הישר והטוב ו זיך לפנים משורת הדין, טוט יא אומקערן אן אבידה כאטש ס'איז י כבודו, און דער באשעפער איז דאך א מתנהג בחסידות אזוי וואו ' אין סליחות "**א-ל מלך יושב על כסא רחמים ומתנהג בחסידות**", באשעפער, אומקערן די פארבלאנזשעטע נשמות צום גלייכן וועג שורת הדין.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

<<<<<<

### זכור את אשר עשה לך עמלק...לא תשכח. (תצא כה:יז-יט)

די מפרשים פרעגן, פריער שטייט "תמחה את זכר עמלק" און דערנאך "לא תשכח", וואס איז א דאפעלטער לשון? זיי ענטפערן, אזוי איז דער דרך הנביאים, וואס כדי מחזק צו זיין די זאך חזר'ן זיי דאס איבער מיט אנדערע ווערטער און אזוי אויך דא. און דער ענין איז, וויבאלד מ'דארף שטענדיג געדענקען מעשה עמלק בפשטות, אזוי ווי ס'שטייט אין די ספרי יראים ברמז "זכור אשר עשה "לך" עמלק, דייקא, און לעתיד לבוא וועט די מצוה פון מחיית עמלק זיין אויף אן אנדערע אופן ווי ס'איז יעצט, ווייל דעמאלט וועט אלעס זיין בשלימות. און פונקט אזוי ווי יעצט קענען מיר גארנישט טוען במעשה פאר מחיית עמלק, אזוי ווי רש"י זאגט "צרור את המדינים" (במדבר כה:יז)—עליכם לאייב אותם, מ'דארף געדענקען מעשה עמלק און זיי שטענדיג פיינט האבן, און דורכדעם העלפט אונז דער באשעפער יעדער יאהר פון די ישועות וואס וועט זיין לעתיד, וואס דעמאלט וועט עמלק אינגאנצן נכנע ווערן בשלימות. דאס זאגט דער פסוק "והיה בהניח ה' אלקיך מכל אויביך מסביב",—דעמאלט וועט אלעס זיין בשלימות, און מחיית עמלק וועט זיין בפועל, און ס'וועט נאכאמאהל זיין "תמחה את זכר עמלק ...לא תשכח", אז לעתיד נאכדעם וואס עמלק וועט אינגאנצן נכנע ווערן וועט די מצוה פון מחיית עמלק זיין אויף אן אנדערן אופן. אויך דער פסוק "זכור...תמחה את זכר עמלק", באדייט אז מ'דארף אויך אצינד געדענקען, וויאזוי דער באשעפער וועט אונז לעתיד העלפן און עמלק וועט אינגאנצן אויסגעמעקט ווערן, "לא תשכח", און מ'טאהר נישט פארגעסן אז אויך אצינד העלפט אונז דער באשעפער מעין הישועות פון לעתיד לבוא.

*(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע - סטרעליסקער חיבור)*

## פערל ווערטער - ב' כי תצא תשפ"ד

### ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים (כה:יח)

מ'קען זאגן פשט אין פסוק על דרך העבודה. א מענטש דארף וויסן זיך נישט צו פאָפן ווען ס'קומט צו עבודת ה'. דער פסוק באטאנט: דו קענסט זיין מיד און פארמאטערט פון דיין עבודת הקודש, פונדעסטוועגן "ולא ירא אלקים",—ביסטו נאך נישט צוגעקומען צו זיין א ירא אלקים.

*(שארית ישראל - להג"ר ישראל דוב בער בהג"ר יוסף אבדק"ק ווילעדניק)*

### תמחה את זכר עמלק מתחת השמים. (תצא כה:יט)

"**זכר עמלק**",—מ'דארף שטענדיג געדענקען און זיין גרייט מיט א מלחמה קעגן דעם יצר הרע אונז וואס וויל אונז אריינצוכאפן אין זיין נעץ. "**מתחת השמים**"—ווילאנג מ'לעבט אונטערן הימל...

*(הרה"ק רבי משה מפשעווארסק זי"ע)*

### תמחה את זכר עמלק מתחת השמים (תצא כה:יט)

עמלק זאגט אז אלעס איז "מתחת השמים", אלעס פאסיהרט 'אונטערן' הימל, ס'איז נישט פונעם באשעפער ח"ו. זאגט דער פסוק "תמחה את זכר עמלק", ווייל א איד דארף וואוסן אז אלעס וואס פאסיהרט אויף די וועלט, קומט פון אויבן, אלעס מאכט דער באשעפער.

*("תפארת שמואל" -לפ' זכור, אות ו)*



## מַיין שַׁיינער רֶמֶז אויף דִי פַּרְשָׁה

**...ת למלחמה על אויביך, ונתנו ה'אלקיך בידיך ושבית שביו (...א כא:י)**

...טייט אין ספה"ק א סגולה ניצול צו ווערן פונעם יצר הרע, אז מ'זאל ...מאהלן פאר די אויגן צורת אביו. דאס איז דער פסוק מרמז: "כי ...לחמה על אויביך", זאגט רש"י: 'לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע'. ...יז ראשי תיבות **ת**'צייר **צ**'ורת **א**'ביך, ווען דו גייסט מלחמה האלטן ...ר הרע זאלסטו דיר אויסמאהלן די צורה פון דיין טאטן, וועט דאס ...יצול צו ווערן פונעם יצר הרע.

*(גדולת יהושע בשם הרה"ק רבי אברהם יהושע מנאסאד זצ"ל)*

**...ת למלחמה על אויביך... (כי תצא כא:י)**

...אלט געדארפט שטיין "כי תלך למלחמה". נאר "כי תצא" איז מרמז, ...דו גייסט ארויס מאהלו של תורה, באלד דארפסטו זיין גרייט צו א ...מיט דיינע פיינט די מקטריגים און קעגנער'ס ווייל אין די ד' אמות ...ה פון אינדערהיים, פאלן די פיינט אונטער אים.

*("אגרא דכלה")*

**...הבכר בן השנואה יכיר לתת לו פי שנים (כי תצא כא:יז)**

...וואס שטייט "בכר" אהן א ו'? ס'שטייט פונעם אריז"ל און אויך ...הטיול (פונעם מהר"ל'ס ברודער) אז פון אלע אותיות פונעם א' ב' ...א דריי אותיות וואס זייער ווערד איז דאפעלט פון זיין פריער'דיגן ...איז דאפעלט פון א'. כ' איז דאפעלט פון י'. און ר' איז דאפעלט ...וואס דאס זענען די אותיות בכר. דעריבער שטייט נישט בכר מיט ...מז צו זיין דורך די אותיות אז דער בכור באקומט דאפעלט, און ווען ...געשטאנען געשריבן מיט א ו' וואלט דער רמז נישט געווען.

*(פתגמין קדישין)*

**...הרע מקרבך וכל ישראל ישמעו ויראו... (תצא כא:כא)**

...מרא (בבא מציעא קז:ב) זאגט: "קשוט עצמך תחילה ואחר קשוט ...—פארעכט דיך פריער איידער די ווילסט פארעכטן אנדערע. דאס ...פסוק מרמז: "**ובערת הרע מקרבך**',—פריער דארפסטו אליין זיין ריין ...ד, און דערנאך, "**וכל ישראל ישמעו ויראו**',—וועלן די אידן מקבל זיין ...סר רייד.

*("תפילה למשה')*

**...מעקה לגגך... (כי תצא כב:ח)**

...**קה**" איז די ר"ת "**ה**'רהורי **ע**'בירה **ק**'שים **מ**'עבירה". חז"ל (יומא כט.) ...אכטן פון אן עבירה איז הארבער ווי די עבירה אליין. דאס איז דער ...רמז: "**ועשית מעקה**"—דו זאלסט מאכן א צוים, "**לגגך**"—פאר'ן ...אס איז די העכסטע אבר ביים מענטש) דו זאלסט זיך אפהיטן פון ...שלעכטע מחשבות.

*(הגה"ק רבי שלמה לייב מלונטשיץ זי"ע)*

**...בש שעטנז צמר ופשתים יחדיו... (כי תצא כב:יא)**

...ותיות **שעטנ"ז**, האבן אויף זיך תגין אין די ספר תורה. מרמז צו זיין ...שטייט אין ספר "קב הישר" (פרק מו) אז ווען מ'גייט אנגעטוהן מיט ...ווערן די תפילות נישט אנגענומען. דאס איז דער רמז פון תגין אז ...צוריק אז דער מלאך זאל נישט קושר קשרים זיין.

*("מגן אברהם" טריסק)*

## מַיין אוֹצָר... מוּסַר הַשֵּׂכֶל פוּן דִי פַּרְשָׁה

### *דו הייב נאר אהן און דער באשעפער וועט דיר העלפן...*

**כי תצא למלחמה... (כי תצא כא:י)**

חז"ל (קידושין ל:) אז ווען נישט דער באשעפער זאל העלפן א איד אין זיין מלחמת היצר, וואלט ער אליין קיינמאהל נישט געקענט בייקומען דעם יצר הרע. "כי תצא למלחמה על אויביך"—די תורה הק' פאדערט פון א איד בלויז 'דאס ארויסגיין' צו די מלחמה, און אז די וועסט נאר אנהייבן די מלחמה, איז די תורה הק' מבטיח "ונתנו ה' אלקיך בידך", אז דער באשעפער וועט דיר העלפן. *(הרה"ק רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע)*

### *נוצן די זעלבע תחבולות קעגן דעם יצר הרע...*

**ושבית שביו (כי תצא כא:י)**

ווען דער יצר הרע קומט איינרעדן דעם מענטש ער זאל זינדיגן, רעדט ער אים נישט איבער אויף איינמאהל, נאר צוביסלעך 'היום אומר לך עשה כך ומחר אומר לך עשה כך'. די זעלבע זאך ווען דו ווילסט אים באזיגן, זאלסטו אויך נאר גיין פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה, ווייל 'תפסת מרובה לא תפסת'. דאס איז פשט פון "ושבית" און דו זאלסט אים פאנגען, "שביו" אויפ'ן זעלבן וועג אזוי ווי ער וויל דיך פאנגען. *(חתם סופר הק')*

### *מ'דארף פאלגן דעם טאטע'ן און הימל*

**כי יהיה לאיש בן סורר ומורה איננו שומע בקול אביו (תצא כא:יח)**

ווי אזוי איז מעגליך אז א מענטש זאל האבן א זוהן א "**סורר ומורה**"? לערנט אונז דער פסוק: "**איננו שמע בקול אביו**",—דער פאטער הערט נישט און פאלגט נישט זיין טאטן אין הימל, דערפאר האט ער אזא זוהן... *(תולדות יעקב יוסף)*

### *זיך אפלערנען פון די ציצית*

**גדילים תעשה לך על ארבע כנפות... (כי תצא כב:יב)**

פארוואס מאכט מען א ברכה אויפ'ן טלית "להתעטף **בציצית**", און נישט "להתעטף **בטלית**"? ווייל די ציצית הענגען אראפ צו די ערד מיט אן ענוה, און דער טלית הענגט אויף ארויף. *(הרה"ק רבי יחזקאל קאזמירער זצוק"ל)*

### *פריער זיך אפלאזן פון די גשמיות...*

**לא תחרוש בשור וחמור יחדו... (תצא כב:יז)**

'**שור**' ווייזט אויף א הויכע מדרגה, אזוי ווי 'אשורנו ולא קרוב'. '**חמור**' ווייזט אויף חומריות און תאוות. זאגט די תורה, "לא תחרוש",—מ'קען נישט דינען דעם באשעפער, "בשור וחמור יחדיו",—ווען מ'האט נאך פון די חומריות און די תאוות, מ'דארף פריער זיך אפלאזן פון די תאוות, און דערנאך קען מען דינען דעם באשעפער ווי ס'דארף צו זיין. *(מאור ושמש)*

### *יא! יא! נאר ווארט אביסל...*

**וישבה...ירח ימים... (תצא כא:יג)**

די תורה גיט אן עצה קעגן דעם יצר הרע. אז ווען דער יצה"ר קומט צום מענטש און רעדט אים איין צו טוען אן עבירה, זאל ער אים זאגן, יא! יא!, נאר ווארט אביסל, "וישבה ירח ימים", און אזוי ארום וועט זיך דער יצר הרע מייאש זיין פון אים. *("שפת אמת")*



# מיין שבת אוצר

## מיין געדאנק אויף די פרשה

### למלחמה על אויביך, ונתנו ה'אלקיך בידיך ושבית
### כי תצא כא:י)

פסוק קומט אונז זאגן די גרויסע מעלה פון איינעם וואס הייבט
עבודת הקודש שוין אין חודש אלול, ווייל אויב ער וועט ווארטן ביז
נה, דעמאלט איז ער שוין אינמיטן די מלחמה, דעריבער דארף ער
ם זיין און זיך גרייטן צו די מלחמה שוין חודש אלול, דורך תשובה
און צדקה, און דעמאלטן וועט ער קענען קומען צום יום הדין ווי
ער. דאס זאגט דער פסוק: "כי תצא למלחמה", אויב דו ווערסט
ן קודם צו די מלחמה, אין חודש אלול, די ימי הרחמים והרצון,
זאגט דער פסוק צו "ונתנו ה' אלקיך בידך", וועט דער באשעפער
פן זיגן אין די מלחמה.

*(אמרי אלימלך, גראדזשיסק)*

### א קן ציפור לפניך (תצא כב:ו)

טעם פארוואס די מצוה פון 'שילוח הקן' דערנעהנטערט די גאולה
ת המשיח? (דברים רבה ו:ז), ווייל ווען מ'מאכט שילוח הקן און
יקט די מאמע, ווערט די מאמע זייער בצער און וויל זיך נעמען
בן, קומט דער מלאך וואס איז ממונה איבער די עופות און בעהט
פון באשעפער. און דער באשעפער זאגט: אויב דער שר העופות
חמים אויף זיינע באשעפענישן, דארף איך, דער באשעפער, וואס
חום וחנון' אוודאי רחמנות האבן אויף מיינע קינדער וואס זענען
פיהל יאר אין גלות און מ'דארף זיי אויסלייזן.

*("זרע שמשון" אות ד')*

### רוש בשר ובחמור יחדיו. (כי תצא כב:י)

ווארט: "**חמור**", באדייט די חומריות פונעם מענטש. דאגעגן: "**שור**",
ט א העכערע מדריגה, וואס מ'קוקט ארויף, אזוי ווי ס'שטייט (בלק
אשורנו ולא קרוב"— ער קוקט ארויף און ער זעהט: "שבחו של יעקב
אך לא עתה", אזוי ווי רש"י ערקלעהרט דאס. דער פסוק באטאנט,
ן נישט זיין ארייגעטועט אין גשמיות, און גלייכצייטיג צוקומען
רוחניות'דיקע מדריגות. "**לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו**",—דער
דארף צעברעכן די תאוות החומריות, און דערנאך קען ער שטייגן
עלות פון די קדושה.

*(מאור ושמש)*

### עמוני ומואבי בקהל ה'..על דבר אשר לא קידמו אתכם,
### במים, בדרך, בצאתכם ממצריים; ואשר שכר עליך את
### ן בעור, מפתור ארם נהריים לקללך. (כי תצא כג:ד-ה)

רה דארף מען פארשטיין עטליכע דיוקים אין דעם פסוק: קודם
ווערט דאס באטראכט ווי אזא גרויסער חטא דאס וואס זיי
שט אקעגן געקומען די אידן מיט ברויט און וואסער, אפשר זענען
ן ארעם און זיי האבן נישט געהאט מיט וואס קעגן צו גיין זעקס
טויזנט אידן? אויך, פארוואס פעהלט אויס צו זאגן דעם טעם פון
בר עליך את בלעם', פארוואס איז איין טעם אליין נישט גענוג? נאר
יא פארענטפערט די אנדערע. דו פרעגסט פארוואס קומט זיי א
אפשר האבן זיי נישט געהאט קיין געלט, אויף דעם זאגט ווייטער

«««««

## מיין טייטש געדאנק אויף די פרשה

### כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידיך... (כי תצא כא:י)

די גמרא (פסחים נ:) פרעגט: אין איין פסוק שטייט "כי גדול עד שמים חסדך", אז דיינע חסרים זענען גרויס ביז צום הימל, און א אנדערע פסוק שטייט "כי גדול מעל שמים חסדך" אז דיינע חסדים זענען גרעסער איבער די הימלען, איז דאך דאס לכאורה א סתירה? ענטפערט די גמרא 'כאן בעושין לשמה' דער פסוק ווי ס'שטייט "כי גדול מעל שמים חסדך" רעדט זיך ווען ער טוהט די מצוה לשמה, 'וכאן בעושין שלא לשמה' און דער פסוק וואס שטייט "עד שמים חסדיך" רעדט זיך ווען ער טוהט די מצוה שלא לשמה.

דער אונטערשייד צווישן דעם ווארט "**עד**" וואס דאס באטרעפט פיר און זיבעציג, (74) און דאס ווארט "**על**" וואס באטרעפט הונדערט (100) איז זעקס און צוואנציג, (26) וואס דאס איז אזוי ווי דער שם הוי', וואס איז דער שם הרחמים, דאס זאגט דער פסוק "כי תצא למלחמה" אז דו ווערסט ארויס גיין צו א מלחמה, און די מלחמה וועט זיין "**על** אויביך" צו דינען דעם באשעפער מיט אן עבודה לשמה, אזוי ווי דער ווארט "על" ווייזט אויף לשמה, דעמאלט קענסטו זיין זיכער אז "**ונתנו ה' אלקיך בידך**".

*(צבי לצדיק — בלאזוב)*

## מיין געדאנק אויף די פרשה

«««««

דער פסוק: 'ואשר שכר עליך את בלעם,'—זעהסטו דאך אז צו דינגען בלעם צו שעלטן האסטו יא געהאט געלט? און דורכדעם ווערט נתעורר דער ערשטער חטא פון "אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים".

*("תפארת שלמה")*

### ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה. (כי תצא כג:ו)

בלעם האט דאך געבענטשט די אידן און נישט געשאלטן, איז פארוואס שטייט "ויהפוך ה' לך את הקללה לברכה"? נאר באמת איז שווער: אז בלעם האט געבענטשט די אידן, האט ער דאך געדארפט געבענטשט ווערן, אזוי ווי די תורה הק' זאגט "ואברכה מברכיך"—דיינע בענטשער'ס וועל איך בענטשן. קומט די תורה הק' און זאגט אונז אז בלעם'ס כוונה איז געווען נאר צו שעלטן און דאס וואס ער האט געבענטשט איז געווען—"ויהפוך ה'" ווייל די שכינה הק' האט ארויס געריעדט די ברכות. דעריבער איז בלעם א פארשאלטענער און ס'קומט אים נישט קיין ברכות.

*(דגל מחנה אפרים)*

### והיה אם בִּן הכות הרשע. (כי תצא כה:ב)

אין פ' שופטים זאגט דער פסוק: "וכל העם ישמעו ויראו ולא יזידון עוד",—דאס פאלק זאל הערן [אז איינער וואס האט געזינדיגט ווערט געשטראפט], וועלן זיי מורא האבן צו זינדיגן. דאס ווארט "בִּן", וואס שטייט מיט א חיריק,—באדייט "בינה", פארשטאנד (זעה אוה"ח הק'). "והיה",—איז א לשון שמחה, (מדרש רבה פ' לך לך מב:ד). דער פסוק באטאנט, "והיה",—ס'וועט זיין א שמחה, "אם "בִּן", הכות הרשע",—אז דער מענטש וועט פארשטיין, אז מ'שטראפט דעם רשע, ווייל ער האט געזינדיגט, וועט ער פון דעם זיך אפלערנען, זיך צו דערווייטערן פון טוען אן עבירה.

*("מצמיח ישועה")*

## ...אוועק די מאמע און ...עם די קינדל...

**...לח את האם ואת הבנים תקח ...צא כב:ז)**

...הל האט די מאמע פון רבי ר' ...ייבישיץ געבאקן א 'קינדל' ...לע"ז. רבי ר' יהונתן איז נאך ...א קינד, און ווען זיין מאמע ...יס פון שטוב האט ער זיך ...פט און געגעסן פונעם 'קינדל', ...מאמע איז צוריק אריין אין ...אט זי אים געפרעגט דערויף? ...געענטפערט מיט א שמייכל: ...מקיים געווען וואס ס'שטייט ...ק "שלח תשלח את האם", ...מאמע אוועק אינדרויסן, ואת ... און די 'קינדל' "תקח לך" נעם

*... (גן יוסף)*

## ...געווייקלט אין יענעמ'ס טלית...

**... לאיש בן סורר ומורה... ...ותו... (כי תצא כא:יח).**

...הל איז געקומען א בעל דרשן ...א, וואס האט יעדן באצויבערט ...דרשה. כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא ...ט אבער געשפיהרט אז זיין ...יז נישט געווען אייגענס, ער ...ך איין, נישט אינעם אייגענעם ...ר נוצט יענענ'ס דרשות אין ...ענעם נאמען], אבער מרן ...ט גארנישט רעאגירט, ווייל ...אט ער פונקט מכוון געווען ...ם גדול'ס דרשה, און כדי דאס ...שטעלן האט מען דעם בעל ...כבד געווען נאכאמאהל צו ...ן, און זיין צווייטע דרשה האט ...יש'נט פון ספר 'פרשת דרכים', ...יין אייגענעם נאמען. האט מרן ...אויסגעדרוקט אויף דעם בעל ...רך צחות מיט די ווערטער פון

רש"י: "הגיעה תורה לסוף דעתו, שמבקש לימודו ואינו מוצא, ועומד ב'פרשת דרכים' ומלסטם את הבריות",—מ'האט זיך ענדליך דערוואוסט פון דעם בעל דרשן, ער ווילן דרש'ענען אבער ער קען נישט, נעמט ער דעם "פרשת דרכים", און בארויבט [נארט אויס] מענטשן, [כאילו ס'איז זיין אייגענע דרשה]. *(דובר שלום אות צה)*

## "ער דארף זיין א מענטש..."

**את בתי נתתי לאיש הזה... (כי תצא כב:טז)**

דער טשעבינער רב זצ"ל האט דערציילט: הגה"ק רבי משה אונגאר זצ"ל, דעם צאנזער רב'ס איידים, האט געשיקט א בריוו צום שווער, ווי ער לויבט אויס א געוויסער בחור וואס מ'רעדט אים פאר זיין טאכטער, און ער וויל הערן זיין מיינונג אויף דעם בחור. האט דער צאנזער רב זי"ע צוריק געענטפערט: דעם עיקר האסטו מיר נאכנישט געשריבן, איז דער בחור א '**מענטש**'? אזוי ווי ס'שטייט אין די תורה, "**את בתי נתתי לאיש הזה**",— פאר אלעס דארף דער בחור זיין א 'איש', א מענטש... *(באר הפרשה)*

## "חסרונות פונעם קמצן און פזרן..."

**על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים...ואשר שכר עליך את בלעם... (כי תצא כג:ה).**

א קמצן האט א מעלה מיט א חסרון. א חסרון ער איז קארג. א מעלה ער שפענדט נישט קיין געלט אויף מחלוקת. ווידער דער פזרן האט א מעלה, ער איז נישט קארג, אבער זיין חסרון איז, ער שפענדט געלט צו קענען באזיגן זיין חבר. "על דבר..." וועגן די צוויי שלעכטע מדות, "אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים", די שלעכטע מדה פון קארגשאפט, און "ושכרו עליכם את בלעם", די שלעכטע מדה פון פזרנות, ווייל וואלטן זיי נישט געדונגען בלעם, וואלט מען זיי נאך געקענט דן זיין לזכות, ווייל צוליעב קארגשאפט האבן זיי אייך נישט מקדם געווען מיט ברויט, אבער אזוי ווי זיי האבן געדונגען בלעם, זענען זיי דאך נישט געווען קארג, האט זיך באלד ארויסגעוויזן אז דאס נישט מקדם זיין מיט ברויט, איז געווען נישט פון קארגשאפט נאר צוליעב זייער וויסטע שנאה. *(יבין שמועה - לבעל ה'שמן רוקח')*

## "א "מוצא" דארף אויך באצאהלן נדרים..."

**מוצא שפתיך תשמר ועשית כאשר נדרת לה' אלקיך... (כי תצא כג:כד).**

הגאון רבי ישעי' ברדקי זצ"ל פון ירושלים, האט גע'מוסר'ט א קארגער גביר פון פינסק, וואס האט מנדב געווען צדקה און נישט באצאהלט. חז"ל (שבת לב:) זאגן: אז צוליעב די זינד פון נדרים וואס מ'באצאהלט נישט שטארבט די פרוי. האט אים איינער געזאגט: "רבי, דער מענטש האט א שלעכטע פרוי, דעריבער באצאהלט ער נישט זיינע נדרים..." האט אים רבי ישעי' געענטפערט: די תורה האט דאס שוין פריער באווארנט. ווייל חז"ל (ברכות ח) זאגן: אין ארץ ישראל ווען מ'האט חתונה געהאט האט מען געפרעגט: "מצא אדער מוצא? "מצא" אזוי ווי ס'שטייט "מצא אשה מצא טוב" (משלי יח), "מוצא" אזוי ווי ס'שטיט "ומוצא אני מר ממות את האשה" (קהלת ז). און רבי ישעי' האט אויסגעפיהרט מיט א שמייכל, דעריבער זאגט די תורה: "מוצא שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת", אפילו דו האסט א פרוי וואס איז בבחינת "מוצא", דארף אויך זיין "שפתיך תשמור", אפהיטן וואס דו האסט צוגעזאגט און באצאהלן דיינע נדרים.

## שטענדיג זיין ריין...

**נקי יהיה לביתו שנה אחת (כי תצא כד:ה)**

שוין פון זיינע יונגע יאהרן, האט הרה"ק רבי לייב'עלע איגר זצוק"ל געצויגן צו חסידות און ער האט זייער געוואלט פאהרן צום קאצקער רבין זצוק"ל. ס'איז געווען אינעם ערשטן יאהר פון זיין חתונה, און מיט רשות פון זיין רעבעצין איז ער געפאהרן קיין קאצק, וואו ער האט פארברענגט א תקופה פארטיעפט אין לערנען תורה און עבודת ה'. זיין נסיעה קיין קאצק איז נישט געפאלן פאר זיין שווער, רבי עזריאל גערטשטיין פון לובלין. האט ער זיך אויפגעהובן און געפאהרן קיין קאצק, כדי צו איבערצייגן זיין איידעם ער זאל צוריק אהיים קומען. ווען ער האט געזעהן אז ס'העלפט נישט, האט ער זיך געוואנדן צום קאצקער רבי'ן און געזאגט: "די תורה זאגט דאך, 'נקי יהיה לביתו שנה אחת'." האט דער קאצקער רבי אים געענטפערט: "**ווען איך וואלט געוואוסט אז ער וועט זיין אזוי ריין אינדערהיים ווי ער איז דא, וואלט איך אים באלד געהייסן צוריק פאהרן אהיים.**"

## "שטענדיג געטוען חסד..."

**ולא תשים דמים בביתך (כי תצא כח:ח)**

הגאון רבי אברהם געניחובסקי זצ"ל, האט נאך זיין חתונה אוועק געבארגט פאר מענטשן זיין גאנצע געלט. אויך ווען ער האט געהאט ביי זיך געלט, האט ער דאס אוועק געבארגט פאר אנדערע. ווען מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער לאזט נישט איבער געלט לעת הצורך? האט ער געענטפערט אז ס'פעהלט אים גארנישט, און אויב ער קען טוען חסד, פארוואס זאל ער דאס נישט טוען? ער פלעגט ממליץ זיי דעם פסוק: "**ולא תשים דמים**",—זאלסט נישט האלטן 'דמים' - 'געלט', "**בביתך**", אין דיין שטוב, אויב דו קענסט העלפן אנדערע פארוואס זאל דאס ליגן אין דיין שטוב?

♦♦♦

## מצוה פון מאכן א מעקה

נה בית חדש ועשית מעקה לגגך ולא
דמים בביתך כי יפל הנפל ממנו. (כי
כב:ח)

אונזער פרשה שטייט א חיוב אז ווען א איד
הויז דארף ער אויך מאכן א 'מעקה' א צוים
אך פון זיין הויז וואס זאל אפהיטן מענטשן פון
לן ח"ו, **"כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך"**.
רה הק' לייגט צו א ווארענונג **"ולא תשים דמים**
**י יפול הנופל ממנו"**,—אז דער מענטש זאל
ישט זיין קיין גורם אויף רציחה אין זיין הויז
ט איינער ח"ו אראפפאלן פון זיין דאך. רש"י
פון חז"ל די כוונה פונעם דאפלטן לשון "כי
פל", כאטש דער מענטש וואס וועט שטארבן
"ו וועט סייווי זיין מחוייב מיתה פון הימל,
נישט וואלט ער דאך נישט אראפגעפאלן
הרט גארנישט אהן קיין חשבון פון אויבן),
ף יעדער איד זיך היטן אז ער זאל נישט זיין
ן דערצו, וויבאלד דער כלל איז, "מגלגלין זכות
כאי וחובה על ידי חייב",—גוטע זאכן קומען
ורך גוטע מענטשן, און דאס פארקערטע ח"ו
הרט.

**רמב"ם** פסק'ענט, און אזוי שטייט אין שולחן
"מ סי' תכ"ז) אז אויב איינער מאכט נישט קיין
ויף זיין דאך, איז ער עובר סיי אויפ'ן מצוה
**ית מעקה לגגך"**. און אין צוגאב צו דעם איז
עובר א באזונדערע לא תעשה פון **"ולא תשים**
**יתך"**.

הויעך פון א מעקה דארף זיין כאטש צעהן
הויעך וואס דאס איז דער שיעור וואס האלט
נטש פון פאלן, און ס'מוז זיין א שטארקע צוים
לט זיך אפילו ווען מ'לאהנט זיך אפ אויפדעם.

## היטן על פי דרך הטבע

יז כדאי צו ברענגן וואס ס'שטייט אין ספר
(מצוה תקמ"ו) לגבי דעם שורש פון מצות
כאטש דער באשעפער ווייסט אלעס און ער
יח מיט א השגחה פרטית אויף יעדע זאך און
פאסירונג וואס פאסירט צו א מענטש, און
ארנישט געשעהן צו א מענטש אויב איז נישט
ר אזוי באשעהרט פון אויבן, ווי חז"ל (חולין ז:)
ן אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין
מעלה",—אז אפילו א פינגער צוקלאפט מען זיך
נישט אהנדעם וואס מ'זאל האבן אויסגערופן פון פריער
אויבן אין הימל אז אזוי דארף יעצט פאסירן. דאך דארף זיך
א מענטש אבער אליין אויך היטן, וויבאלד דער באשעפער
האט אוועקגעשטעלט זיין וועלט אויף די יסודות פונעם
טבע, אז פייער פארברענט, וואסער פארלעשט, אז איינער
פאלט אראפ פון א דאך אדער א שווערע שטיין פאלט
אויף זיין קאפ ח"ו קען ער שטארבן. און דער באשעפער
האט אונז געשענקט מיט א נשמה וואס האט אין זיך שכל
זיך צו קענען היטן פון די אלע שלעכטע זאכן, דעריבער
וויבאלד דער קערפער איז משועבד צום טבע, און שלעכטע
זאכן קענען אים פאסירן, איז די אויפגאבע פונעם נפש
זיך אכטונג צו געבן און אפהיטן דעם קערפער פון אלע




פראבלעמען, ווייל אויב נישט, וועט דער טבע וואס
געוועלטיגט איבערן מענטש אים קענען שלעכט טוען ח"ו.

ס'זענען טאקע דא געציילטע מענטשן וואס צוליעב
זייער גרויס צדקות און דביקות אינעם הייליג'ן באשעפער,
האט דער באשעפער איבערגעגעבן די טבע אין זייערע
הענט אריין, ווי למשל די אבות הקדושים, דניאל, חנניה
מישאל ועזריה, און זייער'ס גלייכן, וואס זיי, דורך זייער
עבודה זענען 'איבערגעשטיגן' די טבע און זיי זענען
געווארן בעל הבית אויף די טבע, אז די טבע זאל זיי נישט
קענען שאטן, ווי אברהם אבינו איז קאלעך אויווען, אדער
חנניה מישאל ועזריה ווי געזאגט. אבער רוב מענטשן
זענען נישט אין די מדריגה, און דערפאר האט אונז דער
באשעפער באפוילן זיך צו היטן, און אויב מ'פארלאזט
זיך אויף א נס וועט דער נס נישט פאסירן, נאר מ'מוז זיך
אכטונג געבן בדרך הטבע ...

### לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדיו (תצא כב:יא)

די נוטריקין פון 'שעטנז' איז "שטן עז". פון דעם
זעהט מען די הארבקייט פונעם איסור שעטנז, וואס מען
דארף אכטונג געבן און זיי גאר שטארק געווארנט דערויף.

אין ריקאנטי (דף סד ע"ב) שטייט אז דער וואס גייט
געקליידעט מיט שעטנז אפילו א קורצע צייט ווערט זיין
תפילה נישט צוגעהערט אין הימל. פון "נודע ביהודה"
(דרושי צל"ח דרוש ח אות ו) שטייט א דבר פלא, אויב
איינער גייט אנגעטוהן מיט שעטנז ווערט זיין תפילה
נישט געהערט פאר פערציג טעג. *("אוצר פלאות התורה"*
*ותשו"ח להמחבר שליט"א)*

## פארוואס זיי האבן באקומען אזא גרויסע שטראף

### לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'...על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים (תצא כג:ד-ה)

רש"י: אז מ'מיינט דאס וואס זיי האבן גע'עצה'ט
צו מאכן זינדיגן די אידן. איז דאך שווער, אין פסוק
שטייט דאך אן אנדערער טעם? נאר, דאס וואס זיי
האבן נישט געגעבן קיין ברויט און וואסער פאר די
אידן, איז געווען כדי זיי זאלן ווערן אפגעמוטשעט
און הונגעריג, און אזוי ארום נכשל ווערן צו עסן דאס
פלייש פון זייערע קרבנות און טרינקען זייער וויין, און
ווערן נאכגעשלעפט צו אנדערע עבירות. מיט דעם
איז, טאקע, פארשטענדליך פארוואס ס'קומט זיי אזא
גרויסער שטראף פאר נישט געבן ברויט און וואסער.
*(כלי יקר)*

## בשעת הסכנה, היטן אפילו פון דקדוקי עבירות

### כי תצא מחנה על איביך ונשמרת מכל דבר רע (תצא כג:י)

כאטש ס'איז דא דקדוקי עבירות וואס דער
באשעפער שטראפט נישט געוועהנליך אויף זיי, און
אפילו אויב יא, איז דאס נאר א לייכטער שטראף, אבער
ווען מ'געפינט זיך אין א סכנה, ווי למשל א מלחמה,
מוז מ'זיין אפגעהיטן פון דעם אויך, "ונשמרת מכל דבר
רע". *(אור החיים הק')*

## אפהיטן דאס מויל וואס מ'רעדט ארויס...

### מוצא שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת... (כי תצא כג:כד)

**"מוצא שפתיך תשמור"**,—דאס וואס מ'וויל ארויס
רעדן פון מויל, זאל מען אפהיטן און ווארטן, ביז מ'וועט
קענען מקיים זיין וואס מ'רעדט ארויס, דעמאלט,
**"ועשית כאשר נדרת"**,—וועט מען קענען מקיים זיין דאס
וואס מ'האט מנדר געווען. *("אור החיים" הק')*

***



## מיין אוצר...מעשי צדיקים אויף די פרשה..

## ...עווען א בן סורר ומורה אין ירושלים...

**ר ומורה...איננו שומע בקולנו (כי**
**א: יח-כ)**

הל האט דער "בית ישראל" פון גור זצוק"ל
ביים "חזון איש", און דער "חזון איש" האט
עהטן ער זאל זאגן עפעס א מאמר. האט
ת ישראל" נאכגעזאגט פונעם "משך חכמה"
ם וואס ס'שטייט (תוספתא נגעים פ"ו, ה"ב)
ורר ומורה נעשה בירושלים", און ער זאגט א
באלד ס'איז געווען אין ירושלים אסאך מעשר
ט און ווייַן האט זיך געגאסן אזוי ווי וואסער
ירושלים און אויך איז געווען אסאך פלייש
קרבנות, דעריבער איז נישט געווען א זינד
ר זוהן איז געקומען צו די מדה פון זוללות,
האט געהאט אזוי פיהל וויין און פלייש, איז
ט געווען שייך אים דן צו זיין על שם סופו.
"בית ישראל" האט צוגעלייגט פאר'ן "חזון
יך א חסידישער תירוץ, מיט'ן זעלבן טעם.
דער בן סורר ומורה ווערט נידון על שם
ן אין ירושלים איז געווען אזויפיהל מעשר
פלייש פון קרבנות, און ביי מעשר שני שטייט
יד:כג) "ואכלת לפני ה' אלקיך...למען תלמד
אז עסן מעשר שני האט געברענגט צו יראת
אזוי ווי תוספות ב"ב כא. ד"ה כי) זאגט: אז
שני און קרבנות זענען איידעלע עסן וואס
ייס-איידלען דעם מענטש וואס עסט דאס,
איז נישט מעגליך אז דורך זיי זאל א מענטש
צו ווערן א בן סורר ומורה, א זולל וסובא.
ר איז אין ירושלים נישט געווען א בן סורר

*ליקוטי יהודה החדש)*

## ...ביי א קרוב איז אנדערש...

**למת מהם... (כי תצא כב:א)**

פעמים שאתה מתעלם, זקן ואינו לפי כבודו (ב"מ ל.)

גאון הדור רבי עקיבא אייגער זצוק"ל
הל געקומען אויף א באזוך קיין ווארשא.
בבות אידן ארויס אים מקבל פנים זיין, און
לט דעם פאסיגן כבוד. פלוצלינג האט דער
בעהטן, מ'זאל פארקירעווען דעם וואגן,
אהרן צו אן אלמנה אין שטאט, וואס איז
יין קרובה. און דער גאנצער עולם איז אים

נאכגעגאנגען. האט איינער געפרעגט דעם גאון: רבי, ס'איז טאקע א מצוה אריינצוברענגען שמחה פאר אן אלמנה, אבער מ'זעהט אז חז"ל זאגן ביי השבת אבידה "פעמים שאתה מתעלם",—אז צומאהל מעג מען אוועק קוקן פון אן אבידה, אויב ער איז א זקן און ס'איז 'אינו לפי כבודו',—ס'איז נישט קיין כבוד ער זאל זיך מטפל זיין מיט אזא אבידה, איז פארוואס רעכנט איר אייך נישט מיט דעם וואס ס'פאסט נישט פאר א גאון הדור צו גיין באזוכן א פשוט'ע אלמנה? האט אים רבי עקיבא אייגער געענטפערט אויפ'ן ארט: "יא! פון דארט איז א באוויז אז איך טאהר זיך נישט אזוי פיהרן; ווייל ביי א קרוב שטייט, "**ומבשרך אל תתעלם**"...




## משה אמת ותורתו אמת...

**כי יקרא קן ציפור לפניך (תצא כב:ו)**

הגאון רבי עזרא עטיה זצ"ל ראש ישיבת "פורת יוסף" פון די גרעסטע ספרדי'שע חכמים אין לעצטן דור, פלעגט פארלערנען א שיעור אין גמרא פאר בעל בתים, סוחרים, און 'הויכע' באאמטע. אמאהל האבן זיי געלערנט די סוגיא פון שילוח הקן, (חולין קלט) ווי די גמרא באהאנדלט דעם פסוק "כי יקרא קן ציפור לפניך בדרך בכל עץ או על הארץ",—קלעהרט די גמרא וואס וואלט געווען דער דין ווען איינער געפינט א נעסט אויף א מענטש'ס קאפ? האט זיך איינער פון די צוהערער ביים שיעור אנגערופן: "וואס פאר א קשיא איז דאס, דאס איז דאך נישט 'רעאליסטיש', פארוואס רעדט די גמרא בכלל פון אזא שאלה?" האט אים הרב עטיה רואיג געענטפערט: די ווערטער פון די גמרא זענען קודש קדשים און מ'טאהר נישט אפלאכן פון זיי. דער איד האט למעשה נישט געוואלט הערן וואס הרב עטיה זאגט אים, און אפילו מ'האט שוין געוואלט ווייטער לערנען, איז די קשיא נאך ווי געהאנגען אין די לופט. הרב עטיה זעהענדיג, אז זיינע ווערטער

געפעלן נישט דעם צוהערער, האט ער שטילערהייט מתפלל געווען און געבעהטן: "**הייליגער באשעפער דו פיהרסט די גאנצע וועלט, באווייז דעם אמת פון דיין תורה**". פלוצלינג קומט אריין איינער פון די שטענדיגע משתתפים ביים שיעור וואס האט שוין געפעהלט א שטיק צייט, הרב עטיה וועלנדיג 'פארדרייען' דעם פריער'דיגן שמועס רופט ער זיך אהן צו דעם איד: "שלום עליכם, וואו ביסטו אוועק געפאהרן אזוי לאנג?" האט דער איד געענטפערט: "איך האב געהאט געשעפטן אין אינדיע, און איך האב געדארפט אפזיצן דארט אפאר וואכן. און ער נעמט זיך פארציילן וואס פאר א מאדנע לאנד דאס איז. למשל איין זאך מוז איך אייך פארציילן וואס ווען איך זעה דאס נישט וואלט איך דאס נישט געגלייבט, שטעלט אייך פאר, א מענטש וואס האט נישט וואס צוטוען מיט זיין טאג, זיצט אונטער א בוים מיט די הענט צוזאם געלייגט אזוי ווי א קלאץ! אזוי ווייט אז אפילו די בעלי חיים האבן זיך טועה געווען און געמיינט אז ער איז א בוים! ס'איז געקומען א פויגל און האט געבויט איר נעסט אויף זיין קאפ, און ער האט אפילו נישט פרובירט צו הייבן זיין האנט איר צו פארשיקן. וואס זאגט איר צו אזא זאך? האט זיך רבי עזרא אנגערופן: "**איך זאג צו דעם משה אמת ותורתו אמת!**"

## פארמיידן ווייטאג פאר א אידיש קינד ...

**ולא תשים דמים בביתך... (כי תצא כב:ח)**

א חסיד פון הרה"ק רבי מענדל'ע פון רימינוב, האט געזעהן דעם אלטן שאקלדיגער טיש ביים רבי'ן אין שטוב האט ער געקויפט א נייעם טיש. דאס קינד פון הרה"ק רבי מענדל'ע מיט זיין חבר האבן זיך געשפיעלט ארום דעם טיש און דער חבר האט צוקלאפט זיין קאפ ביי אן עק פון טיש, און אנגעהויבן וויינען. נאך עטליכע מינוט האט זיך דאס קינד בארואיגט און ווייטער געשפיעלט. ווען דער צדיק האט דאס געזעהן האט ער געהייסן רופן א סטאלער און אים געהייסן קאלעכיג מאכן די עקן פון טיש. האבן זיך די שטוב מענטשן געוואונדערט, צו פארדארבן א נייעם טיש? אבער דער צדיק האט זיך געהאלטן ביי זיינס, און געזאגט: מ'טאהר נישט גורם זיין א ווייטאג פאר נאך א אידיש קינד, וואס זאל זיך ח"ו צוקלאפן זיין קאפ. און מ'דארף פארמיידן

<<<<<<<

... שטוב.

## ...סער טלית קטן צו דערמאנען מצוות...

**...תעשה לך על ארבע כנפות... (כי ...ב:יב)**

...ר רוסישער אויסערן מיניסטער האט ... פאררופן אן אסיפה פון אלע ראשי ... און קהלה פירער. דער ציהל פון די ...איז ליידער געווען אויפצוטוישן דעם סדר ...ם אין די ישיבות און צו מאדערניזירן די ... פון די תלמידים. דארט איז אויך געווען ...ב מטעם" דר. לילנטאל, דער ראבינער ...עגירונג. אינמיטן די אסיפה האט דער ...ער זיך געוואנדן צום גאון רבי איציל'ע פון ...בורג ז"ל און געפרעגט, פארוואס דארפט ...גן אזא גרויסן טלית קטן, אין די צייט וואס ...טאל וואס איז אויך רעליגיעז, טראגט א ...ם טלית קטן און מ'זעהט ניטאמאהל די ...ון אינדרויסן? האט דער גאון ערקלעהרט ...יניסטער, דער צוועק פון די ציצית איז, ...אלן געדענקען די מצוות פון באשעפער, ...י תורה שטייט, "וראיתם אותו וזכרתם". ...ר, דר. לילנטאל, וואס איז א העכסט ...טער מאן און האט א גוטן זכרון, איז פאר ...ג א קליינער טלית קטן, אים צו דערמאנען ...ות פון באשעפער, דאקעגן איך, אן ...ער איד, ווען דער קאפ דינט שוין נישט ..., דארף האבן א גרויסער 'טלית קטן' וואס ... דערמאנען די מצוות פונעם באשעפער...

## ...גשאהל אהן א שמץ פון גזל...

**...שלמה וצדק יהיה לך. (תצא כה:טו)**

...י צייטן פון הגה"ק המקובל רבי חיים שאול ...ל, איז איין יאהר געווען א שנת בצורות, ... יאהר ס'איז נישט געגאנגען קיין רעגן און ...פעלדער איז גארנישט געוואקסן. מ'האט ... און איינגעריסן אויף רחמי שמים, אבער ...גארנישט געהאלפן. איין נאכט האט מען ...ן אין א חלום פאר הגה"ק רבי חיים שאול, ...אל בעהטן ביים קרעמער פונעם קליינעם ...עשפעט, אז יענער זאל מתפלל זיין, און אין זיין זכות וועט גיין רעגן. אינדערפרי האט דער צדיק געהייסן אז יעדער זאל פאסטן און קומען דאווענען אין שוהל. האט זיך דער ציבור געוואונדערט, "מיר האבן שוין אזויפיהל געפאסט און געדאווענט, און מ'איז נישט געהאלפן געווארן, מוז זיין אז דער רב האט עפעס א ספעציעלע סיבה פארוואס ער רופט אונז נאכאמאהל". אויפצומארגנס האט זיך דער גאנצער ציבור פארזאמלט אין שוהל. הגה"ק רבי חיים שאול, האט געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים, און דערנאך האט ער זיך אויסגעדרייט צום עולם, און ווען ער האט געזעהן דעם שפייז-קרעמער זיצן אין א ווינקל האט ער אים ארויפגערופן און מכבד געווען צו זאגן תהלים. האט ער זיך אנגערופן ווער בין איך,



צו זיין דער שליח ציבור פאר כלל ישראל? האט זיך דער ציבור געוואונדערט פארוואס עפעס בעהט דער רב דעם שפייז-קרעמער אזוי שטארק. ביז ער האט מסכים געווען און געזאגט אז ער גייט אהיים, ברענגען זיין סידור תפילה. מ'האט געווארט און געווארט ביז דער שפייז-קרעמער איז צוריק געקומען און געהאלטן אין האנט זיין וואגשאהל מיט וואס ער האט זיך באנוצט אפצואוועגן שפייז, און געזאגט אז דאס איז זיין סידור תפילה. ער האט אויפגעהויבן מיט זיינע הענט די גאנצע וואגשאהל, און געזאגט: "רבונו של עולם מיך האט מען געלערנט אז דיין ליעבער נאמען איז מרומז אויפ'ן וואגשאהל וואס איך האלט אין מיין האנט. דער רינג העכער דעם שטאנד, איז מרומז אויפ'ן אות ה'. איין שיסל פונעם וואגשאהל איז מרומז אויפן אות י'. דער שטאנד פונעם וואגשאהל איז מרומז אויפ'ן אות ו', און דער אנדערער שיסל איז מרומז אויפ'ן לעצטן אות ה', פונעם שם הוי'. הייליגער באשעפער גלוי וידוע לפניך, אז אויף די וואגשאהל איז קיינמאהל נישט געווען א שמץ פון גזל, אין דעם זכות בעהטן מיר דיך אז דו זאלסט אונז געבן גשמי ברכה. דער שפייז-קרעמער האט נאך נישט געהאט געענדיגט זיין בקשה, ווען דיקע וואלקענעס האבן באדעקט דעם הימל, און ס'האט אנגעהויבן אראפצוקומען גשמי ברכה לרוב.

## מ'דארף אלעס טוען מיט יראת שמים...

**אבן שלמה וצדק יהיה לך... (תצא כה:טו)**

כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א דערציילט: ס'איז געווען א אינגערמאן אין שיכון סקווירא, וואס כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצוק"ל האט אים געהייסן לערנען סופרות. שפעטער איז דער אינגערמאן געקומען צום רבי'ן ז"ל, אז ער האט בשום אופן נישט קיין כח צו סופרות, ווייל ס'איז אן 'אחריות'! ער וועט זיך ענדערש נעמען צו א פשוט'ע געשעפט. פרעגט אים דער רבי ז"ל: ס'איז אן אחריות? און אפוועגן א קילא מעהל איז נישט קיין אחריות? וויפיהל לאווין שטייט ביי משקלות וכו', נאר ווען מ'שרייבט פרשיות דארף מען האבן אחריות? און אפוועגן א קילא מעהל איז נישט קיין אחריות?! ממה נפשך, אז מ'דארף טוען מיט יראת שמים דארף מען אלעס טוען מיט יראת שמים.

## נאצאהלט פיהר מאהל אויפיהל...

**ביומו תתן שכרו (כי תצא כד:טו).**

הגה"צ רבי שאול בראך זצ"ל, אב"ד קאשוי, האט געהאט עטליכע ספרי תורה, וואס ער האט געגעבן פאר א סופר מגיה צו זיין און פארערכטן וואו מ'דארף. דער מגיה האט באשטימט א פרייז פאר די גאנצע ארבעט, און הגה"צ רבי שאול האט מסכים געווען. נאך עטליכע שעה זאגט רבי שאול פאר'ן מגיה אז ער וויל צוריק ציעהן פונעם הסכם, צו באצאהלן פאר די גאנצע ארבעט אינאיינעם, ער וויל ענדערש באצאהלן יעדן טאג באזונדער פאר די צאהל שעות וואס דער מגיה האט געארבעט, ווייל אזוי וועט ער קענען מקיים זיין די מצוה פון **"ביומו תתן שכרו"**. האט דער מגיה מסכים געווען צום נייעם תנאי, און יעדן טאג פאר תפילת מנחה, האט דער מגיה באקומען באצאהלט פון רבי שאול פאר זיין ארבעט. ווען דער מגיה האט געענדיגט זיין גאנצע ארבעט האט מען געמאכט א חשבון, איז אויסגעקומען אז פון באצאהלן יעדן טאג פאר די ארבעט, האט דאס געקאסט פיהר מאהל אזוי פיהל, וויפיהל דער סכום איז געווען פריער. **"ביומו תתן שכרו"**.



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## מַיין אוצר...אויף די פַּרשָׁה מרבוה"ק מבעלזא זי"ע

## ...ס'רעגנט ווייל מ'לערנט ...ער די ווינטער סדרות..."

**...א למלחמה על אויביך (כי תצא כא:י)**

... מרן מהר"א מבעלזא זי"ע איז אמאהל
...ן אויף די זומער חדשים קיין טשילקא
...פרוה, ס'האט זיך געמאכט א קאלטער
... און ס'האט שטארק גערעגנט, אלעס
...פלייצט געווארן און אנגעמאכט גרויסע
...ס. זענען די שטאט לייט געקומען צו מרן
... זאל מעורר רחמים זיין. האט זיי מרן
...פרעגט צו ס'איז דא א תלמוד תורה אין
...ט? האבן זיי געענטפערט יא! האט מרן
...הייסן רופן איינער פון די קינדער און ער
...אים וועלכע סדרה ער לערנט? האט ער
...ערט פ' ויגש. (אין יענעם חדר האט מען
...ט חומש לויט'ן סדר הפרשיות און נישט
...סדר פון די סדרות פון קריאת התורה).
... מרן זי"ע ערקלערהט, אז צוליעב דעם איז
...און ס'רעגנט, ווייל מיט'ן לערנען די סדרה
...אן קומט אראפ פון הימל די השפעה וואס
...האבן אויף יענער וואך, צום ביישפיעל אין
...לול לייענט מען פ' "כי תצא למלחמה", צו
...ען דעם מלחמת היצר. און די פרשה פון
...שים עליך מלך" צו דערמאנען קבלת עול
...שמים, אבער אז מ'לערענט די ווינטער
... אין די זומער חדשים ברענגט דאס קעלט

*...(בקדושתו של אהרן ח"א בשם הרה"ח רבי חיים נטע כ"ץ ז"ל)*

## ...ם געווען א זעלטענע מצוה..."

**...תשיבם לאחיך (כי תצא (כב:א)**

... **מהר"א זי"ע** איז זייער ווייניג ארויס
...ן פון זיין שטוב, דעריבער איז כמעט נישט
...קומען ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה
...בת אבידה", און אט האט דער באשפעבר
...עפיהרט די מצוה: מרן זי"ע, האט אמאהל
...ט אויף די פאדליגע ביי זיך אין שטוב,
...אט כמעט ארויף געטרויטן אויף אן ארץ
...יגע פָּאסְט-מארקע (סטעמפ בלע"ז)
...ון הקודש אותיות. ער האט זיך באלד
...טעלט און מיט א שנעלקייט אויפגעהויבן

די פאסט מארקע. מיט פרייד האט ער געזאגט, אז דער באשפעבר האט צוגעפיהרט צו קענען מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה! מרן זי"ע האט אנגעהויבן אויסצורופן: "השבת אבידה"! ביז מ'איז געוואויר געווארן אז די פָּאסְט-מארקע באלאנגט צום גבאי'ן ר' שלום פויגל. אבער ר' שלום איז שוין געהאט אהיימגעגאנגען. האט מען געדארפטווארטן ביז מארגן, ווען ער וועט קומען און אים דעמאלט אומקעהרן די אבידה. ס'איז שווער זיך פארצושטעלן די גרויסע פרייד וואס האט געהערשט ביים צדיק אז ער האט די זכי' מקיים צו זיין אזא זעלטענע מצוה. וואס ביי די ארומיגע מענטשן האט אויסגעזעהן ווי א קליינע פשוטע מצוה, איז ביי מרן זי"ע געווען א גאנצער יום טוב! איידער מרן זי"ע האט זיך געלייגט אפצורוהען, האט ער געמאלדן אז מארגן דארף מען דאווענען פריער, ווייל ס'איז אונטערגעקומען א זעלטענע מצוה, און מ'דארף מהדר זיין צו טוען א מצוה



כ"ק מרן מהר"א זי"ע

מיט א זריזות, אז ווען ר' שלום וועט קומען, זאל מען שוין קענען מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה בשלימות! די שטוב מענטשן האבן מעיד געווען אז א גאנצן טאג איז מרן זי"ע געווען שטארק בשמחה, אז ער האט זוכה געווען מקיים צו זיין א מצות עשה דאורייתא פון 'השבת אבידה'.

## "אכטונג געבן אז די טיהר פונעם גאניק זאל זיין פארשלאסן..."

**ועשית מעקה לגגך... (כי תצא כב:ח)**

ווינטער תרפ"ה (נאך צעהן יאהר וואנדערן אין די פרעמד ביי די ערשטע וועלט קריג) האט זיך כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, צוריק געקעהרט צו די שטאט בעלזא. אלול תרפ"ה אין די וואך פון סליחות. האט ר' נחמן זייפערט, פארענדיגט בויען זיין האטעל אין די שטאט בעלזא, וואס האט געדארפט זיין גרייט אויפצונעמען די פיהלע חסידים וואס קומען צופאהרן אויפ'ן ערשטן ראש השנה, וואס מרן זי"ע וועט פראווען נאכ'ן צוריק קומען קיין בעלזא. ר' נחמן'ס משפחה איז געווען פארנומען מיט אלע צוגרייטונגען, אויפצונעמען די געסט, זיי איינקוואטירן און באזארגן מיט וואס זיי דארפן. יענעם פרי מארגן נאך שחרית האט זיך באמערקט אן אויסערגעווענליכע באוועגונג צווישן די מתפללים. מרן מהרי"ד זי"ע האט אויסגעטוהן די רבינו תם'ס תפילין און פון מויל צו אויער איז ארומגעגאנגען די נייעס, אז מרן זי"ע קלויבט זיך צו גיין באזוכן, ר' נחמן זייפערט'ס נייער האטעל. די נייעס איז אויך אנגעקומען צו ר' נחמן וואס האט געדאווענט מיט'ן רב'ס מנין. ער האט גלייך אהיים געשיקט זיין אינגל פרץ, ער זאל אנזאגן אין שטוב מ'זאל אלעס מאכן גרייט אויפצונעמען דעם זייער חשוב'ן גאסט, וואס וועט באלד קומען באזוכן דעם האטעל. מ'האט פיבערהאפטיג צוגערייט דאס הויז און דעם אריינגאנג פאר די גרויסע אויפנאמע. ס'האט נישט לאנג גענומען און פון דערווייטענס האט זיך



כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע

באוויזן דאס הדרות'דיגע געשטאלט פון מרן זי"ע, אין די באגלייטונג פון די גבאים און צענדליגע מקורבים. ביים אריינגאנג פון האטעל האט זיך מרן זי"ע אפגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט, איבערגעטראטן די שוועל, געגעבן א קוש די מזוזה און אריין אין פאדער צימער, וואס איז גלייך געווארן פוהל מיט די באגלייטער. ר' נחמן האט זיך קוים אדורכגעשטיפט, און די ערשטע פראגע פון מרן זי"ע איז געווען, ווי וועלן די געסט עסן און שלאפן? מרן זי"ע האט באזוכט די קיך און דעם גאנצ'ן אונטערשטער שטאק פונעם האטעל און איז ארויפגעגאנגען צום ערשט'ן שטאק. ער האט זיך אפגעשטעלט אין איינע פון די צימערן, זיך אומגעקוקט און א פרעג געטוען, "נחמן שטענדיג וועט דא שטיין פיהר בעטן?" האט ר' נחמן געענטפערט אז נאר פאר ראש השנה, צוליעב די פיהלע געסט האט ער אריינגעשטעלט פיהר בעטן, א גאנץ יאהר וועלן זיין נאר צוויי בעטן אין א צימער. ווען מרן זי"ע איז אריינגעגאנגען אין איינע פון די פאדערשטע צימער'ן וואס קוקן ארויס צו די גאס, האט מרן זי"ע ארויס קוקענדיג פונעם פענצטער פון די טיהר געזעהן אז דער גאניק [פארטש] איז נאך

‹‹‹‹‹‹





ענדיקט, און ס'האט נאכנישט געהאט א
אט מרן זי"ע פראבירט עפענען די טיהר
זיין צופרידענהייט איז די טיהר געווען
אסן. "ווי איז דער שליסל?" האט מרן זי"ע
ט, "ביי מיר אין קעשענע", האט ר' נחמן
ערט. "אויף צו זיין מער זיכער שטעל צי
צו די טיהר", האט מרן זי"ע באמערקט
עגעבן: "נחמן, אי"ה באלד נאך די ימים
אלסטו זעהן פארענדיגן דעם גאניק".
ע איז נאך פארבליבן א פאר מינוט אין
און געזאגט מבינות וועגן דעם בנין און
יכטונגען, זיך געזעגנט און געוואונטשן א
ר.

## ...ענען אויפבויען א נייע ...וסער בית המדרש..."

**...ם תעשה לך על ארבע כנפות... (כי ...בב:יב)**

...רציילט, ווען ס'האט אויסגעבראכן די
שריפה אין בעלזא, וואס האט פארברענט
הייזער און אויך דאס בית המדרש, וואס
מהר"ש זי"ע האט געהאט געבויעט אויף
ר, איז דאס געשעהן פון דעם וואס איינער
יינוואוינער נאהנט צום בית המדרש, האט



...' יצחק לאנדא

געמאכט הבדלה מוצש"ק
חוה"מ סוכות, אין א פינק
פונעם הבדלה לעכט האט זיך
אנגעכאפט אונעם סכך, און
פאראורזאכט דאס פייער.
אלע זענען געווען זיכער אז
מרן מהרי"ד זי"ע וועט האבן
דערפון גרויס צער, אבער
...ן ערשטוינט געווארן ווען מרן זי"ע האט
...ציילט א מעשה: ביים רבין פון לובלין זי"ע
...סירט אז א קינד האט נישט ווילנדיג ארויף
...ן אויף די ציצית פונעם טלית. דער טלית
...ל געווארן, און מ'האט געדארפט טוישן די
...האט מען געמיינט אז דער 'רבי' פון לובלין
...בן אן הקפדה אויפ'ן קינד, אבער אנשטאט
... דאס קינד געלעגט און מקרב געווען, און
...והאיגט, "שוין א לאנגע צייט וואס איך וויל
... ציציות, וואס זענען שוין צוליעב אלטקייט
צוקראכן. אבער אראפנעמען די ציציות און זיי טוישן
האב איך נישט געוואלט, אצינד, ווען דער טלית איז
במילא פסול געווארן, וועל איך קענען טוישן די ציציות
אויף נייע".

"אויך איך" האט מרן מהרי"ד זי"ע אויסגעפיהרט,
"וויל שוין א לאנגע צייט פארגרעסערן דאס בית
המדרש, און צוליעב צוויי סיבות האב איך דאס נישט
געטוען. איינ'ס וייל מ'פארניכטעט נישט א בית
המדרש ביז מ'בויעט פריער צוריק אן אנדער בית
המדרש. צווייטנס וייל דער זיידע האט דאס געבויעט,
האב איך נישט געוואלט דאס צוריהרן. אצינד ווען דאס
בית המדרש איז פארברענט געווארן, וועל איך קענען
אויף דעם פלאץ אויפבויען א נייע און גרויסער בית
המדרש, וואו ס'וועט זיין פלאץ פאר יעדן. *(יחיד בדורו)*

## "ופרח לו איש האמת..."

**וברכך ולך תהיה צדקה לפני ה' אלוקיך (כי תצא כב:יג)**

הרה"ח רבי משה מאיר טייכמאן ז"ל פון מונקאטש [דער עלטער זיידע פון האחים קאטה שיחיו בני ר' אהרן ע"ה] איז געווען א פייערדיגער בעלזער חסיד, [ער האט זוכה געווען מיטצוהאלטן 41 סדרים אין בעלזא]. רבי משה מאיר איז געווען דער געטרייער גבאי צדקה פון מרן מהרי"ד מבעלזא אין די שטאט מונקאטש, און מרן זי"ע האט אים פארטרויערט מיט'ן אויסטיילן זיינע צדקה געלטער. אמאהל זאגט אים מרן מהרי"ד זי"ע, "משה מאיר איך דארף נויטיג האבן געלט פאר צדקה, זיי מוחל און גיין שאף מיר געלט". רבי משה מאיר האט זיך געוואונדערט וואס פלוצלינג דארף מרן זי"ע האבן אצינד געלט, ס'איז דאך נישט פאר א יום טוב וואס דעמאלט האט ער געשאפן גרויסע סכומים געלט, צו קענען אוועק טיילן פאר די נצרכים און ארעמעלייט אויף יום טוב. איז רבי משה מאיר ארויס אין גאס צו פרובירן שאפן געלט. פלוצלינג רופט אים איינער: משה מאיר! משה מאיר! ער שטעלט זיך אפ, דרייט זיך אויס און פאר אים שטייט א איד וואס זאגט אים אז ער האט צדקה געלט איבער צוגעבן פאר מרן זי"ע, און דערלאנגט אים א זעקל מיט געלט. רבי משה מאיר נעמט געהרן איבער דאס געלט, און פרייט זיך אז ער האט שוין וואס צו קענען געבן פאר מרן זי"ע. רבי משה מאיר גייט ווייטער זיין וועג, אבער פלוצלינג שטעלט ער זיך אפ, "ווער איז דער פערשוין, ער קען דאך אים גארנישט, ער האט אים נאך קיינמאהל נישט געזעהן?" אבער אזוי ווי ער דרייט זיך אויס און וויל יענעם פרעגן זיין נאמען און ווער ער איז, איז דער איד פארשוואונדן פאר זיינע אויגן. ואיננו. כי פרח לו איש האמת. אויך ווען מרן מהרי"ד זי"ע האט פארלאזט די שטאט מונקאטש, האט ער איבערגעלאזט ביי רבי משה מאיר א סומע געלט, ער זאל פארטיילן פאר די ארעמעלייט אין שטאט.

## "א חשש פון ריבית..."

**לא תשיך לאחיך... (כי תצא כג:כ)**

אין די ערשטע יאהרן נאך די מלחמה, האט דער פאפא רב זצ"ל דער בעל "ויחי יוסף" געוואוינט אין אנטווערפען און דארט אנגעפיהרט מיט א ישיבה. אין יאהר תש"ט, זענען א גרופע בעלזער חסידים אין אנטווערפן צום ערשט'ן מאהל געפאהרן קיין ארץ ישראל להסתופף בצל הקודש פון **כ"ק מרן מהר"א זי"ע**. ווען די חסידים ובראשם דער פאפער רב זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט מען זיי העפליך ענטפאנגען און אלע האבן געגומען שלו' ביי מרן זי"ע. איינע פון די אינגעלייט פון די נסיעה האט זיך אפגערעדט פאר'ן פאפער רב אז יעדעס מאהל וואס ער גיט די האנט פאר מרן זי"ע, גיט אים מרן זי"ע צוריק די



האדמו"ר מפאפא זצ"ל

האנט מיט א האנטוך, (אזוי ווי מרן זי"ע פלעגט טוען פאר קינדער אונטער די בר מצוה) און די זאך טוהט אים שטארק וויי. דער פאפא רב האט אים אויפ'ן פלאץ געפרעגט צו ער טוהט עפעס געשעפטן וואס זענען נישט אויסגעהאלטן לויט די הלכה?" האט זיך דער אינגערמאן דערמאנט אז ער האט טאקע אינוועסטערט זיין געלט אין א געשעפט וואס האט א חשש פון ריבית. "אויב אזוי", האט אים דער פאפא רב געענטפערט: "זיי שוין מבטל דאס געשעפט". דער אינגערמאן האט זיך גלייך פארבונדן קיין אויסלאנד און אנולירט זיין אינוועסטמענט אינעם פארצווייפעלטן געשעפט. באלד דערנאך, ווען דער אינגערמאן איז געווען ביי מרן זי"ע און נאכאמאל געגעבן די האנט, האט אים מרן זי"ע געגעבן די האנט אהן א האנטוך. **לא תשיך לאחיך**. *(בקדושתו של אהרן)*

# הגה"ק רבי אברהם יעקב הלוי מפראבוזנא זצוק"ל

## שו"ת "צור יעקב" • ט"ו אלול תש"ב

**...לה תולדות:** הגה"צ רבי אברהם יעקב הלוי הארוויץ, דער פראבוזנא רב, איז געבוירן געווארן אין יאהר תרכ"ד אין די ...אסוב צו זיין טאטע הגה"צ רבי שמואל הלוי, וואס איז געווען א גדול בתורה ויראה. (בן הרה"ק המקובל ר' טודרס יהודה ...ב"ד בראדי בעל שורש מיעקב זי"ע בן הגה"ק ר' יעקב הלוי מחכמי הקלוד בבראדי זי"ע ולמעלה בקודש עד רבינו הגה"ק ...ה הלוי איש הורוויץ בעל השל"ה הקדוש). זכר צדיקים לברכה.

**...יש מקדש:** מרת גיטל שיינדל בת הרה"ק ר' מרדכי שליט בן הרה"ק ר' משה מסאסוב זי"ע בן הרה"ק ר' נחמיה שליט ...סוב. זכר צדיקים לברכה

**...לדותיו:** א) הגה"צ רבי מרדכי ארי' הלוי הארוויץ אב"ד באנילא - תל אביב. זכר צדיקים לברכה.

**...תיו:** כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע. כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע. כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע. זכר צדיקים לברכה.

**...למידיו:** הגה"צ רבי מרדכי יעקב ברייש אב"ד ציריך. הגה"צ רבי יוסף שטייכל. הגה"צ רבי יעקב רינגל אב"ד הוסיאטין. ...בי אליעזר ראזן. ועוד. זכרונם לברכה.

**...כסא מלכותו:** סאסוב. פראבוזנא.

**...ריו:** שו"ת צור יעקב.

**...ירתו:** הגה"צ רבי אברהם יעקב הארוויץ, דער פראבוזנא רב, איז נפטר געווארן ט"ו אלול תש"ב. אין די שטאט פראבוזנא, ...ט אים קובר געווען אויפ'ן פראבוזנא בית החיים. זכר צדיקים לברכה.

### וזרח השמש

...טאטע הגה"צ רבי שמואל, איז נפטר געווארן אין יאהר ...נדיג אינגאנצן איין און צוואנציג יאהר אלט, ווען זיין ...קליינער יתום איז געווען אינגאנצן צוויי יאהר אלט. ...נגע יאהרן האט ער געלערנט מיט גרויס התמדה, און ... דערציילט ש"ב הרה"ג רבי צבי דאמב ז"ל, זיינס א ... דער פראבוזנא רב האט אמאהל געזאגט פאר זיינע ...אז אלץ קינד איידער ער איז געגאנגען שלאפן האט ...ט א שטיין אונטערן קישן, כדי ער זאל נישט קענען ...לאפן. האט ער געזאגט בדרך בדיחותא אז דאס איז ...מדה פון יעקב אבינו, ווי די חז"ל (ב"ר פס"ח) זאגן ...ק "וישכב במקום ההוא", ר"י ור"נ. ר"י זאגט אז נאר ... געשלאפן, אבער די פערצן יאהר וואס ער איז געווען ...מדרש פון עבר איז ער נישט געשלאפן, און פארוואס ...ינד יא געשלאפן? ווייל ער איז געקומען פון וועג און ...ען זייער מיד, האט ער זיך געמוזט לייגן שלאפן, ער ... מורא געהאט אז ער וועט צו לאנג שלאפן, האט ...ן שטיינער און געלייגט צוקאפענס, ווי ס'שטייט ..."ויקח מאבני המקום ושם מראשותיו", מיט א כוונה ...שט לאנג שלאפן כדי נישט מבטל צו זיין פון תורה, ...אגן די חז"ל "ויקץ יעקב משנתו",—רבי יוחנן זאגט

ממשנתו, אז ער האט זיך אויף געוועקט ווייל ער האט געוואלט גיין ווייטער לערנען, האט ער גילייגט א שטיין צוקאפנס, און ער האט זיך אויפגעהויבן בהשכמה. הגה"צ רבי יוסף שטייכל, פון זיינע חשובע תלמידים האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן דער פראבוזנא רב: "ווען איך בין נאך געווען יונג האב איך געהאט א עילוי'שן זיכרון און געקענט מסיים זיין גאנץ ש"ס, דעריבער האב איך פריער געלערנט די הלכה פון די גמרא, און געלערנט גמרא מיט'ן רא"ש פון גאנץ ש"ס, דערנאך האב איך געלערנט די אלע תוספות, און זייענדיג זיבן יאהר אלט, האב איך שוין געדענקט גאנץ ש"ס".

### גדול בתורה

פון זיינע יונגע יארן האט ער נישט געוואלט הנאה האבן פונעם כבוד התורה, אזוי אויך נאך זיין חתונה אין יאהר תרמ"א מיט די רבנית הצדיקת האט ער אוועק געשטעלט זיין שטוב, א אוהל של תורה אין די שטאט סאסוב, ער איז שוין דעמאלט געווען א גדול בתורה, אבער ער האט נישט געוואלט פסק'ענען קיין שום שאלה אפילו ביי זיך אין שטוב. אין די שטאט איז נישט געווען קיין רב, נאר איין דיין, וואס איז נישט געווען אזוי באקאנט אלץ א גדול בתורה, האט ער געהייסן מ'זאל פרעגן ביים מו"צ, און עטליכע מאהל נאכן הערן די פסקים פונעם מו"צ, האט ער געהאט מיט אים א ויכוח, האט מען דאס געשריבן צום מהרש"ם וואס האט שטענדיג מסכים געווען צום מיינונג פונעם פראבוזנא רב. אין יאהר תרמ"ב ווען ער איז שוין געווען אכצען יאהר האט ער זיך געשריבן מיטן מהרש"ם וואס ווערט געברענגט אין שו"ת מהרש"ם ח"ד סי' י"ב, וואו ער איז זיך מפלפל אין עטליכע ענינים און דער מהרש"ם האט אים שטארק געריהמט, אזוי אויך דער בעמ"ח "שערי דעה" איז געווען אין די שטאט סאסוב און זיך מפלפל געווען מיט אים, און ער האט נישט געוואלט באקומען קיין סמיכה כדי נישט געשטערט צו ווערן פון לערנען, און געלערנט בייטאג און ביינאכט. פאר חצות האט ער זיך נאכנישט געלייגט און פיהר אזייגער איז ער שוין אויפגעשטאנען צו גיין אין בית המדרש לערנען אפאר שעה פארן דאווענען. דער "שבט הלוי", הגאון רבי שמואל הלוי


בעזה"י

תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם

ספר

שאלות ותשובות

צור יעקב

על ארבעה חלקי הש"ע

אשר כוננו אצבעותי השפלות בחמלת ד' עלי להשיב שואלי דבר

אברהם יעקב הלוי הורוויץ

אבד"ק פראבוזנא יע"א

ועתה יצא לאור שנית מוגה ומתוקן, ובהוספת קונטרס

שארית יעקב

מכי"ק של אאמו"ר הגאון החסיד זצלל"ה, והגהות והערות בענינים שנזכרו בהספר וקצת פלפולים מנחת עני נקרא

"בשם מרדכי"

אשר חנני החונן לאדם דעת

מרדכי ארי' הלוי הורוויץ אבד"ק באנילא

בן המחבר זצלל"ה

ועתה יצא לאור בשלישית בתוספת

תשובות חדשות ל"שארית יעקב"

ומלואים ל"בשם מרדכי"

נדפס ע"י הרב שמואל הלוי הורוויץ

נכד ותלמיד המחבר זצלל"ה

וואזנער זצ"ל וואס האט געלערנט ביים פראבוזנא רב, ווען ער איז געווען ראש הישיבה אין ישיבת חכמי לובלין, זימער פון יאהר תרצ"ד, נאך די פטירה פון הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, האט דערציילט אז ס'איז נישט געווען א שטיקל בית יוסף אין אלע פיהר חלקי שולחן ערוך, אדער א שטיקל בית שמואל אויף אבן העזר וואס דער פראבוזנא רב האט נישט געדענקט.

### אצל רבוה"ק מבעלזא

אזוי ווי זיין טאטע איז יונגערהייט נפטר געווארן איז ער נתגדל געווארן ביי זיין זיידע, זיין מאמע'ס טאטע, וואס איז געפאהרן קיין בעלזא צו כ"ק מרן מהר"י זי"ע און אויך נאך זיין חתונה האט ער ממשיך געווען צו פאהרן קיין בעלזא, זייענדיג דארט איז ער געזיצן און געלערנט אין ביהמ"ד, אבער באהאלטענערהייט ווען קיינער האט נישט געוואוסט פון זיין גרויסקייט אין תורה. דער סדר איז געווען אז די תלמידי חכמים און רבנים וואס זענען געקומען קיין בעלזא פלעגן אריין גיין

>>>>>

# ...ק רבי אברהם יעקב ...פראבוזנא זצוק"ל

## - ט"ו אלול תש"ב -

...רי"ד זי"ע און זיך מפלפל זיין אין חידושי תורה, און
...זיי שטארק מקרב זיין, אבער דער יונגערמאן האט
...אהאלטן און מרן מהרי"ד זי"ע האט פון אים נישט
...אין יאהר תרמ"ז האט דער פראבוזנא רב געדארפט
...אין די שטאט ברעזאן אויף עטליכע וואכן, האט ער
...געדרייט אין שטוב פונעם גאון דער מהרש"ם, און
...ש"ם האט אים שטארק מכבד געווען, ווייל ער האט
...עקענט פון זיינע בריוון וואס ער פלעגט זיך מיט אים
...ן דער מהרש"ם האט אים געגבן א סמיכת חכמים
...פסק'ענען ווי איינע פון די גרויסע רבנים. ווען דער
...רב איז אוועק געפאהרן פון ברעזאן איז אנגעקומען
...די משפחה פון מרן מהר"י זי"ע, זיך צו פאהערן ביים
...האט דער מהרש"ם געזאגט פאר יענעם אייניקל:
...געווען ביי מיר א בעלזער אינגערמאן וואס וואוינט
...אט סאסוב, און ער איז פאסיג צו זיין א מורה הוראה
...און ער האט שטארק באוואונדערט זיין גרויסקייט
...ווען דער אייניקל איז צוריק געפאהרן קיין בעלזא
...ערציילט פאר מרן מהרי"ד זי"ע, די גרויסע שבחים
...האט געהערט פונעם מהרש"ם אויפ'ן פראבוזנא רב.
...הרי"ד זי"ע האט זיך שטארק געוואונדערט אז אזא
...ן זאל קומען און מ'זאל פון אים נישט וויסן, האט
...באפוילן אז ווען ער קומט נאכאמאהל קיין בעלזא
...אים אהער שיקן. א צייט שפעטער איז דער פראבוזנא
...ען קיין בעלזא האט מען אים גערופן צו מרן מהרי"ד
... האט זיך מיט אים אסאך מפלפל געווען, און פון
...אהן איז ער געווארן שטארק מקורב. מרן מהרי"ד
... אים געהייסן אהנעמען דאס רבנות אין סאסוב און
...קן א ברייוו צו הרה"ק רבי שלמה'לע סאסובער א
...הרה"ק רבי העניך פון אלעסק אז מרן מהר"י זי"ע
... זאל צוהעלפן צום רבנות. אבער דער פראבוזנא
...ישט געוואלט אהנעמען דעם כתר הרבנות, און ער
...בן זיצן באהלו של תורה אין די שטאט סאסוב און
...אסאך חידושי תורה און דאס מסדר געווען אויפ'ן
...ות להרמב"ם. זיין זוהן הגה"צ רבי מרדכי ארי' דער
...ב האט דערציילט: איך בין געווען אין ראצפערט אין
...ח מיט מיין טאטע, ביי כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, און
...באקומען א בריוו פון מיין שוועסטער אז דער טאטע
... דארט פאהרן קיין פעסט צו א גרויסע דאקטער א
...יל די דאקטורים זאגן אז זיין הארץ איז זייער שוואך.

בין איך אריין געגאנגען צו מרן מהרי"ד זי"ע און דאס דערציילט. האט מיר מרן מהרי"ד זי"ע געזאגט: "זיי פארשטייען דען צו אזא אידיש הארץ? איך זאג דיר אז דיין טאטע האט א גוט הארץ, און ער דארף נישט גיין צו קיין שום דאקטער". פון דעמאלט אהן האט ער קיינמאהל נישט געליטן אויפ'ן הארץ.

אויך האט ער דערציילט אז ער איז געווען מיט זיין טאטע, פון שבת פ' אמור ביז דינסטאג פ' בהר און ס'איז ביי אים געווען א גרויסע שמחה נאכדעם וואס ער איז שוין נישט געווען א לאנגע צייט בצל הקודש. און במשך פון די אלע טעג האט מרן מהרי"ד זי"ע מיט אים געשמועסט יעדן טאג בדברי תורה, און געהאט א נחת רוח הערנדיג אז ער לערנט מיט זיינע תלמידים סדר קדשים, און מרן מהרי"ד זי"ע האט אים געזאגט אז אויך ער


**דער פראבוזנא רב [מיט'ן גלעזל] אין מארינבאד**

לערנט אצינד קדשים. מאנטאג ל"ב בעומר האט דער פראבוזנא רב האט שוין געהאט געענדיגט שמועסן מיט מרן מהרי"ד זי"ע אלעס וואס ער האט געדארפט, און אויף מארגן ל"ג בעומר, האט ער זיך נאר געוואלט געזעגענען און אהיים פאהרן. אבער נאכ'ן דאווענען, ווען דער פראבוזנא רב איז אדורך געגאנגען די שורה זיך צו געזעגענען, האט אים מרן מהרי"ד זי"ע געזאגט: דיך וועל איך נישט געזעגענען דא, נאר זאלסט אריינקומען צו מיר און איך וועל דיר אנוואונטשן. איז מען געגאנגען אהיים, און מרן מהרי"ד זי"ע האט מיט אים לאנג פארברענגט בדברי תורה און דערנאך זיך מיט אים געזעגענט בברכת קדש ובאהבה רבה.

## רב אין פראבוזנא

סוף הכבוד לבוא. ווינטער שנת תרמ"ט איז ער אויפגענומען געווארן אלץ רב אין די שטאט פראבוזנא, און באלד ווען מ'האט אים נאר אנגעטראגן דעם רבנות שטעלע, האט כ"ק מרן מהר"י זי"ע מסכים געווען דערצו. און ווי ס'ווערט דערציילט האט א צייט פריער איינער פון די גרויסע רבנים געפרעגט פון מרן מהר"י זי"ע צי ער זאל אהנעמען דאס רבנות אין פראבוזנא, האט אים מרן זי"ע געענטפערט: **"דאס רבנות דארף איך שוין פאר אן אנדערן"**, ויהי לפלא. ווען ער איז געקומען אויף שבת קיין פראבוזנא, און געזאגט דארט א דרשה איז ער אויפגענומען געווארן אלץ רב. אבער קיין באקאנטע האט ער דארט נישט געהאט, ווייל די חסידים דארט זענען געווען פון טשארטקוב און פון הוסיאטין, און זיי האבן ענדערש געוואלט א היימישער רב. אבער נאך זייער

### רבנות—א סגולה אויף אריכת ימים ושנים

**כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע האט געהאט געזאגט פאר'ן פרובוזנא רב, אז זיין זיצן אין פרובוזנא אלס שטאט'ס רב, איז א סגולה פאר אים פאר אריכות ימים, והא ראי' אז אין בית החיים אין פרובוזנא ליגט נישט באגראבן קיין איינער פון די שטאט'ס רבנים, ווייל ס'איז קיינער נישט געשטארבן זייענדיג דארט רב.**

א קורצע צייט זענען אלע געווארן נאהנט מיט אים, און האבן מיט אים מיטגעארבייט, זעהענדיג ווי דער נייער רב האט אינזין אלע עניני צרכי העיר.

## לא תגורו מפני איש

איידער דער פראבוזנא רב איז געקומען אין שטאט, האט ער געהערט אז א מלמד האט געגעבן סידור קידושין פאר א כהן וואס האט חתונה געהאט מיט א גרושה. הערנ'דיג דאס, און כאטש ער איז נאך געווען פרעמד אין די שטאט, האט ער נישט גערוהט, און געלאזט רופן דעם שטאט שוחט החסיד ר' בנימין שעכטער און אים מעורר געווען דערוועגן. האט דער שוחט געזאגט, אז זיי זענען נידריגע פערשוינען, און אזוי ווי דער רב האט מתנגדים אין שטאט, איז ממש פיקוח נפש זיך צו רייצן מיט זיי. האט דער רב גערופן ר' אהרן בארטפעלד א זוהן פון ר' לייבוש און א תלמיד פונעם "כוכב מיעקב" און אים דערציילט וואס ס'איז געשעהן, האט ער אויך געענטפערט אז ער קען גארנישט טוען ווייל ס'איז פיקוח נפש. האט דער פראבוזנא רב, מיט א ריתחה דאורייתא, און דברים היוצאים מן הלב, זיך אנגערופן און געזאגט: "ווי אזוי קען מען צוזעהן ווי מ'איז עובר אויף אן איסור תורה און שווייגן"? ר' אהרן איז געווארן איבערגענומען פון די רייד און צוגעזאגט צו העלפן. ער האט באפוילן אין די שטאט, מ'זאל ארויסנעמען די קינדער פונעם מלמד וואס איז געווען דער מסדר קידושין, ווייל ער טאהר נישט זיין א מלמד, און כאטש ער איז שוין געווען אן עלטערע איד, און אלע שטאט מענטשן זענען געווען זיינע תלמידים האבן אלע געפאלגט און ארויס גענומען זייערע קינדער פון אים. מאנטאג אינדערפרי איז דער מלמד געקומען, און מקבל געווען נזיפה פונעם פראבוזנא רב, און זיך מתנצל געווען וואס ער האט געטוען. ערב שבת האט דער רב באפוילן פאר'ן גבאי פון בית המדרש ווי דער כהן, דער עבריין, האט געדאוונט, אז אויב דער כהן קומט דארט דאווענען, זאל יעדער פארלאזן דאס בית המדרש ווייל על פי דין תורה הקדושה טאהר מען נישט דאווענען מיט אים, און אזוי איז טאקע געווען, און דער כהן איז אליין געבליבן אין ביהמ"ד, און ווען ער האט געזעהן וואס דא האט פאסירט און אלעס מיינט אים, איז ער אהיים געגאנגען און נאך שבת האט ער מגרש געווען זיין פסולע פרוי, און ס'איז געווארן שטיל אין שטאט. זיינע מתנגדים אבער האבן געוואלט אנמאכן א מחלוקות וועגן די מעשה אבער ס'איז זיי נישט געלונגען. דאס מסירת נפש פון די מעשה, האט געהאט

<<<<<<<

## מיין אוצר... "יומא דהילולא"

# ...ק רבי אברהם יעקב ...פראבוזנא זצוק"ל

## - ט"ו אלול תש"ב -

...קן אפקלאנג אין די גאנצע געגנט, און ווען דער סבא
...ה"ק רבי דוד משה פון טשארטקוב זצוק"ל האט פון
...רט, האט ער זיך זייער אפגערעדט אויף די מתנגדים
... ווי אזוי קען מען גיין קעגן אים, זעהענדיג ווי ער
...ך נישט אויסצורופן דעם ריכטיגן כבוד ה' ותורתו.

### סמיכת חכמים

...דיג א גדול בתורה זענען אסאך תלמידי חכמים
...עמען ביי אים היתר הוראה, אדער א קבלה צו קענען
...ט, אבער צו באקומען פון אים היתר הוראה האט מען
... זיין דארט א לאנגע צייט ווייל ער האט פארהערט
...בה, און געגעבן היתר הוראה נאר פאר זיינע תלמידים
... שוין חתונה געהאט. ס'איז געווען פאר אים א גרויסע
... מ'איז געקומען פון גאנץ פולין, ער האט געגעבן א
...כמים יעדער לויט זיין מדריגה. אמאהל איז געקומען
...מאן א גדול בתורה, וואס איז געווען שטארק בקי אין
..., אבער נישט עוסק געווען בהלכה למעשה. מ'האט
...טראגן א חשובע רבנות שטעלע מיט א תנאי אז ער
...מיכה פונעם פראבוזנא רב. אזוי ווי ס'איז אים געווען
...על צו באקומען די סמיכה, האט ער געבעהטן פונעם
... רב ער זאל אים געבן סמיכה, ווייל די גמרא און
...קען ער דאך אויסענווייניג, און ער נעמט זיך אונטער
... לערנען שלחן ערוך יורה דעה חלק א' און דאס גוט
... און ביז צוויי דריי חדשים וועט ער צוריק קומען זיך
...רן "יורה דעה". אבער דער פראבוזנא רב האט בשום
... געוואלט אים געבן סמיכה, זאגנדיג: אויב ס'וועט
...דיר אינדערהיים א פרוי מיט א שאלה אויף אן עוף,
...ך נישט וויסן וואס צו פסק'ענען, און ווי אזוי קען
...עבן סמיכה. בלית ברירה איז דער אינגערמאן אהיים
... און גוט אדורך געלערנט "יורה דעה", און נאך א קורצע
...ער צוריק געקומען, און באקומען פונעם פראבוזנא
...טיגע סמיכה. הגה"צ רבי יוסף שטייכל זצ"ל האט
... ווען ער איז געקומען קיין פראבוזנא לערנען אין
...האב ער געוואלט באקומען סמיכה פונעם פראבוזנא
... ער האט נישט געוואוסט, צי ביים ערשטן זמן וועט
...וין וועלן פארהערן, האט ער אים געפרעגט צו ער
... חזר'ן יורה דעה חלק א', האט ער אים געענטפערט:
...מהר"י מבעלזא זי"ע האט געזאגט אז ווען מ'חזר'ט
... יורה דעה דארף מען נישט איבערגיין אלע לאנגע
... פונעם "פרי מגדים", האב ער פארשטאנען פון דעם

אז ער דארף חזר'ן "יורה דעה", ביים ענדע זמן האב ער זיך פארהערט און באקומען סמיכה, און דער פראבוזנא רב האט אים געזאגט: **"אזא סמיכה האב איך שוין לאנג ניש געגעבן"**. ווען הרה"צ רבי וועלוועל'ע א זוהן פון הרה"ק רבי פיניאלע אוסטילא זצ"ל איז געקומען זיך פארהערן צו באקומען סמיכה, איז ער פארבליבן אין פראבוזנא פאר דריי טעג, און יעדן טאג האט אים דער פראבוזנא רב פארהערט אלע חלקי הוראה, אהן קיין שום אויסנאם. אפילו ער איז געווען אן אייניקל פון מרן מהרי"ד זי"ע, און ווען ער האט געזעהן ווי קלאהר ער איז בקי אין הוראה, האט ער אים געגעבן סמיכה. און ער האט ארויסגעוויזן זיין גרויסע שמחה אז ער האט געקענט פארהערן א בעלזער אייניקל און זעהן אז ער איז א תלמיד חכם מופלג און בקי בהוראה.



**די חרוב'דיגע שוהל אין פראבוזנא**

### זיין ישיבה

אין זיינע יונגע יאהרן פלעגט ער זייער הויעך ליינען אין די תורה אין זיין בית המדרש און געווען בקי אין די טעמי התורה. אבער נאכ'ן אויפגעשטעלן זיין ישיבה האט ער אויפגעהערט, זאגנדיג: אז דאס קול היט ער אפ כדי צו קענען פארלערנען פאר זיינע תלמידים. אמאהל איז ער געווארן שטארק הייזעריג און נישט געקענט ארויס רעדן קיין ווארט פון מויל. די דאקטורים האבן נישט געוואוסט פון וואס דאס נעמט זיך, איינער האט געזאגט אז ס'קומט פונעם הארץ אן אנדערע אז ס'האט מיט די לינגען. ס'איז געווארן א גרויסע רעש אין שטאט אז דער רב איז א חולה מסוכן ר"ל. האבן אים די נכבדי העיר געגעבן א גרויסע סומע געלט, ער זאל פאהרן צו א דאקטער וואס קען אים היילן, דער פראבוזנא רב האט זיך ארויס געלאזט אין וועג, און אריבער פאהרענדיג די שטאט לעמבערג. האט ער געזעהן אויפ'ן גאס א טאוועל אז דא וואוינט א הארץ דאקטער. איז דער פראבוזנא רב אריין צום דאקטער און אים דערציילט פון זיין צרה, דער דאקטער האט אים אונטערזיכט און געזאגט אז ס'איז נישט קיין הארץ אדער לינגען פראבלעם, נאר ווייל ער רעדט זייער הויעך ווען ער זאגט זיינע שיעורים, האט ער באקומען א געשווילעכטס אויף די שטימע בענדער, און דאס ברענגט דאס הייזעריג'קייט. און מיט אן אפעראציע קען מען דאס היילן, און ווען דער רב וועט באשליסן צו מאכן די אפעראציע, קען מען אפמאכן א צייט אין עטליכע טעג, צו מאכן די אפעראציע אין שפיטאל. האט דער פראבוזנא רב אים געפרעגט צי ער קען צוזאהלן אז ער זאל מאכן די אפעראציע ביי זיך אין שטוב? האט דער דאקטער געענטפערט: יא. האט ער געזאגט איך האב באשלאסן צו מאכן די אפעראציע און איך בעהט מ'זאל דאס יעצט מאכן. דער דאקטער האט זיך געוואונדערט אויפ'ן שנעלן באשלוס, און געמאכט די אפעראציע. נאך די אפעראציע האט שוין דער פראבוזנא רב קלאהר גערעדט, און דער דאקטער האט באפוילן ער זאל בלייבן אין לעמבערג, און צוריק קומען אין א וואך ארום צו זעהן ווי ס'פארבעסרט זיך, און ביז דערווייל זאל ער נישט רעדן. אבער ווען מ'האט זיך דערוואוסט אז דער פראבוזנא רב געפונט זיך אין שטאט, זענען די תלמידי חכמים אים געקומען באזוכן און רעדן מיט אים בדברי תורה, און ער האט מיט זיי גערעדט, זאגנדיג אז רעדן דברי תורה וועט אים נישט שאַדטן.

### תורה מתוך הדחק

אפילו אין די שווערע יאהרן פון תרע"ד ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די ערשטע וועלט קריג האט ער זיך נישט אפגעהאלטן פון לערנען ווייטער מיט זיינע תלמידים, זאגנדיג אז די גאנצע מלחמה מיינט נישט אים, ווי דער "שבט הלוי" האט געהערט פונעם פראבוזנא רב, אז אמאהל איז צוגעקומען צו אים א רוסישער זעלנער און אנגעשטעלט זיין ביקס קעגן זיין פנים און געוואלט אים שיסן, האט דער פראבוזנא רב אנגעהויבן שטארק צו וויינען, און בחסדי ה' האט אים דער זעלנער אפגעלאזט. בשעת די מלחמה האט ער זיך אויך געזארגט פאר אלע זיינע תלמידים אין אלע ענינים, און דאס לערנען איז אים אנגעקומען מיט מסירת נפש.

אמאהל זומער ווען ס'איז געווען זייער הייס, און דער פראבוזנא רב האט געלערנט אין בית המדרש מיט זיינע תלמידים. האט מען אים געבעהטן ער זאל אויסטוהן זיין הוט, ס'זאל אים נישט זיין אזוי הייס. האט ער געזאגט: צוליעבן כבוד פון תלמוד תורה דרבים, וויל איך נישט זיצן אהן קיין הוט. ווען ער איז אהיים געקומען נאכ'ן שיעור האט ער זיך געדארפט איבערטוהן זיינע קליידער וואס זענען געווען אדורך געווייקט. נאך די מלחמה איז דער עיקר לימוד מיט די תלמידים געווען אין סדר קדשים, ווייל אזוי האט אים מרן מהרי"ד זי"ע באפוילן, זאגנדיג: "מיר ווארטן שוין אויף ביאת המשיח און ביים בנין בית המקדש דארף מען קענען די הלכות פון עבודת ביהמ"ק". הרה"ג ש"ב רבי איתמר שווארץ ז"ל רב בנוי יארק האט דערציילט, אז ער איז אמאהל געווען אין בעלזא ביי כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, האט אים מרן זי"ע געזאגט **"קענסט דיך ריהמען מיט דיין משפחה, דער פראבוזנא רב, וואס אויסער זיין גדלות אין תורה, ס'קומען דאך צו מיר אסאך גדולים, אבער דער פראבוזנא רב איז א צדיק"**.

### "דן דין אמת לאמיתו"

דער פראבוזנא רב פלעגט זאגן אסאך חידושים וואס ער האט געהערט פון מרן מהרי"ד זי"ע אין עניני קדשים. זיין תלמיד הרה"ח רבי אליעזר רוזן ז"ל האט דערציילט: אמאהל

<<<<<



# הרבנית מלכה מבעלזא ע"ה

## א"ח כ"ק מרן מהר"ש זי"ע • ח' אלול תרי"ג • קע"ב שנים לפטירתה



## • צווייטע טייל •

### תורה לשמה

אלס אינגערמאן איז מרן זי"ע געזיצן און מיט גרויס פלייס עטליכע יאהר נאכאנאנד, באנאכט נישט געשלאפן. אמאהל פון גרויס איז זיין קאפ געפאלן אויף די גמרא. ווען צין מלכה ע"ה איז אריינגעקומען אין צימער געזעהן האט זי געפרעגט: "צו דען הייסט ה לשמה, אויב אינמיטן לערנען גליסט זיך צו ס'שטייט אז דער וואס לערנט תורה לשמה איז רים הרבה, אבער נישט אויף דעם אופן?" ווען האט זיך פארענטפערט אז שוין עטליכע טעג איז נישט געשלאפן, האט אים די רעבעצין ה געזאגט, **"זיץ און לעהרן און איך וועל דא ן אכטונג געבן דו זאלסט נישט איינדרימלען".**

### ניש שטערן די הייליגע עבודה!

הל ווען כ"ק מרן מהר"ש זי"ע האט געהאלטן די הייליגע עבודה פון בויען די שוהל, מיט ציגל מיט זיינע אייגענע הענט, איז צוגעגאנגען און געוואלט נעמען פון זיינע הענט דעם טאפ יים, כדי אים גרינגער צו מאכן די ארבעט. די מלכה ע"ה האט דאס באמערקט, האט זי באלד לטן דעם חסיד. זאגענ'דיג אים: "ער זאל זיך וואגן דאס צו טוען ווייל ער קען דורכדעם ח"ו הייליגע געדאנקען פון מרן זי"ע בשעת ער איז זיין עבודת הקודש".

### ס'זאל זיך אויסלאזן צום געלט!

איינע פון די אלול טעג ווען מ'האט אריין ט פאר מרן מהר"ש זי"ע צו עסן די "וויעטשערע" הל), האט ער דאס צוריק געשיקט און נישט עסן. אזוי זענען אדורך עטליכע שטונדן אהן רעבעצין מלכה ע"ה זייענדיג באזארגט, איז גען פרעגן פון מרן זי"ע, די אורזאך פארוואס נישט. האט מרן זי"ע איר געענטפערט מיט א רט הארץ: "ס'איז אצינד חודש אלול די ימי און יעדער איינער טוהט זיינס, איינער לערנט, אוונט, איינער זאגט תהלים, 'אבער איך האב ישט געטוען'. אזוי האט מרן זי"ע אראפגערעדט און די רעבעצין מלכה האט נישט געהאט וואס רן. נאך עטליכע שעה איז אנגעקומען א חסיד ן די שטוב מענטשן, און געזעהן אז עפעס איז ארדענונג. האט מען אים געזאגט אז מרן זי"ע עסן, מיט די טענה אז ער האט נאך גארנישט

געטוען לקראת די ימי נוראים. האט יענער געטראכט וואס צו טוען און ער איז אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה און געפרעגט פון מרן זי"ע, פארוואס ער עסט נישט? האט מרן זי"ע אים געענטפערט פארוואס. האט דער חסיד גענומען די מוט און געזאגט פאר מרן זי"ע, "ס'איז נישט ריכטיג, דער רבי לערנט יא! און דער רבי דאווענט יא! הערנ'דיג דאס האט זיך מרן זי"ע אנגערופן: "אזוי? אזוי זאגסטו? אויב אזוי ברענג מיר אריין צו עסן". ווען די רעבעצין מלכה ע"ה האט געהערט וואס דער חסיד האט געטוען, איז זי שנעל אריינגעגאנגען בעהט'ן מחילה ביי מרן זי"ע פאר דעם חסיד, זאגנדיג "אז ער האט נישט געוואוסט וואס ער טוהט". האט איר מרן זי"ע געזאגט "אויב אזוי זאל ער זיך



אויסלייזן מיט געלט", און דעם חסיד'ס גאנצע פארמעגן איז פארברענט געווארן.

### היכל מראות הצובאות

ווען כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע האט א שידוך געטוען מיט זיין זוהן כ"ק מרן מהר"י זי"ע, מיט הרבנית רבקה מרים ע"ה )די טאכטער פון הרה"צ רבי שמואל אשכנזי אן אייניקל בן אחר בן פון "חכם צבי" און דער איידים פון הרה"צ רבי יצחק מאיר מזינקוב א זוהן פונעם אפטא רב זצוק"ל(, האט די רעבעצין מלכה ע"ה געפרעגט איר גרויסן מאן, כ"ק מרן מהר"ש זי"ע, היתכן צו טוען א שידוך אהן דעם וואס מ'זאל פריער זעהן די כלה? האט איר מרן מהר"ש זי"ע געענטפערט: "אויבן אין הימל איז דא א היכל וואט הייסט 'מראות הצובאות', וואס דארט זענען אריינגעשריבן די נעמען פון אלע עהרליכע אידישע טעכטער, און אזוי ווי כ'האב געזעהן דארט דעם נאמען פון די כלה, האב איך פארשטאנען אז דאס איז פאסיג פאר אונזער זוהן"...

### "אפילו די ווענט וויינען..."

כ"ק מרן מהר"ש זי"ע האט אמאל געפראוועט א שבת אין די שטאט ראווא. נאך שבת האבן די חשובי החסידים געבעהטן פון מרן זי"ע ער זאל בלייבן אויף נאך א שבת. האט זיי מרן זי"ע געזאגט: "איך האב מיך געזעגנט מיט די רעבעצין נאר אויף איין שבת, אבער אויב איר ווילט דוקא איך זאל בלייבן אויף נאך א שבת מוזט איר פאהרן קיין בעלזא און פרעגן ביי די רעבעצין מלכה ע"ה צו זי איז מסכים דערצו, און אויב זי איז נישט מסכים קען איך נישט בלייבן אויף נאך א שבת". זענען געפאהרן א דעלעגאציע חסידים קיין בעלזא צו די רעבעצין מלכה ע"ה. אבער זיי האבן איר נישט דערציילט וואס מרן זי"ע האט געהייסן פרעגן, נאר געזאגט אז זיי האבן געבעהטן פון מרן זי"ע אז ער זאל בלייבן אויף נאך א שבת און ער האט דערצו מסכים געווען, און זיי ווילן איר מעלדן דעריבער. האט זיי די רעבעצין געענטפערט: "אויב דער רב וויל בלייבן אויף נאך א שבת קען איך דען זאגן אז נישט?"

הערנ'דיג אירע ווערטער האבן די חסידים געפיהלט אז זיי האבן נישט אויסגעפיהרט זייער שליחות פון מרן זי"ע צו די רעבעצין. האבן זיי איר דערציילט דעם אמת און געזאגט אז מרן זי"ע האט באמת נאך נישט באשלאסן, און ער האט זיי געשיקט פרעגן, אויב די רעבעצין באשטייט? און נאר דעמאלט וועט ער פארבלייבן אויף נאך א שבת! הערנ'דיג דאס, האט די רעבעצין זיי אריינגעפיהרט אינעם צימער פון מרן זי"ע און געוויזן, ווי אלעס וויינט אויף דעם וואס מרן זי"ע איז נישט אינדערהיים, "אפילו די ווענט וויינען, איז ווי אזוי קען איך מסכים זיין אז דער רב זאל בלייבן אויף נאך א שבת?" ווען די חסידים זענען צוריק געקומען קיין ראווא און איבערגעגבן די רעבעצין'ס ווערטער האט מרן זי"ע געהייסן גלייך איינשפאנען דעם וואגן און ער איז באלד צוריק געפאהרן קיין בעלזא.

### א האנד מיט א ספר זוהר!

כ"ק האדמו"ר מנאראל זצ"ל האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין שווער דער טאפראווער רב, אז הרה"ק רבי שלמה חיים פון קוידנוב האט עוסק געווען אין די מצוה פון פדיון שבויים פאר'ן הייליג'ן רוזשינער און זיך אויפגעהאלטן צוליעב דעם אין די שטאט לעמבערג. אלע צדיקים פון רוסלאנד האבן אין יענע צייט געטוען פאר פדיון שבויים און געוואנדערט פון איין פלאץ צום אנדערן צו זאמלען געלט. אויף שבת קודש איז הרה"ק

«««



# הרבנית מלכה מבעלזא ע"ה

## א"ח כ"ק מרן מהר"ש זי"ע • ח' אלול תרי"ג • קע"ב שנים לפטירתה



ה חיים געפאהרן קיין בעלזא. ערב שבת, ווען
נגעקומען, האט ער געבעהטן פון די רעבעצין
ה זי זאל אים בארגן א העמד און אויך דעם
הר. האט די רעבעצין געענטפערט היות איר
ן מהר"ש זי"ע] געפונט זיך יעצט אין מקוה,
ם נישט בארגן דעם ספר הזוהר אהן זיין וויסן.
זי"ע איז צוריקגעקומען פון די מקוה, האט די
אים דערציילט אז דא איז געווען א אינגערמאן
אנד וואס האט פון איר געבעהטן דעם ספר
בער זי האט אים דאס נישט געגעבן. האט מרן
בערגעשיקט דעם ספר צום אכסניא פון הרה"ק
ה חיים.

### ...ין האנט בריהט פון יראת שמים

ערציילט אז ווען הרה"ק רבי הערש'לע ליסקא
מען דאס ערשטע מאהל קיין בעלזא צו כ"ק
"ש זי"ע, איז ער ערב שבת געגאנגען נעמען
מרן זי"ע. ווען ער האט געגעבן די האנט, האט
שנעל אוועק געכאפט זיין הייליגע האנט
שפעטער האט מרן זי"ע געזאגט פאר די
מלכה ע"ה "ס'איז ביי מיר דא פריער געווען
רישער אינגערמאן, וואס זיינע הענט ברענען
שמים". האט די רעבעצין געזאגט אז זי וויל
. פרייטאג צו נאכט ווען הרה"ק רבי הערש'לע
מען צום טיש האט זי אויף אים געקוקט. נאכ'ן
ט זי געזאגט פאר מרן זי"ע: **"איך האב אים**
**ון דו ביסט גערעכט".**

### ...216" עין הוא יבורך..."

שבת האט די רעבעצין מלכה ע"ה צוגעגרייט
טאפ מיט "קאשע", און אליין געטיילט פאר די
אמאהל האט מען איר געפרעגט ווי אזוי קען
לעמאהל איז דא אינעם טאפ גענוג "קאשע"
ן? אפילו ווען מ'גרייט נישט צו אסאך, און
ן קומען אהן אסאך אידן, וואס מ'האט נישט
פון פריער? האט די רעבעצין געענטפערט:
**א אריין אין טאפ א שטיק הארץ, און בעהט**
**שעפער איך זאל נישט פארשעהט ווערן, אזוי**
**יט** (משלי כב:ט) **'טוב עין הוא יברך', אזוי אויך**
**ין טאפ געבענטשט, און דער באשעפער שיקט**
**ס'זאל נישט פעהלן קיין שפייז פאר קיינעם.**

### ..."געטאן תשובה אויף יעדער איבריגער ביסן..."

הל ווען די רעבעצין מלכה האט געטיילט
אר די חסידים האט זי באמערקט ווי א חסיד
הטן קאשע עטליכע מאהל. האט די רעבעצין
אים געזאגט: **"אויב דו ביזט הונגעריג, נעם דיר נאך, און אויב נישט, זאלסטו וויסן אז איך האב תשובה געטוען אויף יעדער איבריגער ביסן מיום עמדי על דעתי".**

### "קליידער ווי די באבע מלכה"

ווען מ'האט גענייט קליידער פאר די שטוב פון מרן מהרי"ד זי"ע, [פאר א שמחה וכדו'] פלעגט מרן זי"ע אנזאגן און מעורר זיין, "מען זאל נייען די קליידער אזוי ווי די באבע מלכה איז געגאנגען". אויך ווערט דערציילט אמאהל האט מרן מהר"א זי"ע געוואלט זעהן די קליידער וואס מ'האט גענייט פאר די אייניקלעך, און ווען איינע פון די קליידער איז אים נישט געפעלן, האט ער מיט א שטרענגען טאן געפרעגט: **"צו איז די באבע מלכה אויך**



**געגאנגען אנגעטוהן מיט אזעלכע קליידער?"**

### מאכן עהרליך א ברכה...

אמאהל ווען די רעבעצין מלכה ע"ה האט געטיילט קאשע פאר די חסידים, האט זי באמערקט ווי א אינגערמאן נעמט דעם טעלער קאשע, כאפט אפ די ברכה און הויבט אן צו שלינגען שנעל דאס עסן, גארנישט ווי ס'פאסט פאר א חסיד. די רעבעצין האט אים צוגערופן אין א זייט און אים געזאגט: "אינגערמאן! ווייסט איר וויפיהל תפילות מ'האט געבעהטן ביז די קאשע איז אריין געקומען אין טעלער?" יענער קוקט פארוואונדערט, און פארשטייט נישט וואס זי מיינט. האט אים די רעבעצין ערקלערט: "ווען מ'זייעט איין די קערנדלעך אין די ערד, בעהטן זיי ביים באשעפער זיי זאלן נישט צוגרינד גיין און ס'זאל פון זיי וואקסן פירות, ווען מ'דרעשט די תבואה ווערן פארפאלן פיהל קערנדלעך, בעהטן זיי, אז זיי זאלן נישט פארלוירן גיין. ווען זיי זענען זוכה צו בלייבן אהן שאָדן, איז זייער תפילה צום באשעפער אז זיי זאלן אנקומען צו א איד און נישט צו קיין גוי. און איבער אלעם שטרעבן די קערנדלעך מ'זאל פון זיי צוגרייטן א עסן לכבוד שבת קודש. **נו, אינגערמאן, איז נישט א שאד אז צוליעב א נישט געהעריגע ברכה, זאלן די אלע תפילות פארפאלן ווערן"?**

**האט די רעבעצין אויסגעפיהרט מיט באשיידנקייט.**

### חתונה קליידער

מיט איר גרויס צדקית איז די רעבעצין מלכה ע"ה געשטאנען אויף די וואַך און אכטונג געגעבן אז די קליידער אין שטוב זאלן זיין אויפ'ן אלטן שטייגער אהן ס'זאל ווערן אריינגעמישט פון די מאדעס. זי האט געזארגט, איינצוקויפן קליידער פאר די קינדער און אייניקלעך פאר ביליג. זי פלעגט פאהרן קיין בראדי וואס איז געווען נאהנט צו די גרעניץ, ווי אלעס האט געקאסט ביליגער, צוליעב די קליינע שטייערן. נישט איינמאהל האט זי מיטגענומען קיין בראדי די אייניקלעך איינצוקויפן פאר זיי קליידער, און זייענ'דיג דארט האט זי שוין אויסגענוצט די געלעגענהייט און אריינגעגאנגען מיט זיי צום גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, ער זאל זיי בענטשן. (דער סקאהל'ער רב, הרה"ק ר' שמואל זצ"ל, דער עלטסטער זוהן פון מרן מהר"י זי"ע, פלעגט זאגן אז ער געדענקט דאס.)

### "מה יקר חסדיך"

די רעבעצין מלכה ע"ה פלעגט טיילן ביי די סעודות שבת פאר יעדן אינגערמאן צוויי בילקעס, און בחורים האבן באקומען איין בילקע. האבן זיך בחורים געקליגט, געבארגט א שטריימל פון א חבר און זיך געשטעלט אין די רייע "פארשטעלט". טייל האט די רעבעצין ע"ה געוואוסט אז זיי זענען נישט קיין אינגעלייט, און ווען זי האט זיי געזעהן אנגעטוהן מיט א שטריימל אויפ'ן קאפ האט זי געהייסן זיי זאלן זאגן די פסוקים פון **"מה יקר חסדיך"** וואס מ'זאגט נאכ'ן אנטוהן דעם טלית, און כאטש זיי האבן נישט געקענט דעם "מה יקר", האט זי זיי קיינמאהל נישט אוועק געשיקט ליידיג, און זיי געגעבן צוויי בילקעס.

### "ממתיק סוד געווען..."

נאך די הסתלקות פון הרה"ק מראפשיץ זי"ע, האט הרה"ק מקאמינקא זי"ע מקבל מרות געווען פון מרן מהר"ש זי"ע, וואס האט אים זייער מחבב געווען, און פלעגט מיט אים ממתיק סוד זיין. אמאהל האט אים מרן מהר"ש זי"ע געהייסן זיך צוגרייטן בהכנה דרבה, כדי ער זאל זיין א כלי מוכשר לקבל, היות ער וויל אים איבערגעבן א סוד טמיר ונעלם. נאך די הכנה, האט זיך מרן מהר"ש זי"ע פארשלאסן מיט אים, און איבערגעגעבן דעם יחוד וואס בני עלי', זענען מכוון בעת הפקידה,—ווען ס'קומט די צייט צוריקצוגעבן די נשמה. היות די צדיקית, די רעבעצין מלכה ע"ה, האט געוואוסט אז בעלה הקדוש מרן מהר"ש זי"ע איז מגלה סודות און לערנט הויכע מדריגות מיט'ן קאמינקא רב,

«««««

אוצרות רבוה"ק מבעלזא

# חודש אלול

## הכנה צו חודש תשרי

...יעדער מצוה דארף האבן א פאסיגע הכנה.
...חודש תשרי וואס ווערט גערופן "ירח
..."—ווייל ס'איז ארומגענומען מיט אסאך
...שופר, יום כיפור, לולב סוכה און נאך מצות,
...ען דאך זיכער האבן צו אלע מצוות די
...און גרויסע הכנה זיי מקיים צו זיין. דעריבער

## ...תשובה טוען אויפ'ן שורש פון די ...ות

**...א למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך ...שבית שביו (כי תצא כא:י)**

...ר פסוק הייבט אהן מיט א לשון רבים, "כי
...מלחמה על **אויביך**", און ווייטער שטייט א
...חיד, "ונתנו ה' אלקיך **בידך**". נאר פשט איז
...ען א איד טוהט תשובה אויף זיינע זינד,
...ער זיך דערגרונטעווען צום שורש פון זיינע
..., פון ווי די עבירה האט זיך אנגעהויבן, און
...ויסרייסן, און אזוי פאלט דער גאנצער בוים
... ווייל ווען א מענטש איז פארזונקען אין
..., איז דאס צוליעב איין גרינגע עבירה וואס
...ט געהאט פריער עובר געווען. אזוי ווי חז"ל
...קה:) זאגן: "כך אומנותו של יצר הרע, היום
...לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד
... לו לך עבוד עבודה זרה והולך ועובד",—
...ער דארף מען אויסרייסן די ערשטע עבירה
...ארצל, ווייל דאס האט אים אריינגעשלעפט
...ן אנדערע עבירות. דאס זאגט דער פסוק:
...א למלחמה על **אויביך**",—א לשון רבים,
...ען דו גייסט ארויס קעגן די עבירות וואס
...ר הרע האט דיך צוגערעדט צו טוען, און דו
... אויף זיי תשובה. איז דער עיקר "ונתנו ה'
...**בידך**",—א לשון יחיד, דו זאלסט תשובה
...אויף די ערשטע עבירה וואס האט דיך
...עשלעפט צו טוען אנדערע עבירות, און
...ו וועסט דאס אויסרייסן, וועסטו שוין
...פטור ווערן אויך פון אנדערע עבירות. *(כ"ק ...ר שליט"א - סעודה א' תשנח)*

האט מען אונז געגעבן א גוטע מתנה, די הייליגע טעג פון חודש אלול וואס ווערן גערופן "ימי הרצון", וואס ווי ס'איז באקאנט, אז ס'איז נישטא קיין טעם ברצון, פארוואס דער באשעפער האט אונז געגעבן די דאזיגע טעג, נאר צוליעב דעם, וואס כאטש מיר פון אונזער זייט קענען נישט אלעס טוען אזוי ווי ס'דארף צו זיין, דארפ'ן מיר זיך אבער אנשטרענגען און טוען, וויפיהל מיר קענען יא, און אין די טעג פון אלול וואס זענען טעג פון תשובה, וועט דער באשעפער צוגרייטן אונזער הארץ, אז מיר זאלן קענען פאסיג מכוון זיין און מקיים די אלע מצוות מיט די ריכטיגע כוונות. *(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)*




## • דער זכות זאל בייסטיין אין חודש אלול

ווען דער "**דמשק אליעזר**" פון וויזשניץ זצוק"ל, איז געווען אין ירושלים אויף אפרוה (נאך אן אפעראציע י"ב אלול תש"ה) איז כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, מיט זיין ברודער, הגה"ק דער בולגורייער רב זי"ע, אים געקומען באזוכן נאך ראש השנה. אינמיט'ן דעם שמועס וואס די צדיקים האבן געפיהרט, האט מרן זי"ע נאכגעזאגט בשם זקנו הרה"ק רבי אהרן טשערנאבלער זי"ע אזוי: מ'קען טייטשן דאס וואס מ'זאגט אין פזמון פון האר"י ז"ל פרייטאג צו נאכט ביי אתקינו סעודתא, "**יהא רעווא קמיה**",—ס'זאל זיין דער ווילן פון באשעפער, "**דתשרי על עמיה**",—אז די עבודה פון חודש תשרי, וואס אידן זענען באשעפטיגט מיט אסאך מצות ווי בלאזן שופר, ארבע מינים, מצות סוכה און נאך, זאל זיין לרצון פאר'ן הייליגן באשעפער אז דער זכות זאל זיי בייסטיין אויף א גאנץ יאהר. האט דער "**דמשק אליעזר**" זיך אנגערופן, אז מ'קען דאס אפשר טייטשן אזוי: "**יהא רעווא**",—דער רצון עליון זאל אנטפלעקט ווערן, "**קמיה דתשרי על עמיה**",—שוין אינעם חודש וואס איז פאר תשרי, ד.מ. אין חודש אלול, דער חודש פון הרחמים והרצון. מרן זי"ע האט שטארק הנאה געהאט פונעם ווארט און האט דאס איבערגעזאגט עטליכע מאהל.

## • צו קענען זיין נאענט צו דיין תורה...

ווען כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האט זיך אויפגעהאלטן אין די שטאט מונקאטש. ווען ער איז אריינגעקומען צו תפילת מוסף שבת מברכים חודש אלול, איז ער צוגעגאנגען און גע'עפנט דעם ארון הקודש און מיט התלהבות הויך געזאגט: "**רבונו של עולם איך בעהט דיך העלף מיר איך זאל קענען זיין נאענט צו דיין תורה ווייל מיר שפיהרן אז מיר זענען זייער ווייט**".

## • עיצומו ימי אלול איז מכפר...

מ'דערציילט: יעדעס יאהר ווען כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט געפיהרט דעם טיש לכבוד די הילולא פונעם זיידן, כ"ק מרן מהר"ש זי"ע, ביום כ"ז אלול, פלעגט ער בעהטן פונעם אלטן חסיד וואס איז געווען דארט, הרה"ח ר' אברהם חיים ז"ל, וואס האט נאך קלאהר געדענקט מרן מהר"ש זי"ע, ער זאל נאכזאגן פון א דבר תורה וואס ער פון אים געהערט.

ר' אברהם חיים ז"ל פלעגט יעדעס יאהר זאגן אז מרן מהר"ש זי"ע האט ערקלעהרט: "טאקע די טעג פון חודש אלול זענען באשטימט אלס 'ימי תשובה פאר אידן. אבער אין חודש אלול איז דא א באזונדערע סגולה פאר ווער ס'האט זיך אונטערגענומען צו טוען תשובה אין די טעג. אפילו אויב זיין תשובה איז נישט געווען אינגאנצן בתכלית בשלימות, אבער וויבאלד ער האט זיך געפלאגט ווי ווייט מעגליך, זענען די טעג פון חודש אלול אליין מכפר אויף אים. ווייל די טעג פון חודש אלול האבן א געוויסע עהנליכקייט צו יום כיפור, ווען די ימי תשובה ענדיגן זיך, איבער וועלכן די גמרא זאגט (יומא פה.): '**עיצומו של יום כיפור מכפר**'. ע"כ.

ר' אברהם חיים ז"ל פלעגט איבער'חזר'ן די תורה יעדעס יאהר, און מרן מהר"א זי"ע פלעגט צוהערן מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, ווי גלייך ער הערט דאס צום ערשטן מאהל. איינמאהל, האט אים א 'יושב' געפרעגט: "ר' אברהם חיים! האט איר דען

>>>>>>

נאר איין תורה פון מרן מהר"ש זי"ע און
מער?" האט ער געענטפערט: "איך געדענק
רות פון מרן מהר"ש זי"ע אבער וויבאלד איך
מערקט אינעם ערשטן יאהר ווי שטארק מרן
ט הנאה געהאט פון די דאזיגע תורה, וויל
מער נישט טוישן, און איך זאג דאס איבער
אהר." *('סימן טוב' להרה"ג מקאפאוואר שליט"א)*

## מאוצרות הצדיקים

# חודש אלול

### ודש אלול בבחינת "מלך בשדה"

ערי רחמים וואס זענען אפען חודש אלול
שט גלייך צו די שערי רחמים וואס זענען
שרת ימי תשובה און יום הכיפורים. ווייל אין
לול איז דער באשעפער אין א בחינה פון "מלך
און אין חודש תשרי איז דער באשעפער אין
פון "מלך בהיכל מלוכותו".

ווי דער בעל התניא זי"ע שרייבט (ליקוטי
ראה) א משל צו א קעניג וואס איידער
ט צו א שטאט גייען ארויס די אנשי העיר
בל פנים זיין און יעדער מעג אריס גיין אים
ען און מקבל זיין בסבר פנים יפות, און דער
ייזט ארויס פאר יעדן א שיין פנים, און ווען
ט אריין אין שטאט באגלייט אים יעדער
אבער ווען ער קומט אין זיין פאלאץ קען
ט אריינקומען נאר מיט רשות און אויך נאר
ים פון פאלק און יחידי סגולה. אזוי איז דער
דרך משל אין חודש אלול ווען מ'גייט ארויס
ים זיין פני המלך בשדה [אבער חודש תשרי
שוין דער מלך בהיכל מלכותו.]

### ר באשעפער געפינט זיך צווישן אונז

מ'קען דאס פארשטיין: אין חודש אלול
געפונט זיך דער באשעפער צווישן אידן
חודש אלול איז דער באשעפער כביכול
בל מיט א פנים שוחקות און שטראלעדיגע
ייט, אין צוגלייך צו א "מלך בשדה", וואס
ט איז ער יעדן מקבל בסבר פנים יפות. אבער
ט תשרי איד דער באשעפער יעדן מקבל מיט
טיג פנים פון יראה. אין צוגלייך צו "מלך
בהיכלו", וואס דעמאלט איז דער פארכט שטרענג
אויפ'ן פאלק, ווייל אין יענע טעג זיצט דער באשעפער
אויפ'ן כסא דין, און איז יעדן דן אויף זיינע מעשים. (עי'
"תולדות אהרן" פ' ראה, "חודש אלול הוא אהבה"..
ותשרי הוא יראה.)

### • "משנכנס אלול מרבין בתשובה"

דער "מהרי"ל" (אנהייב הלכות ימים נוראים)
שרייבט אזוי: "דער פסוק (ירמיה ד:ג) זאגט: 'נירו לכם
ניר, ואל תזרעו אל קוצים',—אקערט אייך איין אקער,
ד.מ. לערנט אייך אפ פון די אקערלייט וואס זיי אקערן
אין זומער און רייסן אויס די ווארצלן פון די גראזן כדי




די דערנער זאלן נישט וואקסן אין ווינטער ווען מ'זייעט
אהן די פעלדער. דעריבער [אין חודש אלול] דארף א
מענטש אפטוען פון זיך אלע שלעכטע ווארצלן, און
די קרימקייטן פון זיין הארץ, איידער ס'קומט דער
יום הדין פון ראש השנה. און ער זאל זיך גרייטן גאנץ
חודש אלול, צו זיין געוואוינט אין זיי, אין די עשרת ימי
תשובה. ס'שטייט אז ווען א מענטש זעצט זיך עסן אין
חודש אלול, זאל ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים און
מתוודה זיין אויף זיי אין די ימי תשובה וואס קומען אהן.

דעריבער, זאגט דער מהרי"ל, בלאזט מען שופר
חודש אלול, ווייל '**משנכנס אלול מרבין בתשובה**'. דער
רבנו יונה ["ספר היראה"] שרייבט, "משנכנס אלול עד
מוצאי יום הכיפורים, יהא חרד וירא מאימת הדין", און
א רמז דערצו אזוי ווי ס'שטייט: "ומל ה' אלקיך **א**'ת
**ל**'בבך **ו**'את **ל**'בב זרעך" (דברים ל:ו) איז ראשי תיבות
**אלו"ל**. דעריבער בלאזט מען שופר, צו ווארענען און
אויפוועקן דאס פאלק צו תשובה. ער ברענגט א משל
צו א קעניג וואס ווען מ'קומט באלאגערן א שטאט,
און דער זעלנער וואס קוקט פונעם הויכן טורעם און
זעהט א מיליטער וואס קומען באלאגערן די שטאט,
בלאזט מען און מ'טראמפייטערט צו ווארענען דאס
פאלק מ'זאל זיך גוט צוגרייטן, יעדער זאל שטיין אויף
זיין משמר. ע"כ.

דער של"ה הק' (מסכת ראש השנה תורה אור)
שרייבט: דער וואס זיצט ליידיג אין די טעג פון חודש
אלול, און ווערט נישט נתעורר צו בעהטן אויף זיין
נפש, הרי זה מתחייב בנפשו, די דורשי רשימות
זאגן דערויף א רמז **אלו"ל** איז די ר"ת פון **א**'נו **ל**'י-ה
**ו**'עינינו **ל**'י-ה.

### • ריכטיג חרטה האבן אויף די עבירות

**אלו"ל** איז די ר"ת, **א**'ני **ל**'דודי **ו**'דודי **ל**'י
(אבודרהם עמ' רס, ע"פ שה"ש ו:ג). ס'איז באקאנט
אז הרה"ק דער רבי ר' זושא זי"ע, פלעגט זיך מיט
זיין גרויס עניוות אלין מוסר'ן און זאגן: "זושא,
זושא ווילאנג נאך וועסטו נישט תשובה טוען"?
דערנאך האט ער זיך נאכאמאהל אנגערופן:
"זושא, זושא אבער נעכטן האסטו דאך שוין אויך
צוגעזאגט אז דו וועסט תשובה טוען, און צום
סוף האסטו יא נאכאמאהל געזינדיגט". אבער
באלד האט ער אויף זיך געמומען, "דאסמאהל
בין איך זיך שוין מקבל מיט אן אמת!" און אזוי
האט ער ווייטער אהנגעהויבן צו זאגן..."אבער
נעכטן..." און אזוי האט ער געקענט פארברענגען
עטליכע שעות. און דער צאנזער זיידע זי"ע האט
ערקלעהרט אז דער רבי ר' זושא האט נישט
אויפגעהערט צו זאגן ביז ער האט זיך דערהויבן
געווארן צו א העכערע דרגא אין תשובה און מיט
אן אמת'ע חרטה ווי דאס פריער'דיגע מאהל. און
אזוי פסק'נט דער רמב"ם (פ"ב מהל' תשובה ה"ב)
אז תשובה מיינט אז מ'לאזט אוועק דאס אלטע,
און מ'באשליסט מיט אן אמת אז מ'גייט דאס מער
נישט טוען, ביז ווען דער באשעפער קען עדות
זאגן אז ער וועט דאס טאקע מער נישט טוען. דאס
איז דער רמז פון חודש אלול, דער חודש וואס מיר
טוען תשובה: "**אני לדודי**",—איך קער זיך צוריק
צום באשעפער מיט אזא שטארקע תשובה, אז
"**ודודי לי**",—דער באשעפער קען אויף מיר עדות
זאגן אז איך וועל מער נישט זינדיגן. *("שפע חיים")*

### • איין חודש מעשר קודש לה'

דער הייליגער רבי ישראל פון טשארטקוב זי"ע
האט געזאגט: ס'זענען דא צוועלף חדשים אין יאהר,

<<<<<<<

זענען תשרי און ניסן, וואס דער רוב חודש
ושה [מיט די ימים טובים און פיהל מצות
טוהט אין זיי]. בלייבט איבער צעהן חדשים
זיי דארף מען אפשיידן מעשר איין חודש
ל זיין אינגאנצן **קודש לה'** און דאס איז חודש

## ...זאל בעהטן "אני לדודי".

...צ אבד"ק וואדקערט זצוק"ל האט
...גט פון מורו ורבו הגאון הקדוש מאונסדארף
...וואס ער האט געזאגט: ווען ס'קומען די
...ג זאל מען נישט בעהטן פון באשעפער ער
... משפיע זיין השפעות טובות בעניני העולם
... מ'זאל בעהטן **"אני לדודי"**, אז מ'זאל זוכה
...ועהן תשובה שלימה און זיך דערנעהנטערן
...יג'ן באשעפער. און וואס איז ס'איז נוגע פאר

## ...ט זוכן קיין תירוצים, נאר בעהטן: ...בעהט דיך זיי מיר מוחל..."

...איז געווען אמאהל ביים הייליג'ן
...ער רב זי"ע, אז ער האט זיך געבייזערט
...יינע נאנטע מענטשן אז 'דאס' האבן זיי
...וט געטוען און 'יענץ' האבן זיי נישט גוט
...ן, און אזוי ווייטער. די מקורבים האבן זיך
...ויבן צו פארענטפערן פאר אים אויף די
...אכן וואס ער האט זיי אנגעשריגן, אבער
...מער זיי האבן זיך פארענטפערט, האט ער
...ר און מער געבייזערט אויף זיי, ביז זיי
...איינגעזעהן אז ס'איז נישט קיין 'תכלית',
...יי זיך אנגערופן און געזאגט: "הייליגער
...יר האבן טאקע נישט געטוען גוט – זיי
...וחל...".

...ען דער צאנז'ער רב האט דאס געהערט
...ר זיי געזאגט: "דאס האב איך געוואלט
... פון אייך, נישט אז איר זאלט זיך
...טפערן, נאר איר זאלט בעהטן מחילה...".
...ן דער צאנז'ער רב האט אויסגעפיהרט:
...איז אויך ביים הייליג'ן באשעפער, מיר
...ן נישט זוכן קיין תירוצים, נאר מיר
... בעהטן: רבונו של עולם! דו ביזט דאך
...מלך מוחל וסולח, איך האב זיך נישט
...יפגעפיהרט, אבער איך בעהט דיך זיי
...חל...".

*(...ק מרן אדמו"ר שליט"א - סעודה ג' פ' שופטים תשסג)*

תקנת וצרכי הגוף "**ודודי לי**" וועט דער באשעפער דאס אים געבן אפילו ער וועט דאס נישט בעהטן, ווייל דער באשעפער ערפוהלט פאר אן אדם כשר והגון אלעס וואס ס'פעהלט אים. *(ספר 'סימן טוב')*

## • "ס'איז געקומען דער חודש פון תשובה"!

באלד ווען ס'קומט חודש אלול, זאל דער מענטש זאגן יעדן טאג אינדערפרי מיט א הויך קול: "ס'איז געקומען דער חודש פון תשובה"! ווייל ווען דער יצר הרע הערט דאס, פארשטייט ער שוין אז ער האט נישט וואס צו זוכן ביי אים, און אים מכשיל זיין מיט עבירות, ווייל ער שפיהרט, ווי ווען א מענטש



פארטרייבט א גזלן פון זיין שטוב, און אזוי וועט ער זוכה זיין צו תשובה מתוך מנוחה.

*(סדר הזמנים להרה"ק ה'עבודת יששכר' מוואלבראז זי"ע)*

## • דער יצר הרע שטארקט זיך נאך מער

וויבאלד דער שטן ווייסט דעם גרויסן כח פון ימי חודש אלול, פרובירט ער זיך צו קלוגן צו וועלן איבער רעדן מענטשן אין די טעג, מער ווי א גאנץ יאהר, ווייל ווי מער דער מענטש גרייט זיין הארץ צו תשובה, שטארקט זיך איבער אים דער יצר הרע נאך מער. *('ערבי נחל' -ראש השנה)*

## • פארוואס איז דער חודש אלול ימי הרחמים והרצון

אלול איז די צייט וואס דער באשעפער ווערט באוויליגט מוחל צו זיין פאר אידן אויף זייער זינד. דער באשעפער האט באפוילן משה רבינו אז ער זאל ארויפגיין אויף דעם בארג, אים צו געבן די צווייטע

<<<<<<<

## • רמזים און ראשי תיבות אויף אלו"ל

**אין די ספרים הק' פון תלמידי הבעל שם טוב הק' זי"ע ווערן געברענגט פארשידענע רמזים איבער די זמני התעוררות פון חודש אלול, און וואו דאס ווארט אלול ווייזט אויף די געוואלדיגע הויכע זמנים פון די טעג.**

• **אלו"ל** איז ר"ת **א**'ם **ל**'חיים **ו**'אם **ל**'מות, אויך איז מרומז אינעם ווארט אלו"ל, **'אל"ול'**,–אלעס איז געווענדן אין די דרייסיג טעג, ווען מ'קען מתקן זיין אלעס וואס מ'האט מקלקל געווען אין די פריער'דיגע חדשים. *(שער המלך)*

• **אלו"ל:** ר"ת, "**א**'יש **ל**'רעהו **ו**'מתנות **ל**'אביונים", א רמז אז אין חודש אלול זאל מען פארמערן צו געבן צדקה.




• **אלו"ל** איז ר"ת, "**ל**'הצילך **ו**'לתת **א**'ויביך **ל**'פניך" (כי תצא כג:טו). דאס איז מרמז אז אין חודש אלול גייט דער באשעפער ארום צווישן אידן, און וויל זעהן אויב זיי פיהרן זיך הייליג און טוען תשובה, כדי דורכדעם זיי צו ראטעווען פון די מקטריגים, וואס רעדן שלעכט'ס אויף אידן. *(מנחת עני)*

• **אלול**: איז ר"ת, "הנסתרות **ל**ה' **א**לקינו **ו**הנגלות **ל**נו", איז די כוונה אז דער עצם זמן תשובה פון חודש אלול איז מכפר אויף עבירות וואס מען ווייסט נישט אז מען האט זיי געטוהן, אבער אויף די אנטפלעקטע עבירות וואס מיר ווייסן יא, מוזן מיר תשובה צו טוהן אויף זיי. *(שער המלך פ"ו).*

• **אלול**: איז ר"ת, "**ו**אני **א**תנהלה **ל**אטי **ל**רגל המלאכה". דער פשט איז, אויב הויבט מען אן צייטליך תשובה צו טוהן אנהויב חודש אלול, קען מען גיין צוביסלעך, אזוי אז ווען מען וועט אנקומען ל"**רגל**"–צום יו"ט סוכות מיט הושענא רבה, "**המלאכה**"–וועט שוין זיין גענדיגט די גאנצע ארבעט, נישט ווי די וואס ווארטן מיט'ן תשובה טוהן אויף די לעצטע מינוט *(שער המלך פ"ו).*

• **אלול**: איז ר"ת, "**א**הוב **ל**מעלה **ו**נחמד **ל**מטה", א רמז אז מען דארף תשובה טוהן סיי אויף עבירות שבין אדם למקום, און סיי אויף עבירות שבין אדם לחבירו *(ראשית חכמה שער התשובה).*

*(פארזעצונג אי"ה)*





# דער כח פון תקיעת שופר

ער שיניאווא רב זי"ע האט דערציילט:
אמאהל איז געקומען א פרוי צום הייליג'ן
אלימלך פון ליזענסק זי"ע מיט א ביטערליכער
ז אז זי איז געווארן אן עגונה פון איר מאן, איר
יז פארשוואונדן געווארן פון די שטאט שוין
גערע צייט און מ'זוכט אים שוין א לאנגע
און מ'געפונט אים נישט. האט דער הייליגער
אלימלך גענומען א פאפיר און אנגעצייכנט
י פארשידענע בילדער
ימנים, און געהייסן די
אל נעמען דאס פאפיר,
ן צו א באשטימטער
אינמיטן א וואלד,
ארט ווארטן ביז
ן אדורכגיין א גרופע
ענטשן, און זי זאל זיי
רגעבן דעם פאפיר
י האט באקומען, און אזוי וועט זי בעזרת ה'
יין אז איר מאן וועט זיך אומקערן צו איר.
פרוי איז געגאנגען צו יענעם וואלד, און
געווארט. אינצווישן איז אנגעקומען א גרופע
ר וואס האבן אויסגעקוקט שרעקעדיג, און
אויסזעהן האט געווארפן א שרעק אויף
אבער די פרוי האט זיך אנגעגארטעלט
שטארקייט און מיט מוט, און זי האט זיי
יאגט ביז זי האט זיי דערגרייכט און זיי
געגעבן דעם צעטיל פון רבי' ר' אלימלך,
איז געבליבן שטיין און געווארט וואס
ט דא געשעהן. נאך א שטיקל צייט האט זיך
ונג באוויזן איר מאן פאר איהרע אויגן. ער
אויסגעזעהן אויסגעמאטערט און שוואך

מיט א באוואקסענעם קאפ פון לאנגע האר. די פרוי האט זיך געפרייט, וואס ענדליך זעהט זי איר מאן, אבער זי איז דערציטערט געווארן צו זעהן זיין שווערער צושטאנד. זי האט געפרעגט דעם מאן "ווי ביזטו געווען ביז אצינד, און פון וואנעט ביזטו יעצט געקומען"? האט ער געענטפערט אז די חיצונים און די כוחות פון די סטרא אחרא, האבן אים געפאנגען אין זייער נעץ, און בשום אופן האבן



זיי אים נישט געלאזט ארויס גיין, און במשך די גאנצע צייט האבן זיי אים שטארק געפייניגט, און ער פון זיי געליטן ביטערע צרות, וואס ער האט דאס שוין נישט געקענט אדורך טראגן.

די פרוי האט ווייטער געוואלט וויסן וואס די כוחות הרשע האבן אים פונקטליך געטוען, אבער פון גרויס שרעק האט איר מאן מורא געהאט צו עפענען זיין מויל. אבער אזויפיהל האט ער יא געזאגט, אז טראץ זיינע ליידן וואס ער איז אריבער, האט ער איינמאהל אין יאהר זוכה געווען צו מנוחה און א רוהאיגקייט פון די רוחות רעות. און דאס איז געווען אין חודש אלול ווען אידישע קינדער האבן געבלאזן שופר, ווייל ווען זיי האבן געהערט די קולות פון תקיעת שופר, זענען זיי אלע געפאלן צו די ערד ווי פגרי מתים, און ס'האט זיי אנגעכאפט א שרעק און א פארכט ווייל דער כוח פון תקיעת שופר אין חודש אלול איז אזוי גרויס אז ס'איז מכניע און מבטל די כוחות פון די סטרא אחרא. *(ספר ליקוטי "מעשה רוקח", מובא בספר "מועדי קדשיך")*

אזוי ווי ס'שטייט (פרקי דרבי אליעזר): ראש
לול האט דער באשעפער געזאגט צו משה
יי ארויף צו מיר אויפ'ן בארג", איז משה
ויף געגאנגען נעמען די צווייטע לוחות, און
זיך געזומט אין הימל פערציג טעג און
נעכט ביז יום הכיפורים, וואס דעמאלט
אראפגעקומען מיט די צווייטע לוחות און
געגעבן פאר כלל ישראל די בשורה טובה,
'סלחתי כדבריך", וויבאלד במשך די פערציג

טעג פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור, איז דער באשעפער באוויליגט געווארן צום כלל ישראל פונעם גרויסן צארן פונעם חטא העגל, דערפאר זענען די טעג באשטימט געווארן אויף אלע שפעטערע דורות פאר ימי רחמים ורצון. נאך א כוונה איז דא פארוואס מ'האט מתקן געווען דוקא די פערציג טעג צו טוען תשובה. כדי מ'זאל תשובה טוען אויף די זינד פון עגל וואס מ'האט געמאכט אין מדבר, "פערציג טעג" נאכדעם וואס זיי

>>>>>>

## "די פיש אין וואסער ציטערן"

### • פארוואס די פיש אין וואסער ציטערן?

די וועלט זאגט נאך פון הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל **"אין חודש אלול טוען אפילו די פיש אין ים ציטערן"**. אין די ספרים און מוסר שמועסן ווערט דער געדאנק אויסגעברענגט אויף פארשידענע וועגן, יעדער אויף זיין אייגענארטיגן שטייגער.

### • ער דערמאנט זיך פונעם געשריי "ציטערט ער

ווען הרה"ק ר' משה קאברינער זצ"ל איז געווען א קליין קינד האט ער זיך געשפילט מיט זיינע חברים אויף די גאס. האט אים זיין שוועסטער אנגעשריגן: "משה'לע" היינט



שפילסטו דיך אויך, היינט איז דאך ראש חודש אלול, אפילו די פיש אין וואסער ציטערן היינט, און דו שפילסט זיך אזוי רוהיג" הערנ'דיג די ווערטער פון זיין שוועסטער, האט אים אנגעכאפט א ציטערניש. ער האט געזאגט אז נאך היינט ווען ס'קומט ראש חודש אלול דערמאן איך זיך פון איר געשריי, און ס'כאפט מיר אהן א שרעק.

### • אויך מיר דארפן זיך איבערבעהטן

כ"ק אדמו"ר בעל "נחלת דן" זצ"ל פון מאדזשיץ זצ"ל, האט ערקלעהט: דאס וואס די צדיקים האבן געזאגט אז "די פיש אין ים ציטערן", ווען מ'בענטשט חודש אלול. פארוואס ציטערן די פיש אין ים, מער ווי אנדערע באשעפענישן? ווייל די פיש אין ים לעבן פון דעם וואס איינער שלינגט איין דעם אנדערן (די גרעסערע פיש שלינגען איין די קלענערע פישלעך) אבער ווען ס'קומט חודש אלול, בעהטן זיי זיך איבער איינער דעם אנדערן. דערפאר זאגן מיר אז "די פיש אין ים ציטערן", — מרמז צו זיין, אז אויך מיר דארפן זיך איבערבעהטן איינער דעם אנדערן.

***





קבל געווען די תורה. *(כף החיים)*

## מאוצרות הצדיקים

# לדוד ה' אורי

### ...ר מקור המנהג

...נע פון די מנהגים וואס איז אנגענומען
...וצות ישראל, איז צו זאגן דעם קאפיטל
...ה' אורי". פארוואס עפעס זאגט מען דוקא
...אפיטל. מיר האבן שוין דערמאנט (גליון
...ם) עטליכע טעמים פארוואס מ'האט
...קליבן דוקא דעם קאפיטל. רבי צדוק הכהן
...ן ז"ל ברענגט אראפ דעם בעל הטורים
...לי), אז "לולא" איז די אותיות "אלול",
...ער זאגט מען דאס קאפיטל. אין "מטה
... וואס פון זיינע ווערטער זעהט מען אז אין
...יטן איז שוין דער מנהג געווען צעשפרייט
...די גארער וועלט, זאגט אין זיינע הגהות
...מטה", אז דער טעם איז, לויט ווי ס'ווערט
...נגט אין מדרש שוחר טוב, 'אורי' בראש
...'וישעי' ביוהכ"פ, אז דער באשעפער
...ט אונז און העלפט אונז ארויס אין ראש
...און יום הכיפורים.

...יז מערקווירדיג אנצוצייכענען אז דער
...ורה תמימה", אין זיין ספר "ברוך שאמר",
...ערט זיך זייער דערויף, ער ברענגט א
...ואו מ'זעהט אז אין דעם קאפיטל איז אויך
...קרי"ס און אנדערע נסים, און ער פרעגט,
...ס זאל מען נישט זאגן דאס קאפיטל אויך
...עדע זמנים? אויך ווערט ארויסגעברענגט
...ערע קאפיטלעך אין תהלים זענען מרמז
...ה ויוכ"פ, פארוואס זאל מען נישט זאגן
...אנדערע קאפיטלעך? אבער ווי דערמאנט
... מערערע טעמים ע"פ סוד אויף דעם
...ל.

...ר איז פארהאן אזעלכע וואס האבן דאס
...נישט געזאגט. אין "מעשה רב" פונעם
...און ז"ל ווערט געברענגט, אז מ'זאל נישט
...ין שום קאפיטל תהלים ביים דאווענען,
...ר דעם שיר של יום. אפילו פון ר"ה ביז

יוה"כ זאל מען נישט זאגן קיין קאפיטלעך תהלים ביים דאווענען, אריינגערעכנט קאפיטל כ"ז, עכ"ד. באקאנט איז אויך אז דער צאנזער רב זי"ע פלעגט זיך נישט פיהרן צו זאגן דאס קאפיטל. ווען מ'האט אמאהל געפרעגט זיין זוהן פארוואס מ'זאגט דאס נישט? האט ער געענטפערט אין קורצן: דאס וואס ווערט נישט געברענגט אין שלחן ערוך און אין די כתבים, דארף מען דאס נישט זאגן. אין שו"ת "דברי משה", ברענגט דער מחבר הגאון רבי משה הלברשטאם זצ"ל, אז ער האט מקובל אז זיין זיידע דער "דברי חיים" פון צאנז האט זיך צוריק געהאלטן



פון זאגן דאס קאפיטל, ווייל דער מקור פונעם מנהג שטאמט פון ספר 'חמדת הימים', וואס ווי באקאנט, האבן א סאך מפקפק געווען איבער'ן מחבר פון ספר.

אין ספר "לב שמח" החדש איז דא א בריוו פון הרה"ק רבי פנחס חיים טויב ז"ל פון ראזלא, וואו ער דערציילט איבער גרויסע צדיקים וואס האבן דאס נישט געזאגט. צווישן זיי רעכנט ער אויס הרה"ק דער רבי פון לובלין זי"ע, און זיינע תלמידים דער "יוד" הקדוש פון פשיסחא זי"ע, הרה"ק מזידיטשוב זי"ע, הרה"ק מראפשיץ זי"ע, וועלכע האבן דאס נישט געזאגט צוליעב דעם דערמאנטן טעם. ער דערציילט דארט אז ווען ער איז געווען אין קארלסבאד האט ער זיך געטראפן מיט הרה"ק מפאריסוב זי"ע, אן אייניקל פונעם "יוד" הקדוש, וועלכער האט דערציילט אז ער האט געהערט פון זיין זיידן אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן דער הייליגער רבי פון לובלין זי"על אז דער מנהג שטאמט פון ספר חמדת הימים, דעריבער וויל ער דאס נישט זאגן,

### • געבן מער צדקה...

ס'שטייט אין ספר 'אור לשמים' (פרשת ואתחנן): אז אין די ימי חודש אלול, זאל מען געבן מער צדקה, ווי מ'גיט א גאנץ יאהר.

### • ווי א זעלנער אין מיליטער

• **'חידושי הרי"ם':** (לחודש אלול) אזוי ווי א זעלנער אין מיליטער דארף זיך פריער לערנען די טאקטיק פון מלחמה האלטן, אז ווען ער גייט ארויס אין א מלחמה זאל ער זיין געניט אין זיין ארבעט, און קענען באזיגן דעם שונא, אזוי אויך ראש השנה און יום כיפור וואס זענען טעג פון 'מלחמה' אזוי ווי ס'שטייט אין 'מדרש תהלים' אויפ'ן פסוק (תהלים כז:ג) "אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח",—און אין חודש אלול גרייטן מיר זיך, צו א מלחמה, כדי ביים יום הדין זאלן מיר זיין שטארק און באזיגן אונזער פיינט (דעם יצר הרע). די מלחמה וואס מיר גרייטן זיך צו פיהרן איז קעגן די מקטריגים און משטינים, וואס ביום הדין, נעמען זיי ארויס זייער געווער, די עוונות ופשעים פונעם מענטש, כדי אים צו באשולדיגן ביים בית דין של מעלה, און כדי צו פארציקן זיין גאנצע שפע וואס איז פאר אים באשטימט. דעריבער חודש אלול גרייט מען זיך גוט, צו די מלחמה, מיט שטארקע געווער, וואס דאס איז "תשובה תפלה וצדקה", אזוי אז ווען ס'קומט דער טאג פון מלחמה, דער יום הדין, ווערט מקויים דער פסוק (ויקרא כו:ז) "**ל**'הצילך **ו**'לתת **א**'ויביך **ל**'פניך" ראשי תיבות **אלו"ל** [שפת אמת תצא תר"מ]. אויך שטייט (ויקרא כו:ז) "**ו**'נפלו **א**'ויביכם **ל**'פניכם **ל**'חרב",—ראשי תיבות **אלו"ל**. [תורת אבות], און מ'זיגט דעם פיינט און מ'איז זוכה בדין. *('מסילות' באור החסידות)*

## מאוצרות הצדיקים

# הקיעה שופר אלול

### • מ'בלאזט שופר חודש אלול. מ'זאל נישט דארפן נתעורר ווערן פונעם קול שופר אין ראש השנה

<<<<<<<

ר רמב"ם זאגט: כאטש די מצוה פון שופר איז
 הכתוב, איז אבער דא דערין א רמז, "**עורו**
**שנתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם, וחפשו**
**ם וחזרו בתשובה וזכרו בוראכם**". (הל' תשובה
). דערפאר האבן אונז די חכמים, די קדמונים
א חודש אלול, כדי מ'זאל זיך נישט דארפן
קן ערשט אין ראש השנה, ס'זאל דעמאלט
ארפן זיין "עורו ישנים משנתכם", נאר מ'זאל
פוועקן שוין 'פריער'. און דערפאר האט
קן געווען, (טור או"ח הל' ר"ה סי' תקפ"א
רקי דרבי אליעזר" פמ"ו) אז מ'זאל בלאזן
גאנץ' חודש אלול, כדי מ'זאל דעם גאנצען
אבן אן התעוררות, און זיך ערוועקן צו טוען
ה.

## מאוצרות הצדיקים

# צדקה חודש אלול

### דקה אין חודש אלול

רמז צו געבן מער צדקה אין חודש אלול
ן די ספרים פון דעם פסוק (אסתר י: כג) **א'**יש
ד'מתנות **ל'**אביונים, איז ראשי תיבות **אלו"ל**.
צוגעבן א רמז אויף דעם ענין פון מרבה זיין
אין חודש אלול, ווייל לויט דעם סדר פון די
(וואס יעדער שבט איז קעגן איין חודש פון
איז אלול אנטקעגן דעם שבט גד, [זעה בני
(מאמרי חודש כסלו טבת, מאמר י"ב זאת
, און **ג"ד** איז די ראשי תיבות פון די ווערטער
לים (שבת קד.), מרמז צו זיין אז אין חודש
ז די צייט צו טוען צדקה און גמילות חסדים
מעלייט. *(צמח צדיק)*

ס קען אויך זיין וואס די קדמונים ברענגען
 צירוף פון חודש אלול איז פונעם פסוק
ו:כה) "וצדקה תהיה לנו כי נשמור לעשות
מצוה הזאת" וגו'. די סופי תיבות פון וצדק'**ה**
נ'**ו** כ'**י** איז "ההו"י", אותיות הוי"ה. אומעטום
חז"ל זאגן סתם 'מצוה', איז די כוונה אויף די
ון צדקה. [זעה רש"י (שבת קנו. ד"ה וצדקן
)]. איז דער רמז, אז אין חודש אלול איז א זמן
 צדקה, "כי נשמור לעשות את כל '**המצוה**'

הזאת. און אויף דעם פארענדיגט דארט דער פסוק, "לפני ה' אלוקנו כאשר צונו",—איידער ס'קומט אהן דער יום הדין [אלוקנו] ווען דער באשעפער זיצט על כסא דין צו משפ'טן די וועלט. *(ספרים)*

נאך א רמז קען מען זאגן אויפ'ן שייכות פון חודש אלול צום פסוק (דברים ו:כה) "וצדקה תהיה לנו כי נשמור לעשות את כל המצוה הזאת" וגו'. ווייל א איד דארף אין חודש אלול מתפלל זיין אז ער זאל זוכה זיין צו דינען דעם באשעפער סיי בדיבור, און סיי במעשה, ס'זאל נישט פארלוירן ווערן קיין איין פעולה פאר'ן



האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים
לא עמד ובמושב לצים לא ישב כי אם בתורת ה'
חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה והיה כעץ
שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו
לא יבול וכל אשר יעשה יצליח לא כן הרשעים
כי אם כמץ אשר תדפנו רוח על כן לא יקמו
רשעים במשפט וחטאים בעדת צדיקים כי
יודע ה' דרך צדיקים ודרך רשעים תאבד.

באשעפער'ס וועגן. דאס איז אויך דער רמז פון "שמור וזכור". "שמור" מיט'ן הארץ, "זכור" מיט'ן מויל. א איד דארף זעהן דערצו אז זיין מחשבה און זיינע מעשים זאלן זיין פאר'ן באשעפער.

דאס איז דער רמז אין פסוק "**וצדקה תהיה לנו**",—דער באשעפער טוהט מיט אונז א צדקה און ער העלפט אונז "**כי נשמור**",—וואס שמירה איז דאך אין הארץ פון מענטש, "**לעשות**",—צו טוען במעשה און בדיבור אז אלע דיבורים און מעשים און מחשבות זאלן זיין פאר דעם באשעפער, "לפני ה' אלקנו כאשר צונו". *("קהלת משה", להרה"ק מקאזניץ זצוק"ל)*

לויט דעם אויבן דערמאנטן אז דער צירוף פון חודש אלול איז פון פסוק "וצדק'**ה** תהי'**ה** לנ'**ו** כ'**י**, קען מען זאגן א רמז אויפ'ן פסוק (דברים יג:ה) "אחרי ה' אלקיכם תלכו ואת מצותיו תשמורו ובקולו תשמעו, ואותו תעבודו ובו תדבקון". וואס איז אזוי: "**אחרי ה' אלקיכם תלכו**",—דאס ווארט "תלכו" באטרעפט די

צאהל 456 , אזוי ווי די ראשי תיבות פון **ו'**צדקה **ת'**היה **ל'**נו **כ'**י, וואס די סופי תיבות פון די דאזיגע ווערטער איז דער צירוף פון חודש אלול. "**ואותו תיראו**",—איז א רמז אויף ראש השנה, דער יום הדין והנורא, "**ואת מצותיו תשמרו**",—איז מרמז אויף די עשרת ימי תשובה, ווען מ'דארף טוען מער מצוות, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה (פרק ג' הלכה ד') "נהגו כל בית ישראל **להרבות בצדקה** ובמעשים טובים ולעסוק במצות מראש השנה ועד יום הכיפוריס יותר מבכל השנה". "**ובקולו תשמעון**",—איז א רמז אויף יום כיפור, ווען מ'איז מקיים די פינף עינויים (עיין ב"פרי עץ חיים"), "**ואותו תעבודו**",—איז א רמז אויף סוכות ווען מ'טוהט די עבודה פון סוכה און ארבעה מינים, "**ובו תדבקון**",—איז א רמז אויף שמיני עצרת, ווען מ'איז זיך מתייחד מיט'ן באשעפער מיט א וואונדערליכער יחוד, ווי דער מדרש זאגט "עשו לי סעודה קטנה כדי שאהנה מכם". *("אמרי יוסף". פ' ראה)*

## מאוצרות הצדיקים

# תהלים חודש אלול

### • "תהלים אנשטאט פאסטן"

הרה"ק רבי אריה לייב פון סדילקוב זצ"ל, פלעגט פאסטן משבת לשבת, און ער איז דערפון זייער קראנק געווארן, און די דאקטורים האבן אים שוין ח"ו כמעט אויפגעגעבן. פלוצלינג האט ער זיך געשטארקט, אויפגעזעצט אויף זיין בעט, און געזאגט: "כ'בין זיכער, אז פון היינט און ווייטער וועל איך זיין געזונט. ווייל אצינד איז צו מיר געקומען מיין זיידע הרה"ק רבי נחום טשערנאבילער זי"ע, דער 'מאור עינים', און מיר געברענגט א רפואה, איך זאל זאגן דריי מאהל תהלים יעדן טאג, וועל איך מער נישט דארפן פאסטן משבת לשבת ער האט זיך טאקע אזוי געפיהרט צו ענדיגן יעדן טאג דריי מאהל תהלים. *("לישרים תהלה")*

### • דריי מאהל תהלים אין איין טאג

ס'זענען געווען צדיקים וואס זענען נישט געווען צופרידן מיט ענדיגן איינמאהל תהלים,

האבן געזאגט אז ס'איז א דבר גדול צו
דריי מאהל תהלים אין איין טאג. אין ספר
האב" (מערכת תהלים) שטייט געשריבן:
א קבלה פון הרה"ק רבי ר' אלימלך
סק זי"ע, אז דער וואס זאגט אויס אין
אג דריי מאהל גאנץ תהלים, ווערט דאס
ררעכנט ווי פאסטן משבת לשבת. אויך
אין נאמען פון זיין הייליג'ן תלמיד הרה"ק
ענדעלע רימנובער זצוק"ל, אז דער וואס
גאנץ תהלים דריי מאהל אין איין טאג,
ס פאררעכנט ווי א שווערד און פאנצער
עם יצר הרע, נאר ס'איז באוואוסט אז
עסער אביסל מיט כוונה ווי איידער אסאך
נה.

## אוצרות רבוה"ק מבעלזא

# הלים חודש אלול

### הלים. א תיקון אויף תשובה"

ר "נחלי בינה" (יום הכיפורים סי' י אות
רענגט א בריוו וואס איז געשריבן געווארן
ת קדשו פון כ"ק מרן מהר"א זי"ע, וואס
ט געהייסן ענטפערן פאר איינעם, וועגן
ן אויף תשובה: "וועגן די שאלה וואס דו
ט האט כ"ק אדמו"ר שליט"א [מרן מהר"א
עהייסן דו זאלסט פריער לערנען די
לעך תהלים, קאפיטל ק"א, ק"ב, ק"ג און
ט'ן תרגום, פירש"י ז"ל און מיט'ן פירוש
ייטש, דערנאך זאלסטו יעדן טאג פאר א
אהר זאגן די דאזיגע קאפיטלעך. אויסער
בת קודש און שבת קודש זאלסטו נישט
ן אויך נישט אין א יומא דפגרא, ווי ראש
דער חנוכה".

## י געוואלדיגע סגולות פון זאגן תהלים

### יבן אין הימל

ה"ק רבי אברהם יעקב פון סאדיגורא
אט דערציילט, אז הרה"ק רבי רי ברוכ'ל

פון מעזיבוזש זי"ע האט געזאגט: אז ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענער וועלט וועט ער זאגן תהלים און לערנען זוהר הק'. אזוי וועלן דוד המלך און רבי שמעון בר יוחאי קומען צו אים און וועלן זיין אינאיינעם מיט אים אין גן עדן!

### • אונטערן כסא הכבוד!

דער הייליגער חיד"א (מדבר קדמות ת' כ"ח) שרייבט: ווער ס'זאגט תהלים יעדן טאג איז ער פארזיכערט צו זיין אונטערן כסא הכבוד.

### • צעשניידט אלע דינים!




ס'ווערט געברענגט פון צדיקים אויפ'ן פסוק: "מי ימלל גבורות ה', ישמיע כל תהלתו" (תהלים קו:יב) אז "ימלל" איז א לשון פון צעשניידן, (ביצה יב:) און דאס מיינט צו זאגן "**מי ימלל גבורות ה'**",—ווער ס'וויל צעשניידן אלע גבורות און דינים, "**ישמיע כל תהלתו**",—זאל ער אויסזאגן גאנץ תהלים.

### • זוכה געווען צו א גאר הויכע מדריגה.

צוויי מענטשן זענען אמאהל געקומען צום הייליגן בעש"ט זי"ע, און אויף איינעם פון זיי האט דער בעל שם טוב אנגעוויזן אז ער האט זוכה געווען צו גאר א הויכע מדריגה דורכ'ן זאגן תהילים. *(רשפי אש אות קנד)*

### • רייניגן דאס מויל מיט זאגן תהלים...

אמאהל זענען אריין א קבוצה פון בחורים צום הייליגן 'אמרי חיים' פון וויזשניץ זצ"ל, וועלנדיג הערן דברי חיזוק פאר די ימי נוראים. האט זיי דער "אמרי חיים" אזוי געזאגט: ס'שוין ענדע יאהר, די ימי אלול חודש הרחמים והסליחות, און מ'דארף זיך פאסיג צוגרייטן וויאזוי מיר וועלן זאגן פאר'ן באשעפער ראש השנה די ברכות פון 'מלכויות זכרונות, שופרות'.

דער ראש החבורה וואס האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט, האט געבעהטן אז דער רבי זאל זאגן וואס ער מיינט? האט דער 'אמרי חיים' דאס געגעבן צו פארשטיין: מ'דארף פאסיג צוגרייטן דאס מויל וואס האט זיך אנגעקלעבט מיט 'זשאווע' במשך דעם גאנצן יאהר, מ'דארף רייניגן דאס מויל פון אבק לשון הרע און רכילות וואס האט זיך אנגעזאמלט, דאס אויסשווענקן מיט'ן וואסער פון הארץ, מיט פסוקי תהלים און שירות ותשבחות לקל חי, מיר זאלן זיך נישט דארפן שעהמן ווען מיר זאגן מיט'ן מויל די תפילת פון די ימי נוראים הבעל"ט.

### • חליקת תהלים לחודש אלול, לפי מנהג בעלזא

מנהג בעלזא איז איינצוטיילן דעם ספר תהלים אויף אכט טיילן און ענדיגן צוויי מאהל תהלים במשך דעם חודש. מען הויבט אהן זאגן תהלים נאך ר"ח.

**יום הראשון לאמירת תהלים:** יה"ר (שלפני תהלים). לכו נרננה. **קאפיטל א-כא.**

**ביום השני לאמירת תהלים.** לכו נרננה. **קאפיטל כב-מא.** גמר ספר ראשון.

מי יתן מציון. יה"ר שלאחר תהלים. ק"י.

**ביום השלישי לאמירת תהלים** יה"ר. לכו נרננה. **קאפיטל מב-נה.**

**ביום הרביעי לאמירת תהלים.** לכו נרננה. **קאפיטל נו-עב.** גמר ספר שני.

מי יתן מציון. יה"ר שלאחר תהילים. ק"י.

**ביום החמישי לאמירת תהלים.** יה"ר. לכו נרננה. **קאפיטל עג-פט.** גמר ספר שלישי.

מי יתן מציון. יה"ר שלאחר תהילים. ק"י.

**יום השישי לאמירת תהלים.** יה"ר. לכו נרננה. **קאפיטל צ-קו.** גמר ספר רביעי.

מי יתן מציון. יה"ר שלאחר תהלים. ק"י.

**יום השביעי לאמירת תהלים.** יה"ר. לכו נרננה. **קאפיטל קז-קיט.**

**יום השמיני לאמירת תהלים.** יה"ר. לכו נרננה. **קאפיטל קכ-קנ.** גמר ספר חמישי.

מי יתן מציון. **יה"ר שלאחר תהלים.** ק"י.

*(פארזעצונג אי"ה)*

וואס האט מיך פארשעהמט, ווייל איך האב א
אטור, און קען דאס נישט ענדערן, איך וועל אים
ל נישט ליעב האבן." זאגט דער תנא דאס איז
ת, יעדער איד האט די מעגליכקייט צו טוישן זיין
שלעכט צום גוט, צו ווערן ווי א נייע באשעפעניש,
זאגט דער תנא "הוי מתלמידיו של אהרן",
ט ווערן פון אהרן'ס תלמידים' יעדער האט די
ייט צו ווערן אפילו א ניי באשעפעניש און ענדערן
בטן נאטור. *(הרה"ק רבי אלעזר אזכרי זי"ע בעל "החרדים")*

## אוהב שלום ורודף שלום

### ...דארף עפענען די אויגן און זעהן..."

ה רה"ק רבי יצחק מווארקא זצוק"ל איז געווען
אן 'אוהב שלום ורודף שלום'. ווען ס'האט
מאכט א קריגעריי צווישן צוויי שותפים, א
לק, אדער ס'האט אויסגעבראכן א מחלוקות
קהילה, האט ער שטענדיג אויסגעגליכן צווישן
ם און געמאכט זיכער אז ס'זאל הערשן א שלום.
דערציילט אזוי: "אמאהל בין איך געפאהרן
יי ורבי כ"ק הרה"ק רבי דוד לעלובער זצוק"ל
זענען אנגעקומען אין א שטאט. פלוצלינג איז
פן א פרוי און מיך אנגעהויבן צו זידלען און
"די אכזר, די רוצח, מעגסט דיך שעהמען, מפקיר
פרוי מיט איהרע קינדער, בקיצור זי איז געווען
ז איך בין איר מאן וואס האט זי איבערגעלאזט
קינדער און פארשוואונדן געווארן. מענשטן אין
ענען זיך צוזאמען געלאפן און נאך צוגעהאלפן
זידלען. מיט גרויס שוועריגקייט איז געלונגען
ין רבי הרה"ק רבי דוד איר צו בארוהאיגן, און
יר אויספרעגן די סימנים פון איר מאן, האט
אויפגעוויזן איר טעות. פארשטענדליך אז
געווארן אויפגעשוידערט און גענומען מיך
בעהטן, פאר'ן אזוי באליידיג'ן און זידלען.
ך איר געענטפערט: "דו דארפסט מיך נישט
עהטן, ווייל דו האסט מיך נישט באליידיגט, דו
אך באליידיגט און געשאלטן דיין מאן... וואס
ת'ן קומט אים טאקע שלעק...". און הרה"ק רבי
ווארקא האט אויסגעפיהרט: "אזוי אויך, כמעט
ער קריגעריי זענען ביידע צדדים גערעכט, זיי
ין וועמען זיי מיינען, איז זייער קעגענער. אבער
דארף מען נאר עפענען די אויגן, וועט מען זעהן,
בילד וואס מיר האבן זיך אויסגעמאָהלן, איז
לעמאָהל ריכטיג, אסאך מאָהל לאחר מעשה
קלאהר, אז דא איז געווען א גרויסע טעות,
ישט יענער דער וואס האט שלעכטס געטוען.

***

**רבן יוחנן בן זכאי קבל מהלל ומשמאי, הוא היה אומר: אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת. (אבות ב:ח)**

*—רבן יוחנן בן זכאי האט מקבל געווען די תורה פון הלל און פון שמאי. ער פלעגט זאגן, [צום ערשט איז ער געווען א תלמיד פון שמאי און דערנאך פון הלל. מחזור ויטרי] אפילו אויב דו האסט געלערנט אסאך תורה און דו קענסט שוין אלעס, זאלסטו זיך נישט גרויס האלטן אז דו האסט געטוען עפעס א גרויסע זאך, ווייל דאס דיין אויפגאבע אויף די וועלט און צוליעב דעם ביסטו באשאפן געווארן, [דאס איז אזוי ווי איינער זאל זיך גרויס האלטן אז ער האט באצאלט א חוב].—*

## "אם למדת תורה הרבה, אל תחזיק טובה לעצמך" (אבות ב:ח)

דער וואס לערנט נישט גענוג מיינט אלעמאהל אז ער



האט שוין פיהל געטוען פאר'ן באשעפער, אבער דער וואס איז זוכה צו לערנען די הייליגע תורה ווייסט אז ער האט נאך גארנישט געטוען, דאס זאגט די משנה: **"אם למדת תורה הרבה"**,—אויב האסטו געלערנט אסאך תורה, **"אל תחזיק טובה לעצמך"**,—וועסטו זיך נישט האלטן גרויס דערמיט. *("שפת אמת")*

## "אל תחזיק טובה לעצמך" (אבות ב:ח)

פארוואס הייבט זיך אהן יעדער מסכת מיט דף ב' און נישט ביי דף א'? כדי דער מענטש זאל וויסן, אפילו אויב ער האט געלערנט אסאך, 'אם למדת תורה הרבה,'— זאל ער זיך נישט גרויס האלטן, 'אל תחזיק טובה לעצמך',— ווייל דעם ערשטן בלאט האסטו נאכנישט געלערנט! *(הרה"ק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע)*

## "כי לכך נוצרת" (אבות ב:ח)

**"כי לכך נוצרת"**,—פארדעם איז א מענטש טאקע באשאפן געווארן, ער זאל לערנען אסאך תורה און זיך נישט גרויס האלטן דערמיט! *(הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע)*

## "כי לכך נוצרת" (אבות ב:ח)

אויב א מענטש איז זוכה צו לערנען אסאך תורה, זאל ער זיך נישט גרויס האלטן דערמיט, 'כי לכך נוצרת,'—איידער א מענטש קומט אראפ אויף די וועלט איז מען שוין גוזר פון הימל וואס פארא כשרונות ער זאל האבן, דעריבער דארף ער וויסן אז די כוחות און כשרונות וואס ער האט צו לערנען, האט דער באשעפער אים באשאפן דערמיט, און ס'איז בכלל נישט אים צו פארדאנקען, ער האט זיך נישט וואס גרויס צו האלטן דערמיט. *(הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע)*

## "אם למדת תורה הרבה..." (אבות ב:ח)

**"אם למדת תורה הרבה"**,—אויב דו האסט זוכה געווען צו לערנען אסאך תורה, **"אל תחזיק טובה לעצמך"**,—האלט נישט דאס גוט'ס פאר דיר אליין, זיי אויך מזכה זיין אנדערע אידן און לערן מיט זיי, **"כי לכך נוצרת"**,—ווייל דאס איז דער ציהל פון די בריאה, און דער תכלית פארוואס א מענטש איז געקומען אויף די וועלט, צו טוען חסד ברוחניות ובגשמיות מיט אנדערע. *(בינה לעתים)*

## "אם למדת תורה הרבה, אל תחזיק טובה לעצמך" (אבות ב:ח)

דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל פלעגט זאגן: ווי נאריש זענען די מענטשן, ווען זיי זעהן א בחור וואס לערנט תורה פרעגן זיי אים: "וואס וועט זיין דיין תכלית?" דער תנא זאגט דאך "אם למדת תורה הרבה...כי לכך נוצרת"—דו זאלסט לערנען אסאך תורה ווייל צוליעב דעם ביסטו באשאפן געווארן. דער גאנצער תכלית פון בריאת האדם איז נאר צו לערנען תורה, גייען די מענטשן דווקא צו די וואס זענען באשעפטיגט מיט'ן אמת'דיגן תכלית, און פרעגן אים "וואס וועט זיין דיין תכלית?", דאס איז גלייך ווי מען פרעגט וואס איז דער תכלית פונעם תכלית.

## אל תחזיק טובה לעצמך

### "אז מ'קען א מסכת אויסנווייניג איז מען א ת"ח..."

הרה"ח ר' אברהם מענדעלאוויטש ז"ל האט דערציילט אז אלס בחור האט ער געקענט גאנץ מסכת פסחים מיט תוספות בעל פה. ווען ער איז געקומען קיין בעלזא אויפ'ן יו"ט פסח, איז ער אריינגעגאנגען מיט א קוויטל צו כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, צוזאמען מיט זיין רבי הרה"ג רבי וואלף קנאללער ז"ל. און רבי וואלף געזאגט פאר מרן זי"ע אז ער, ר' אברהם, איז א וואוילער בחור, און ער קען גאנץ מסכת פסחים פון אויסנווייניג. האט מרן זי"ע געפרעגט: "מיט תוספות?" האט רבי וואלף געענטפערט "יא!" האט מרן זי"ע געזאגט: **"פסחים איז זייער א שווערע מסכת, און אז מ'קען א מסכת אויסנווייניג איז מען א תלמיד חכם".**

דערנאך האט מרן זי"ע געזאגט פאר ר' אברהם: "זאלסט איבערחזר'ן וואס דו לערנסט פיהר מאהל, דו הערסט? דער טאטע ז"ל האט נאכגעזאגט פונעם זיידן ז"ל וואס האט נאך געזאגט פון זיין טאטע [מרן מהר"ש זי"ע] בשם הרבי ר' איציקל [החוזה] מלובלין זי"ע, אז מ'דארף חזר'ן פיהר מאהל, ווייל חזר'ן אויסער וואס ס'העלפט צו געדענקען, איז דאס אויך א סגולה צו געדענקען".

***



מַיין אוֹצָר... מדות טובות

## 'בנחת נשמעים'

### פרק ז'

### ...יסע טייל פון די עצות קעגן כעס זענען מרומז אין איין פסוק

...עצט האבן מיר דערמאנט פארשידענע עצות קעגן כעס, די אלע עצות
...ומז אינעם פסוק (נח ו'-ט') "**אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה**
...**ת הא-לקים התהלך נח**". מיר האבן דערמאנט די משנה (אבות ה:יא) "נח
...ח לרצות יצא שכרו בהפסדו", איינער וואס ווערט גרינג אין כעס, כאטש
...גרינג איבערגעבעהטן, ווערט אבער זיין שכר פארלוירן צום שאדן, ווייל
...ן פון כעס איז אזוי גרויס. מיר האבן אויך דערמאנט אז דער שאדן איז אזוי
...ל ס'ווערט גערעכנט ווי מ'האט חלילה געדינט עבודה זרה.

...**תולדות נח נח**", דאס ווארט "אלה" איז מרמז אויף עבודה זרה ווי די גמרא
...ב.) אויפ'ן פסוק (ישעי' מ"ט) "גם אלה תשכחנה", אז "**אלה**" מיינט די
...נעם עגל ווען מ'האט געזאגט (שמות ל"ג) "אלה אלהיך ישראל", און דער
...אלה תשכחנה" מיינט אז דער באשעפער וועט פארגעסן פון יענע עבירה.
...**ח**" איז א רמז צו "נח לכעוס ונח לרצות". דער פסוק איז מרמז, אז "אלה",
...ה, "תולדות נח נח" קען ארויסקומען פון נח לכעוס ונח לרצות.

...ר "**איש צדיק**", אויב וויל מען בלייבן א צדיק, דעמאלט "**תמים**" וואס זענען
...תיבות פון "דבר'**י** חכמי'**ם** בנח'**ת** נשמעי'**ם**", זאל מען רעדן מיט רוהיגקייט.
...**ק תמים היה**" איז בגימטריא "**תשובה**" (מיט'ן כולל), מ'זאל תשובה טוען
...איז דאך א סימן אז מ'האט מער עבירות ווי מצות, און אז מ'וועט טוען
...עט מען שוין זיין א צדיק מיט מער מצות פון עבירות.

...**ם היה**" איז בגימטריא "**ימתין**", מ'זאל ווארטן ביז דער כעס גייט אוועק
...'רעדט.

...ק תמי'**ם** הי'**ה** בדרתי'**ו**" איז די סופי תיבות **מקו"ה**, זיך טובל'ען אין מקוה
...פ דעם כעס.

...**בדרתיו**" איז מרמז מ'זאל זיך ארייןלייגן אויפן ארט פון די אנדערע מענטשן
...רמז צו זיין אז איידער מ'רעגט זיך אויף א מענטש זאל מען זיך ארייןלייגן
...מ'ס ארט, און דערנאך וועט מען זיך שוין נישט רעגן אויף אים.

...ה **ב**'דרתיו **א**'ת **ה**'א-לקים" איז ראשי תיבות "**אהבה**" און סופי תיבות "**המות**",
... מרמז אויף צוויי ענינים. **א.** דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך". **ב.** מ'זאל
...ן אז ס'איז דא א יום המיתה.ביידע ענינים העלפן אויף אפשטילן כעס.

...**בדרתיו את**" איז בגימטריא "**ובתורתו יהגה**", אזוי ווי ס'שטייט (תהלים א')
... יהגה יומם ולילה", אז מ'דארף לערנען תורה טאג און נאכט, און דער פסוק
...מרמז, אז דורך לימוד התורה קען מען זיך ראטעווען פון כעס.

...**האלקים התהלך נח**" דאס איז די מדה פון "**שויתי ה' לנגדי תמיד**", אזוי ווי
...ם אונקלוס טייטשט אויף די דאזיגע ווערטער "בדחלתא דה' הליך נח",
...כט פאר'ן באשעפער איז נח געגאנגען. און אז מ'שטייט פאר'ן באשעפער
...כט, רעגט מען זיך נישט. און ווי שוין דערמאנט אז כעס מאכט פארגעסן די
...ס מ'האט געלערנט, און דער וואס איז נישט קיין קפדן, ער קען פארשטיין
... וואס מ'לערנט. אז מ'קוקט אויף די סופי תיבות פון "צדי'**ק** תמי'**ם** הי'**ה**
...א'**ת** האלקי'**ם** התהל'**ך** נ'**ח**", זעהט מען די אותיות "**קמה חכמתו**", ד.מ. אז
...תקיימת, זיין חכמה פון תורה בלייבט שטיין ביי אים, ער פארגעסט נישט
...ען אויב ער האלט איין די דאזיגע עצות און היט זיך אפ פון כעס.

*(הרה"ג רבי אברהם יצחק מערמעלשטיין שליט"א - המלקט)*

***(מתוך קונטרס "בנחת נשמעים" ותשח"ל)***

***(פארזעצונג אי"ה)***

מַיין אוֹצָר...קליינע מעשה'לעך פון גרויסע אידן...

## • 'דער מקובל ביים דאווענען'...

דער גאון און מקובל רבי חיים שאול הכהן דוויק זצ"ל פלעגט דאווענען זייער לאנג כדי אינזינען צו האבן אלע כוונות האריז"ל (שחרית



האט געדויערט פיהר שעה! נאכ'ן אפרעכטן תיקון חצות און לערנען ביז'ן עלות השחר) בפרט ווען ער האט געדאוונט די הויכע שמונה עשרה, האט ער מאריך געווען ביי יעדער ווארט ביז כלות הנפש. ביי די ווערטער "המחזיר שכינתו לציון" פלעגט ער אויסברעכן אין א גרויס געוויין, פארגיסנדיג טייכן טרערן, אזש די ערד איז נאס געווארן, און אמאהל האט פאסירט אז ער האט גע'חלש'ט ביי די ברכה "המחזיר שכינתו לציון".

## • א בטוכה טובה פון 'בעל דבר'...

הגה"ק רבי מאטיל סלאנימער זצ"ל שרייבט וואס ער האט געהערט פון



זיין רבי'ן רבי דוד לובינער זצ"ל, אז ווען די ביטערע גזירה פון די קאנטאניסטן איז ארויס אין רוסלאנד, האבן אידן איינגעריסן וועלטן מיט זייערע תפילות. א שטיק צייט שפעטער איז פארשפרייט געווארן עפעס א שמועה אז די גזירה איז בטל געווארן, און מיט די צייט האט מען אויפגעהערט מתפלל צו זיין. נישט לאנג דערנאך איז די גזירה ארויס מיט'ן פוהלן קראפט. האט רבי דוד געזאגט אז די שמועה איז געקומען פון בעל דבר כדי אפצושוואכן אידישע תפילות, ווייל ער ווייסט אז מיט אזעלכע תפילות וועט די גזירה בשום אופן נישט קענען צושטאנד קומען.

## • הן הן נוראותיו...

כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי איציק'ל פשעווארסקער זצ"ל האט דערציילט אז ווען ער איז געווען א קליין אינגעל, איז ער געווען א ווילד קינד. אבער ער האט נישט קיין חרטה, ווייל אמאהל אלס קינד, איז אים אויסגעקומען



צו זיין ביים הייליג'ן שיניאווער רב זי"ע און ער האט געוואונען די דרייסטקייט זיך צו שטעלן פונקט קעגן זיין הייליגער צורה בשעת'ן דאווענען שמונה עשרה. ווען דער שיניאווער רב איז אנגעקומען צו די ווערטער "הקל הגדול הגבור והנורא", און געזאגט "והנורא", איז זיין פנים ממש נשתנה צורה געווארן. "ס'האט מיר אנגעכאפט אזא פחד, אז פון דעמאלט אהן, האט רבי איציק'ל אויסגעפיהרט, "געדענק איך נישט איך זאל האבן געדאוונט שמונה עשרה און זיך נישט דערמאנט ביים ווארט 'והנורא' דעם שיניאווער רב'ס 'והנורא'."

•••





# שבת קודש מאוצרות רבוה"ק

## א בעקיטשע

**שיבות הבעקיטשע / בעקיטשע מיוחד לכבוד שבת / חינוך**
**קיטשע חדש / בעקיטשע עם סטראקעס / בגדי לבן / אבנט**

### י לבן - א ווייסע בעקיטשע

**ען** הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע האט אמאהל גערעדט
י צדיקים וואס ער האט מקבל געווען פני קדשם, האט ער געזאגט:
**לזא** [ביי כ"ק מרן מהר"ש זי"ע] **האבן מיר געלערנט, אז מ'קען זיין א**
**ילו נישט אין א ווייסע בעקיטשע"**. ווייל מרן מהר"ש זי"ע איז געווען
שטער רבי וואס איז נישט געגאנגען שבת מיט בגדי לבן.

**ען** מרן מהר"א זי"ע איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און
ומען צו די שטאט חיפה [אין שנת תש"ד] זענען מאסן מענטשן
ען קיין חיפה מקבל פנים זיין מרן זי"ע און נעמען שלו'. צווישן די
ענען געקומען איז געווען א גרופע פון עטליכע ירושלים'ער אידן
שם הרה"ג ר' עמרם בלוי) וואס זענען ספעציעל געקומען קיין חיפה
פנים זיין מרן זי"ע אלס א משלחת פונעם "ועד העיר האשכנזי",
האבן געברענגט א ווייסער 'קאפטן' וואס די אנשי ירושלים פיהרן
צוטוהן בשבתות ובמועדים, און דאס געגעבן פאר מרן זי"ע און
טן אז מרן זי"ע זאל דאס אהנטוהן כמנהגם. אבער מרן זי"ע האט
זאגט, און זיי געזאגט אז ביז'ן עלטער זיידן ז"ל [מרן מהר"ש זי"ע]
אלע צדיקים געגאנגען מיט בגדי לבן, אבער דער עלטער זיידע
האט זיך שוין נישט אזוי געפיהרט און ער איז נישט געגאנגען מיט
בן, אויך דער זיידע ז"ל [מרן מהר"י זי"ע] און אויך דער טאטע ז"ל
הרי"ד זי"ע] זענען נישט געגאנגען מיט דעם מלבוש, און כאטש
ביי אים חשוב וואס מ'האט אים געברענגט א מתנה דעם מלבוש
ר נישט משנה זיין דעם לבוש און גיין אנדערש ווי אבותיו הק'
געגאנגען אנגעטוהן. פונדעסטוועגן, האט זיי מרן זי"ע געזאגט,
איך נעמען פון אייך דעם בגד, (דער ווייסער 'קאפטן') און איך האב
באשטימטע צייט ווען איך וועל דאס אנטוהן, דאס איז ערב פסח
אקן די מצות" [אזוי ווי רבותינו הק' מבעלזא האבן זיך געפיהרט
והן ביים מצות באקן ערב פסח די ווייסע בעקיטשע וואס זיי האבן
ט בירושה פון רבי ר' בער זי"ע], און מרן זי"ע האט גענומען פון זיי
קאפטן' און דאס אוועק געלייגט פאר די מצות באקן ערב פסח. פון
לט אהן האט מרן זי"ע אנגעטוהן יעדעס יאהר ביים מצות באקן ערב
עם ווייסן קאפטן וואס ער האט באקומען פון די אנשי ירושלים.

ין די שפעטערע יאהן ווען דער ווייסער 'קאפטן' וואס מרן זי"ע האט
מען פון די אנשי ירושלים איז געווארן אויסגעריבן און אלט פון אזויפיהל
נוצן, און מ'האט שוין מער נישט געקענט נוצן, האט דער משב"ק הרה"ח
ק לנדאו ז"ל געקויפט פון זיין אייגן געלט א ווייסע זיידענע סחורה, און
לט געבן צו א שניידער אויפצונייען א נייע ווייסע 'בעקיטשע' פאר מרן
זי"ע צו קענען נוצן ביים מצות באקן ערב פסח. ווען ער האט געפרעגט מרן זי"ע דערויף, האט אים מרן זי"ע געזאגט: "מ'פיהרט זיך, נישט צו נעמען פון יענעם א גרייטע בגד, דעריבער וועט ער נעמען פון אים די סחורה, אבער ער זאל נישט אליין באצאהלן פאר'ן שניידער צו נייען די בעקיטשע, און מרן זי"ע וועט אליין באצאהלן פאר'ן נייען די בעקיטשע, און אזוי האט ער געטוען, און ערב פסח די לעצטע דריי יאהר פון זיין לעבן, האט מרן זי"ע גענוצט די נייע בעקיטשע ביים מצות באקן ערב פסח. ביי א געלעגנהייט האט דער משב"ק ר' יצחק געפרעגט פון מרן זי"ע, וויבאלד, מ'נוצט שוין נישט די אלטע ווייסע בעקיטשע, אויב מרן זי"ע קען דאס אים געבן? האט אים מרן זי"ע געענטפערט בצחות בלשון קדשו: **"עה, דאס געב איך נישט אוועק, דאס האבן מיר די קנאים געגעבן".]**

[די אלטע ווייסע 'בעקיטשע', איז שפעטער אריבער בירושה צו יבדלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און במשך עטליכע יאהר איז מרן שליט"א געגאנגען אנגעטוהן מיט די ווייסע 'בעקיטשע' יעדן ערב פסח צום מצות באקן].

**ווען** די אנשי ירושלים האבן פארלאזט די שטוב, האט מרן זי"ע געזאגט פאר די שטוב מענטשן, "איך האב געהערט פונעם טאט'ן ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע], אז זיין טאטע [מרן מהר"י זי"ע] האט געזאגט: 'איך בין מכיר טובה פאר'ן טאט'ן ז"ל [מרן מהר"ש זי"ע] אויף דריי זאכן וואס ער האט זיך נישט געפיהרט צו טוען. איינס: אז ער איז נישט געגאנגען אנגעטוהן שבת מיט בגדי לבן, אזוי ווי די אנדערע צדיקי דורו, ווייל אויב ער וואלט אזוי געגאנגען וואלט איך אויך געדארפט אזו גיין אנגעטוהן. די צווייטע: אז ער האט נישט מסכים געווען צו זיין דער גבאי און נשיא פאר די קופת הצדקה פון מעות עניי ארץ ישראל, ווייל ווען ער וואלט מסכים געווען, וואלט איך געדארפט זיין דער ממלא מקומו און דינען אלס נשיא פון מעות עניי ארץ ישראל, וואס איז א שווערע עול, און די דריטע זאך: קען מען נישט מגלה זיין.

*(ספר 'הליכות הצדיקים' חלק א' עמוד קצ"ח-ק"ר ותשח"ל)*
***(פארזעצונג אי"ה)***

## "זיי זיך מחזק מיט אמונה העכר'ן נאטור"




א איד האט זיך באקלאגט פאר'ן "בעל התניא" אז ער ליידט אויפ'ן מאגן ל"ע, און ווען ס'קומט שבת האט ער גרויס צער, ווייל די דאקטורים האבן אים פארבאטן צו עסן די מאכלי שבת וואס פארדייען זיך שווער, און ס'שאדט אים אויפ'ן מאגן. האט אים דער בעל התניא געענטפערט: שבת קודש ווערט נישט אונטערטעניג פאר'ן נאטור, שבת איז א בחינה פון השגחה פרטית, השגחה נסית, העכער פונעם נאטור. דעריבער איז ער אים מבטיח אז ס'וועט אים נישט פאסיהרן קיין שלעכט'ס, פון די מאכלי שבת, און ער זאל זיך מחזק זיין מיט אמונה העכער'ן נאטור אין א בחינה פון **"גול ה' דרכך ובטח עליו והוא יעשה"**,—און מיט די אמונה קען מען ממשיך זיין א ישועה חוץ מדרך הטבע, און ס'וועט דיר גארנישט שאדן. *(קיצור שלחן ערוך סיפורים חסידיים)*

***(פאזעצונג אי"ה)***





# "סגולה לבריאות ולרפואה"

ארויסגעקליבן פון ספר "**והייתם לי סגולה**" ותח"ח להמלקט



## ...ייען קאווע באנדלעך"



**ה"ח** ר' יעקב אוהעל'ער ז"ל האט זיך מזכיר
ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע אז ער הט קאפ ווייטאג.
ם מרן זי"ע געהייסן אלס א סגולה, ער זאל קייען
ע ציין קאווע באנדלעך.

ר נאראלער רב שליט"א אז אין שנת תשי"ב, האט ער
אהל מזכיר געווען ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע אז ער האט
טאג, האט אים מרן זי"ע נאכגעזאגט פונעם טאט'ן [מרן מהרי"ד זי"ע ]
לעגט געבן א סגולה פאר קאפ ווייטאג, מ'זאל קייען מיט'ן מויל שווארצע
באנדלעך און איספייען.

## ...בטונג געבן ביים זאגן 'לממשלת' און 'לממשלות'.

**ה"ח** המפו' ר' מאיר גראס ז"ל האט דערציילט: אין בעלזער שטיבל
ראמסבורג יצ"ו, האט געדאוונט אן אלטער איד הרה"ח ר' אפרים
ז"ל פון ציעשינוב, וואס האט נאך זוכה געווען צו פאהרן צו כ"ק מרן
י"ע. האט איך פון אים געהערט, אז אלס קינד האט ער געליטן פון
טאג, זיינער עלטערן האבן באזוכט ביי אסאך דאקטורים, אבער זיי
רנישט געקענט העלפן. זענען זיינע עלטערן געפאהרן קיין בעלזא
י"ע האפענדיג אויף א ישועה. ווען זיי האבן געגעבן דאס קוויטל,
ן זי"ע געזאגט אזוי: ביים דאווענען שבת ווען מ'זאגט הלל הגדול,
ן גוטו מדייק זיין מיט'ן די פינטלעך פון די פסוקים: אֶת־הַשֶּׁמֶשׁ
**ת** בַּיּוֹם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: אֶת־הַיָּרֵחַ וְכוֹכָבִים **לְמֶמְשְׁלוֹת** בַּלָּיְלָה כִּי
חַסְדּוֹ: דעם ערשטן פסוק זאל מען זאגן מיט א **סגו"ל** אונטער די
למ"ד, **לְמֶמְשֶׁלֶת** און ביים צווייטן פסוק זאל מען זאגן מיט א חול"ם
**ת**, און בעז"ה וועט ער געהאלפן ווערן. און אזוי איז טאקע געווען".

זיין קונטרס "זקניך ויאמרו לך", שרייבט הרה"ג ר' יעקב רינגעל שליט"א,
קל פון ר' מאיר גראס ז"ל, אז ווען זיין זיידע ר' מאיר האט דערציילט די
פאר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, האט מרן שליט"א זיך אויסגעדרוקט און
: "**א רבי'שע מעשה**".

זיין קונטרס "זקניך ויאמרו לך" ברענגט דער מחבר פון ספר "שיח
(ח"ג עמ' קצט) אן השלמה צו די מעשה, בשם הגה"ח רבי יוסף שטייכל
עלזא וואס ער האט געהערט פון ר' אפרים הנ"ל, אז מרן זי"ע האט
פאר זיינע עלטערן, מ'זאל אים געבן קאווע באנדלעך צו קייען מיט
און די קאפ ווייטאג איז אוועק. זיין אייניקל הרה"ח ר' מאיר אלטמאן
רציילט וואס ער האט געהערט פון זיין מאמע ע"ה אז מרן זי"ע
הייסן טועןביידע, סיי מדייק זיין צווישן א סגו"ל און חול"ם", און אויך ער
ען קאווע באנדלעך, און ער האט געהאט א רפואה.

*(פארזעצונג אי"ה)*



# לערנען חומש מיט פירש"י ז"ל

**פירוש רש"י איז געשריבן מיט רוח הקודש, און ס'איז דא אין דעם גאר גרויסע סודות און פארבארגענע ענינים.**

דער '**של"ה**' הק' (מסכת שבועות של"ו בד"ה ולמדתם את בניכם) שרייבט: אין יעדער איינציגע ווארט פון רש"י איז דא וואונדערליכע באהאלטענע ענינים, ווייל ער האט דאס פארפאסט מיט רוח הקודש. און זעה אינעם פירוש רש"י על התורה אז ווער ס'לערנט דאס מיינט אז ס'איז אלעס גרינג, און זעה אין מזרחי און אזוי אויך אין אנדערע מפרשי רש"י און די וועסט דארט טרעפן וואונדער ווי שטארק זיי פלאגן זיך אויף יעדער ווארט פון רש"י.

אין ספר '**ליקוטי מהרצ"א**' (פ' עקב רמ"ה) שרייבט דער הייליגער 'בני יששכר' מדינוב זצ"ל: די ווערטער פון די ראשונים ובפרט רש"י ז"ל איז מדוקדק מיט רוח הקודש.

הגה"ק החיד"א אין ספר '**שם הגדולים**' שרייבט: איך האב יעצט געזעהן אין ספר העתים פון רמ"ע וואס אין ענדע פונעם ספר ברענגט ער א גאר וואונדערליכע מעשה פון א גרויסען מקובל, וואס פון דעם זעהט מען אז רש"י האט געשריבן זיין פירוש על פי סוד, און ס'איז דא אין זיינע ווערטער געהויבענע פארבארגענע זאכן, דערפאר האט ער געפאסט זעקס הונדערט און דרייצן תעניתים, און משה רבינו ע"ה האט אים געלויבט פאר דעם, און דער מקובל החסיד מהר"ר נחמן בר שמואל ז"ל האט געטון א גאר וואונדערליכע זאך וואס ער האט געפאסט הפסקות, און געמאכט סיגופים, און געגאנגען צום קבר פון רש"י ז"ל, ביז רש"י האט אים אנטפלעקט דעם סוד וואס רש"י האט געמיינט וואס ער האט געשריבן אויף די ווערטער (פ' וישב) 'ויתנכלו אתו', אתו עמו כלומר אליו, גרויסע געהויבענע סודות. (אזוי אויך ווערט געברענגט אין ספר 'צרור המור' פ' בראשית).

אין סידור '**עמודי שמים**' (פון רבי יעקב עמדין זצ"ל, בפירוש הקדיש אחר עלינו של שחרית) נאכדעם וואס ער ברענגט א רמז פון ספר לקוטי פרד"ס פון רש"י, שרייבט ער: פון דארט זעהט אויס אז נאך מער ווי רבי שלמה הפרשן [רש"י] איז געווען א תורה'דיגער חכם, איז ער געווען א באגלייבטער מקובל.

*(מלוקט מפי ספרים וסופרים ותשוח"ל - פארזעצונג אי"ה)*

## ערב שבת קודש

### • תחנון ערב שבת...

דער '**פרי מגדים**' פרעגט פארוואס זאל מען יא זאגן תחנון ערב שבת, וואס איז דאס אנדערש ווי א חתן, וואס אין זיין טאג פון די חתונה זאגט ער נישט קיין תחנון אפילו ביי שחרית. א ראי' דערצו פון ערב פסח אז מ'זאגט נישט קיין תחנון ביי שחרית ווייל מ'שחט דעם קרבן פסח נאך חצות, דעריבער רעכנט מען דעם גאנצן טאג פאר א יום טוב, אויב אזוי איז דאך דאס זעלבע ערב שבת ווייל מ'דארף מוסיף זיין פון פרייטאג צום שבת פארוואס זאל מען נישט רעכענען דעם גאנצן טאג ווי שבת, וואס איז אנדערש חצות פון ערב פסח ווי פרייטאג ווען מ'איז מוסיף פון פרייטאג צום שבת. (פרי מגדים או"ח סי' קל"א מ"ז סק"י ובסוף הסי')

**(אוצר השבת)**

כל הזכיות שמורות להמו"ל


# אז תתענג

דברי תורה וחסידות, סיפורי צדיקים ועניני מוסר,
מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' **אברהם** ב"ר **משה זאב** ז"ל (ראזענבערג) - נלב"ע ב' מנחם אב תשע"ה

ולע"נ אחי מו"ה **יצחק** ב"ר **אברהם** ז"ל - ז' ניסן תשפ"ב

לע"נ מו"ה **משה זאב** ע"ה ב"ר **מיכאל דוב** שליט"א (פישער) - ולע"נ מו"ה **אליעזר צבי** ע"ה ב"ר **יום טוב הלוי** שליט"א (יאזשעף)

שי"ת


## פרשת כי תצא תשפ"ד לפ"ק - כיתה ו'

**חת לך לאשה.**

י שרייבט, **לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע**
ורה דארף מען פארשטיין פארוואס שרייבט רש"י דעם
ן "**לא**" **דברה תורה** "**אלא**", פארוואס שטייט נישט בקיצור,
ה תורה כנגד יצר הרע.
מ'קען זאגן אז ס'איז מרומז אין לשון פון רש"י, דאס וואס
ז באקאנט אז די מצוה פון ציצית איז, צו האבן צוויי און
סיג פעדעמער, (ביי יעדע עק, אכט פעדעמער, און פיר מאל
איז צוויי און דרייסיג), און אויב פעלט איין פאדעם, איז
ש די ציצית איז טאקע כשר בדיעבד, אבער דער כח וואס
מצוה פון ציצית פארמאָגט, אז ס'באשיצט קעגן דעם יצר
, איז נאר אויב די ציצית האט צוויי און דרייסיג פעדעמער,
נישט אויב ס'פעלט, אפילו בלויז איין פאדעם.
וואָרט **לא** באטרעפט איין און דרייסיג, און דאס ווארט
באטרעפט צוויי און דרייסיג, דאס קען זיין מרומז אין לשון
רש"י, "**לא**" **דברה תורה** "**אלא**" **כנגד יצר הרע** - **לא** אויב איז
אויף די ציצית נאר איין און דרייסיג פעדעמער (וויפיל
אטרעפט דאס ווארט **לא**), **דברה תורה**, די תורה רעדט
פון, דאס מיינט אז בדיעבד איז דאס כשר, אבער, **אלא**, אויב
מען, צוויי און דרייסיג פעדעמער (וויפיל ס'באטרעפט
ווארט **אלא**), **כנגד יצר הרע**, דאס האט א כח, אז
אשיצט קעגן דעם יצר הרע.

(שר שלום מ'בעלז זי"ע)

* * *

**צא למלחמה על איביך "ונתנו" ה' אלקיך בידך.**

ורה דארף מען פארשטיין פארוואס ס'שטייט דער לשון
, און ער וועט אים געבן, וואס איז משמע אלס א מתנה,
לכאורה וואלט זיך מער געפאַסט דער לשון וימסרנו, און ער וועט אים איבערגעבן.

ענטפערט דער הייליגער ייטב לב, אז מ'קען עס פארשטיין מיט דעם וואס דער הייליגער ישמח משה טייטשט די גמרא (אין מס' מגילה), יגעתי ומצאתי תאמין, אז אויב א מענטש זאגט דיר, איך האב זיך געפלאגט צו פארשטיין א געוויסע פשט אין די הייליגע תורה, און איך האב דאס געטראפן, זאלסטו אים גלייבן, ווייל אז מ'פלאגט זיך, פארשטייט מען, לכאורה איז שווער די צוויי ווערטער **יגעתי ומצאתי**, זעט אויס ווי א סתירה, ווייל יגיעה מיינט אז מ'פלאגט זיך, און מציאה מיינט, אז מ'טרעפט דאס אן קיין פלאג.

ענטפערט דער הייליגער ישמח משה, אז אסאך מאל זעט מען, אז א מענטש פלאגט זיך שטארק צו פארשטיין א שווערע ענין, אבער ער פארשטייט דאס נישט, און ווען ס'גייט דורך א שטיק צייט, ווערט אים פלוצלונג ליכטיג די אויגן, ער הייבט שוין אן צו פארשטייט די סוגיא, אפילו אן דעם וואס ער האט דעמאלט בכלל געטראכט פון די גמרא, ס'איז אים געקומען פון הקב"ה ווי א מציאה, צוליב זיין פריערדיגע פלאג, דאס איז די כוונה פון **יגעתי ומצאתי**, קודם פלאגט מען זיך, און שפעטער שיקט הקב"ה אריין א מציאה, און מ'פארשטייט שוין.

דאס קען זיין מרומז דא אין פסוק, **כי תצא למלחמה על איביך**, דאס ווארט **איביך**, גייט ארויף אויפ'ן יצר הרע, וואס איז א פיינט פאר'ן מענטש, ווען דו ווערסט ארויסגיין צו פירן א מלחמה מיט'ן יצר הרע, איז אפילו אויב אנפאנג וועט ער זיין שטערקער פון דיר, זאגט אבער די תורה א בשורה, אז צום סוף וועט זיין, "**ונתנו**" **ה' אלקיך בידך**, הקב"ה וועט דיר אים געבן אלס א מתנה, אז דו וועסט אים באזיגן אפילו אומגעראכטן.

(ייטב לב)

# חודש אלול

## תהלים
## לדוד ה' אורי וישעי

## תהלים

...רט זיך אז יעדן טאג פון חודש אלול, זאגט מען צען
...יטלעך תהלים, אזוי ענדיגט מען ביז ראש השנה צוויי מאל
...ן תהלים, וואס דאס איז דריי הונדערט קאפיטלעך, און דאס
...רעפט ווי דאסווארט **כפר**, פארצייען.

...' הייליגן צאנזער רב זי"ע, האט מען זיך געפירט צו זאגן יעדן
... פון חודש אלול נאכן דאווענען, אכצן קאפיטלעך תהלים,
...ערב שבת האט מען געענדיגט די גאנצע, עס זענען דא וואס
... זיך יעדן טאג צוזאגן א גאנצע ספר פון תהלים.

...טייט א מורא'דיג ווארט, פון הרה"ק ר' מרדכי נאדבורנא
..., אז דער עיקר דין וואס מ'משפט דעם מענטש אין ראש
...ה, איז וויפיל תהלים און תפלות ער האט געזאגט אין חודש
...ל, און ער טייטש מיט דעם די גמרא, בראש השנה כל באי
...ם עוברין לפניו כבני מרון (פשוט פשט מיינט אז אלע
...טשן גייען אדורך פאר הקב"ה ווי שעפעלעך פאר א
...טער), אז מרון, איז א לשון פון זאגן (אמור), דאס מיינט
...ל תפלות ער האט געזאגט פאר'ן יום הדין.

...לא איז זייער פאסיג אז יעצט אין חודש אלול זאל מען
...מערן צו זאגן תהלים און תפלות, ווי מער מ'קען, און
...בעטן א גוט געבענטש יאר, פאר די טאטע, מאמע, זיך, און
...אנצע משפחה.

## לדוד ה' אורי

...טייט אין מטה אפרים (סי' תקפ"א), אז פון ראש חודש אלול,
...ט מען זיך אז נאכ'ן דאווענען ביי שחרית און ביי מנחה, זאגט

מען דעם מזמור **לדוד ה' אורי וישעי** וגו' (תהלים כ"ז), מ'זאגט דאס ביז נאך שמחת תורה.

דער יסוד פון דעם מנהג איז, ווייל דער מדרש (שוחר טוב) דרש'ענט, **אורי** בראש השנה, אז הקב"ה איז מיין ליכטיגקייט, דאס גייט ארויף אויף ראש השנה, **וישעי** ביום הכפורים, אז הקב"ה איז מיין הילף אין יום כיפור, נאכדעם שטייט **כי יצפנני בסוכו**, אז הקב"ה באהאלט מיך אין זיין שיצונג, דאס איז מרמז אויף סוכות, וועגן דעם זאגט מען דעם קאפיטל בדרך תפלה, אז הקב"ה זאל אונז באלייכטן און העלפן, אין ר"ה און אין יום כיפור, און ער זאל אונז באשיצן מיט די מצות סוכה.

דער בעל הטורים שרייבט (דברים ל'), אז דער פסוק (י"ג) **לולא האמנתי לראות בטוב ה'** וגו', איז מרמז אויף חודש אלול, ווייל דאס ווארט **לולא** איז די אותיות **אלול**, אז אויף חודש אלול שטייט דעם פסוק **לראות בטוב ה'**, אז מ'דארף מרבה זיין בתשובה ובמעשים טובים, וועגן דעם זאגט מען דעם קאפיטל **לדוד ה' אורי**, אין חודש אלול, אז מ'זאל נתעורר ווערן צו תשובה און מעשים טובים.

אין די מדרשים זענען דא צוויי פשטים, ווען און פארוואס דוד המלך האט מתקן געווען דעם מזמור **לדוד ה' אורי**, א) דוד המלך האט דאס מתקן געווען צו זאגן פאר מ'גייט ארויס צו א מלחמה, אז הקב"ה זאל זיי העלפן בשעת די מלחמה.

ב) דוד המלך האט דאס מתקן געווען סוף ימיו, ווען זיינע מיליטערלייט האבן אים געשוואוירן, אז ער דארף מער נישט ארויסגיין מיט זיי אין מלחמה, נאר ער זאל בלייבן אינדערהיים עוסק זיין אין תורה ועבודה, און אין די זכות פון זיין לערנען און דאווענען, וועלן זיי באזיגן די מלחמות, פונקט ווי ער וואלט געקומען מיט זיי.

# די עבירה פון עמון ומואב

## די ערשטע עבירה מאכט שטערקער די צווייטע

שטייט אין פסוק, **לֹא יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל ה'**, א
נטש וועלכער שטאמט פון עמון אדער מואב, טאר נישט
נה האבן מיט א איד.

תורה שרייבט צוויי טעמים: א) **עַל דְּבַר אֲשֶׁר לֹא קִדְּמוּ
כֶם בַּלֶּחֶם וּבַמַּיִם בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם**, צוליב
ם וואס זיי האבן ענק נישט געגעבן ברויט און וואסער
פ'ן וועג ווען איר זענט ארויסגעגאנגען פון מצרים. ב)
**ר שָׂכַר עָלֶיךָ אֶת בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר מִפְּתוֹר אֲרַם נַהֲרַיִם
לְלֶךָּ**, און צוליב דעם וואס ער האט געדינגען בלעם בן
ר דיך צו שעלטן.

עגט דער הייליגער דובנער מגיד זי"ע, לכאורה אויב
ט ער געטאן אזא גרויסע עבירה פון שעלטן די אידן,
לנדיג זיי אומברענגען, פארוואס שרייבט די תורה קודם
קלענערע עבירה אז זיי האבן נישט געגעבן קיין עסן
ר די אידן ווען מ'איז ארויס פון מצרים.

ר דובנער מגיד גיבט צו פארשטיין די קשיא מיט א
ל:

### די חתונה וועט זיין צווישן די צוויי שטעט

אל האבן צוויי אידן וועלכע האבן געוואוינט אין צוויי
ערע שטעט זיך משדך געווען. ס'איז געווען זייער א
טע וועג אנצוקומען פון איין שטאט צום אנדערן,
יבער האבן די מחותנים אפגעשמועסט אז די חתונה
ט געפראוועט ווערן אין א שטאט וואס איז פונקט צווישן
רע שטעט, אזוי ארום וועט יעדער נאר דארפן גיין א
לבע וועג.

דער טאג פון די חתונה האט זיך דערנענטערט, איז
ר טאטע פון די כלה געקומען פאראויס, כדי זיך צו
עפן מיט דעם חתן'ס משפחה, און דער פלאן איז געווען

אז עטליכע טעג שפעטער וועט די כלה קומען צוזאמען מיט איר מאמע, און זיי וועלן מיטברענגען אלע כלים און עסן וואס מ'האט אנגעגרייט פאר די חתונה.

דער מחותן האט זיך טאקע געטראפן מיט'ן חתן און זיין משפחה און מ'האט שיין פארברענגט, און מ'האט געווארט אז די כלה מיט איר מאמע זאלן אנקומען.

### דער וואגן האט זיך איבערגעדרייט

נאך עטליכע טעג איז דער ברודער פון די כלה געקומען צו לויפן מיט א געשריי, זאגנדיג אז דער וואגן וואו די כלה האט זיך געפינען האט זיך ליידער איבערגעדרייט אינמיטן וועג, אלע כלים האבן זיך צובראכן און אלע עסן האט זיך אויסגעגאסן. ס'איז נישט איבערגעבליבן קיין איין זאך וואס צו סערווירן ביי די חתונה. פארשטייט זיך אז ווען דער טאטע פון די כלה האט דאס געהערט, איז ער געווארן זייער טרויעריג.

עטליכע מינוט שפעטער דערציילט דער זון ווייטער, אז אויך די מאמע איז ארויסגעפאלן פונעם וואגן און זי איז זייער שווער פארוואונדעט געווארן. מ'האט איר צוגעפירט צום נענטסטן דאקטאר, און זי איז נעבעך נפטר געווארן.

### דעם עיקר האט ער דערציילט צום סוף

ווען דער טאטע האט דאס געהערט, האט ער געזאגט צו זיין זון, "איך פארשטיי נישט, פארוואס דערציילסטו קודם וועגן די כלים וועלכע האבן זיך צובראכן און די עסן וואס איז שאדן געגאנגען, און דערנאך דערציילסטו וועגן די מאמע? די כלים און עסן זענען דאך נישט דער עיקר, קודם וואלסטו געדארפט דערציילן אז די מאמע איז ליידער נפטר געווארן, און דערנאך קענסטו צולייגן וואס ס'האט פאסירט מיט די כלים און עסן".

ס זעלבע - פירט אויס דער דובנער מגיד - איז לכאורה
ער, אויב די תורה וויל שרייבן די רשעות פון עמון און
ב, פארוואס שטייט קודם אז זיי האבן נישט געברענגט
ברויט און וואסער, און דערנאך שטייט אז זיי האבן
אלט הרג'ענען די אידן דורכ'ן שעלטן.

ט דער דובנער מגיד, אז דורכ'ן אן אנדערן משל וועט
דאס פארשטיין:

**צוגעזאגט קעסט פאר'ן איידעם**

יז אמאל געווען א איד, א גרויסער עושר, וועלכער האט
אט א טאכטער אין די יארן פון שידוכים, און האט
כט אן איידעם וועלכער זאל בלייבן זיצן און לערנען
די חתונה.

עושר איז געפָארן צו א גרויסע ישיבה און געבעטן
ם ראש ישיבה ער זאל אים אויסוועלן א בחור א תלמיד
ם און א ירא שמים פאר זיין געראטענעם טאכטער, און
ט געזאגט אז ער איז גרייט אויסצוהאלטן דעם איידעם
אלעם וואס וועט אויספעלן.

ראש ישיבה האט אנגעטראגן פאר דעם עושר איינער
די חשוב'סטע בחורים, א תלמיד חכם און אן איידעלער
ר מיט גוטע מידות. דער שידוך איז טאקע געשלאסן
ארן און די חתונה איז געפראוועט געווארן בשעה טובה
צלחת.

**געגעבן פארדארבענע עסן**

ער ס'איז דאך באקאנט דער כלל אז 'צוזאגן קאסט
ט קיין געלט'... נאך די חתונה האבן זיך אנגעהויבן די
ת, דער שווער איז געווען זייער א קארגער און ער האט
עבן פאר'ן איידעם אלטע שווארצע ברויט און
דארבענע עסן.

איידעלער יונגערמאן - וועלכער איז נישט געווען
וואוינט צו אזעלכע סארט עסן - האט דאס נישט
ענט עסן, ער האט ענדערש געהונגערט, און
שטייט זיך אז נאך א שטיק צייט האט ער אויסגעזען
אס און מאגער.

דער שווער האט זיך זייער געבייזערט אויפ'ן איידעם און אים אנגעשריגן אז ער מוז עסן, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, ווייל דער יונגערמאן איז נישט געווען צוגעוואוינט צו אזעלכע סארט עסן און ער האט גארנישט געגעסן.

**געדינגען א גוי צו צווינגען ער זאל עסן**

ווען דער שווער האט געזען אז זיינע געשרייען העלפן נישט, האט ער געדינגען א גוי וועלכער זאל אכטונג געבן אויף זיין איידעם, און אים געזאגט אז אויב זעט ער אז דער איידעם עסט נישט, זאל ער אים גוט אנשלאגן.

דער גוי האט אזוי געטאן. ער האט געשלאגן דעם איידעם מיט מכת אכזריות, ביז ווען דער איידעם האט געשפירט אז ער האלט דאס מער נישט אויס, איז ער אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט און איז געלאפן צום ראש ישיבה און דערציילט מיט טרערן אין די אויגן די שוועריגקייטן וואס ער מאכט מיט ביי זיין שווער.

**אויף דעם האסטו יא געלט?!**

האט דער ראש ישיבה געלאזט רופן דעם שווער און אים געפרעגט, "פארוואס גיבסטו פאר דיין איידעם אזעלכע געמיינע עסן?". האט דער שווער געענטפערט אז ער האט נישט גענוג געלט צו קויפן טייערע פיינע עסן.

האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו שרייען אויף אים, "צו דינגען א גוי וועלכער זאל שלאגן דיין איידעם, אויף דעם האסטו יא געלט, אבער צו קויפן געהעריגע עסן, אויף דעם האסטו נישט קיין געלט?!".

האט דער דובנער מגיד אויסגעפירט:

דאס זעלבע איז מיט עמון און מואב. ווען עס קומט צו געבן פאר די אידן עסן און טרינקען, האבן זיי געזאגט אז זיי קענען נישט געבן, ווייל זיי האבן נישט קיין געלט, אבער אויף צו דינגען בלעם צו שעלטן די אידן און זיי הרג'ענען, אויף דעם האבן זיי יא געלט...

דערפאר שרייבט די תורה קודם אז זיי האבן נישט געגעבן קיין עסן און טרינקען, ווייל דורכדעם איז די אנדערע עבירה פון דינגען בלעם סאך א שטערקערע עבירה.

# תקיעת שופר
## בחודש אלול

מתן תורה איז משה
ו ארויפגעגאנגען אין
ל פאר פערציג טעג, ווען
יז געווארן דעם ניין און
סיגסטער טאג, האבן זיך
אידן טועה געווען מיט'ן
בון, און האבן געמיינט אז משה רבינו דארף
פקומען יענעם טאג, און זעענדיג אז ער קומט נישט,
ן זיי געמאכט דעם עגל, און א טאג שפעטער -
עה עשר בתמוז - ווען משה רבינו איז אראפגעקומען
בארג און האט געזען דעם עגל, האט ער צובראכען
לוחות.

ש חודש אלול, האט הקב"ה געזאגט פאר משה, קום
יף צו מיר אויפ'ן בארג, און מ'זאל בלאזן מיט א
ר, אז די אידן זאלן וויסן אז דו ביסט ארויפגעגאנגען
הימל, און זאלן זיך נישט נאכאמאל טועה זיין, משה
ו איז געווען אין הימל פערציג טעג און געבעטן פון
ב"ה, אז ער זאל מוחל זיין פאר די אידן אויפ'ן חטא
ל.

ם צענטן טאג אין חודש תשרי, יום כיפור, האט הקב"ה
אגט סלחתי כדבריך, איך האב מוחל געווען פאר די
ן, אזוי ווי דו האסט געבעטן, און וויבאלד הקב"ה
ט דעמאלט מוחל געווען פאר די אידן בלב שלם, איז
ט שוין אזוי געבליבן לדורות אלס יום סליחה ומחילה,
י' פרשת עקב).

ט איז איינע פון די טעמים פארוואס מ'בלאזט שופר
חודש אלול, ווייל ס'איז א זכר צו דעם וואס מ'האט
לאזן שופר ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל כדי
ט נאכאמאל צו מאכן א טעות.

א טעם פארוואס מ'בלאזט שופר גאנץ חודש אלול,
צו דערמאנען אז מען דארף תשובה טאן, ווייל דער
ר האט א ספעציעלע כח אויפצוטרייסלען א מענטש,
ווי ס'שטייט אין פסוק (עמוס ג') אם יתקע שופר
ר ועם לא יחרדו, (אויב מ'בלאזט שופר אין שטאט,
דאס פאלק וועט דען נישט ציטערן).

נאך א טעם פארוואס מ'בלאזט שופר, כדי צו פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט וויסן ווען ס'איז ראש השנה. (טור סי' תקפ"א).

מ'זאגט נאך פון הרה"ק ר' יושע מבעלזא זי"ע, אז ער האט געזאגט, ווי אזוי קענען מיר אנכאפן דעם שופר אין ראש השנה, ס'איז דאך דא א געוואלדיגע פחד פונעם יום הדין, נאר וויבאלד חז"ל האבן מתקן געווען אז מ'בלאזט שופר גאנץ חודש אלול, האט מען זיך שוין אביסל צוגעוואוינט צו די הייליגע עבודה.

* * *

### דאס גרויסקייט פון שופר בלאזן אין חודש אלול

דאס בלאזן שופר פון חודש אלול, כאטש ס'איז טאקע נאר א מנהג, האט דאס אבער א געוואלדיגע כח און חשיבות, און מ'טאר חלילה נישט גרינג שעצן דערין.

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון הייליגן שינאווער רב זי"ע, אז אין די צייטן פונעם הייליגן ר"ר אלימלך פון ליזענסק זי"ע, זענען אמאל צוויי חברים געגאנגען שפאצירן שפעט ביינאכט אויף א בריק.

### דער חבר איז פלוצלינג נעלם געווארן

אזוי גייענדיג, באמערקט איינער אז דער חבר איז פלוצלינג נעלם געווארן, ער איז מער נישטא, האט ער זיך אפגעשטעלט ווארטן, טראכטנדיג, מן הסתם האט זיך יענער געדארפט אפשטעלן, און ער וועט שוין צוריקקומען.

אבער די צייט האט זיך פארצויגן און יענער איז נאך אלץ נישט געקומען, האט ער זיך גענומען זוכן ביי אלע זייטן, און האט אים נישט געפינען, איז ער אריין אין שטאט, און געמאכט א גוואלד, אז מענטשן זאלן קומען און זיך באטייליגן אינעם זוכן, ווען ס'האט אנגעפאנגען צו ווערן טאג, האט מען געהאפט אז אין די ליכטיגקייט וועט מען אים שוין זיכער טרעפן, מ'האט געזוכט אינעם וואסער וואס איז אונטערן בריק וואו זיי זענען געגאנגען, און מ'האט געזוכט אין אלע געגנטער ארום, אבער מ'האט אים נישט געפינען.

### די עגונה פארט קיין ליזענסק

ער האט מען זיך צוגעוואוינט צום מצב, זיין פרוי די
ע עגונה (עגונה מיינט, א פרוי וואס ווייסט נישט צו
מאן לעבט, און זי קען נישט חתונה האבן), האט זיך
צייט צו צייט געוואנדן צו פארשידענע רבנים, זיי
ן מתפלל זיין אז זי זאל טרעפן איר מאן, אבער זי
ט נישט געזען קיין שטראַל פון האפענונג.

ן זענען דורכגעלאפן, און לויט די עצה פון אירע גוטע
ינט איז זי געפארן קיין ליזענסק צום הייליגן רבי'ן
אלימלך זי"ע, און זי האט זיך דארט אויסגעגאסן איר
ער הארץ.

**דער ר"ר אלימלך שיקט א בריוו**

דער ר"ר אלימלך זי"ע האט געהערט איר געשיכטע,
ט ער אפגעשריבן א בריוו, און איר געזאגט, גיי צו
ע און יענע וואלד, און דו וועסט זען א גרופע
טשן, זאלסטו זיי איבערגעבן דעם בריוו.

די ערשטע געלעגנהייט איז די פרוי געפארן צום
מאנטן וואלד, אזוי ווארטנדיג צו באגעגענען די
טע גרופע מענטשן, באמערקט זי אז עס קומען איר
עגן א גרופע פון פריצים און מיליטער-לייט, וועלכע
ן אנגעווארפן א מורא'דיגן פחד - זיי זענען געווען
ת פון די סטרא אחרא רח"ל - און זי איז געפאלן
שות.

דעם וואס זי האט זיך דערמונטערט, האט זי זיך
טארקט און זי איז זיי נאכגעגאנגען, האט זי געזען
יי גייען אריין אין א דערנעבנדיגן פאלאץ, האט זי זיך
פגעשטעלט אינדרויסן ווארטן אויף די מעגליכקייט
רצוגעבן דעם בריוו, מיטאמאל קומט איינער ארויס,
אויף זיין פראגע וואס זי וויל, האט זי אים
רגעגעבן דעם בריוו.

**ווייטער זאגט ער אונז וואס צו טאן**

נאר יענער איז אריין מיט'ן בריוו האט זיך
יסגעהערט קולות און פארשידענע מיינונגען, איינער
ט געזאגט, וואס מישט ער - מיינענדיג דעם ר"ר
מלך זי"ע - זיך שטענדיג אריין אין אונזערע
טעפטן, ווייטער זאגט ער אונז וואס צו טאן, און
ערע האבן יא געזאגט אז מ'זאל אים פאלגן.

דער עלטסטער צווישן זיי האט געזאגט, מיר האבן
ט קיין ברירה, מיר מוזן אויספאלגן זיין בריוו.

**ארויסגעווארפן איר מאן**

תיכף דערנאך האט זיך די טיר געעפנט, און זיי האבן ארויסגעווארפן איר מאן, וועלכער איז נישט געווען צום דערקענען, ער איז געווען אינגאנצן באוואקסן און שמוציג, ער האט ניטאמאל געקענט רעדן.

**אום חודש אלול האט זיי באפאלן א פחד**

זי האט געדונגען א פערד און וואגן אים אהיימצופירן, און נאך עטליכע חדשים זיך אויסרוען, האט ער דערציילט, אז די כוחות פון די סטרא אחרא האבן אים רח"ל פארכאפט, און אים געפייניגט מיט שרעקליכע יסורים, אויסער חודש אלול - ווען אידישע קינדער בלאזן שופר - פלעגן זיי א גאנצן חודש ליגן אויף דער ערד, פאר גרויס פחד, ממש ווי טויטע, און נאר א דאנק דעם קול שופר פון חודש אלול - כאטש ס'איז נישט מער ווי א מנהג - האב איך כאטש דעם איינעם חודש געהאט מנוחה.

<><><>

**אוועקגעבלאזן מיט די שופר אלע שמוץ**

דער רבי זי"ע האט דערציילט, אז אין די צייטן פונעם הייליגן ייטב לב זי"ע, (יארצייט, ו' אלול) איז געווען א סוחר, וואס האט געהאנדלט מיט תבואה, אמאל האט דער איד געהאט זייער אסאך תבואה וואס א גרויסן מיניסטער האט אפגעקויפט פון אים, אבער ווען ער האט עס אנגעגרייט צושיקן צום מיניסטער איז אים ממש שלעכט געווארן, זעענדיג אז אין די תבואה איז אריינגעמישט זייער אסאך שמוץ, און דער מיניסטער וועט זיכער נישט וועלן אפקויפן, און ס'וועט אים זיין זייער א גרויסער שאדן.

דער סוחר איז געגאנגען צום הייליגן ייטב לב, און זיך אויסגעגאסן זיין הארץ, ס'איז פונקט דעמאלט געווען חודש אלול, האט אים דער הייליגער ייטב לב געזאגט, אז היינט ביים שופר בלאזן וועט ער אוועקבלאזן אלע שמוץ פון די תבואה, און ס'איז טאקע אזוי געווען דער מיניסטער האט אפגעקויפט די תבואה, און נישט געזאגט קיין ווארט.



# יארצייט פון די וואך

## דעם שבת קודש, י"ג אלול פאלט אויס די יארצייט פון

## הרה"ק ר' יוסף חיים בן ר' אליהו זצ"ל בעמח"ס בן איש חי

"ק ר' יוסף חיים זצ"ל איז געבוירן י"ג אב תקצ"ד אין די שטאט באגדאד צו זיין פאטער הרה"ק ר' אליהו וועלכער איז געווען א זון פונעם
און צדיק ר' משה חיים דער רב און דיין אין בבל, נאכדעם וואס ר' משה חיים איז נפטר געווארן האט זיין זון ר' אליהו - וועלכער איז אויך
ען גאר א גרויסער גאון - איבערגענומען דאס רבנות.

נישט פארברענגט קיין צייט

קינד יוסף חיים האט זייער געצויגן צו לערנען אין די הייליגע ספרים פון זיין טאטע און זיידע, ער פלעגט זיך פארטיפן אין זיי שעות
, ער האט נישט פארברענגט די צייט מיט שפילערייען נאר האט אויסגענוצט יעדע מינוט צום לערנען און צום דאווענען.

ר ווען ער איז אהיימגעקומען פון חדר פלעגט ער זיך באהאלטן אינעם ספרים שטוב פון זיין טאטע און האט איבערג'חזר'ט וואס ער האט
רנט, ער איז געזיצן און געלערנט לאנגע שעות, ס'האט אויסגעזען אז ער שפירט ממש נישט קיין הונגער און דורשט.

אלס קינד האט זיך ארויסגעוויזן זיין שארפקייט און וואונדערליכן זכרון, ער האט געהאט יעדע מעלות, סיי ער האט געלערנט מיט א
אלדיגע קלארקייט און אויסער דעם איז אים אלעס געבליבן טיף איינגעקריצט אין מוח, ער האט געדענקט זיין גאנצן לעבן אלעס וואס ער
נאר געלערנט.

אויפגענומען געווארן אלס רב

ול אין יאר תרי"ט איז זיין טאטע ר' אליהו נפטר געווארן, א וואך שפעטער זענען די אידן פון די שטאט באגדאד זיך צוזאמענגעקומען אין
ויסע שול צו הערן די הספד וואס ר' אליהו'ס זון - ר' יוסף חיים - וועט זאגן אויף זיין טאטן.

די מענטשן האבן געהערט די פלאם פייערדיגע ווערטער פון הרה"ק ר' יוסף חיים, האבן זיי זיך אלע איבערצייגט אין זיין גרויסע חכמה,
ויפ'ן פלאץ האבן אים די גדולי ישראל אויפגענומען אלס ממלא מקום פון זיין טאטן, זייענדיג בלויז 26 יאר.

יעדן שבת געזאגט א לאנגע דרשה

שבת פלעגט הרה"ק ר' יוסף חיים זאגן א דרשה אין די גרויסע שול בערך דריי פיר שעה ברצופות, שטייענדיג אויף די פוס זייענדיג
עהילט אינעם טלית ווען טויזענטער מענטשן שלינגען מיט דורשט זיינע וואונדערליכע פערל ווערטער, אויך פרויען און קינדער פלעגן
ען הערן זיינע דרשות וועלכע זענען געזאגט געווארן מיט א קלארע און לייכטע שפראך, וועלכע האט מעורר געווען דאס הארץ פון אלע
נערס צו תשובה און מעשים טובים.

געהויבענעם סדר היום

יג יאר האט הרה"ק ר' יוסף חיים געפירט זיין קהילה, פון י"ז אלול תרי"ט ווען ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב, ביז'ן טאג ווען ער
פטר געווארן י"ג אלול תרס"ט, דורכאויס די אלע יארן האט ער אנגעהאלטן זיין געהויבענעם סדר היום אויפ'ן זעלבן שטייגער, יעדע
איז ער אויפשטיין ביי חצות און נאכ'ן גיין אין מקוה האט ער אפגעראכטן תיקון חצות קלאָגענדיג אויפ'ן חורבן בית המקדש, דערנאך
ט ער זינגען שירות ותשבחות צו הקב"ה ביז'ן דאווענען, ער פלעגט דאווענען ותיקין (מ'דאווענט שמונה עשרה ביים נץ החמה, ווען די זון
אצט ארויס, 72 מינוט נאכ'ן עלות השחר), נאכ'ן דאווענען זייענדיג איינגעהילט מיט טלית און תפילין פלעגט ער פאָרלערנען שלחן ערוך
די הונדערטער מתפללים פאר בערך אנדערהאלבן שעה, דערנאך האט מען פארגעזעצט מיט א שיעור אין עיון יעקב און חק לישראל, ביי
יעורים פלעגט ער ענדיגן יעדע פיר יאר גאנץ שולחן ערוך אורח חיים און יורה דעה.

בן איש חי האט געשריבן בערך אכציג ספרים, א גרויסער חלק דערפון איז ליידער פארלוירן געווארן, אבער ב"ה מיר האבן זוכה געווען צו
יג ספרים וועלכע זענען אנגעפילט מיט קדושה און יראת שמים, דאס שטארקע באקאנטע פון זיינע ספרים איז דער הייליגער ספר "בן
חי" וואס מיט דעם נאמען איז ער געבליבן באקאנט ביז'ן היינטיגן טאג.

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

## <u>די רויבער'ס האבן זיך דערשראקן</u>

ניסן האט דער הייליגער בן איש חי זיך ארויסגעלאזט א חבורה אויפ'ן וועג צו פאָרן קיין ארץ ישראל, זיי האבן ינגען אן אראבער וועלכער זאל זיי פירן, פאר ער איז יסגעפארן האט ער זיך קלאָר אויסגענומען מיט'ן בער, אז אין שבת קודש מוז ער זיך אפשטעלן און נישט ן ווייטער.

ר ווען ס'איז אנגעקומען ערב שבת זענען זיי פונקט ען אינמיטן א שרעקעדיגן וואלד, און דער אראבער האט אלט פאָרן ווייטער ווייל ער האט מורא געהאט צו בלייבן וואלד גאנץ שבת, דער בן איש חי האט אים געזאגט, מיר ן זיך דאך אויסגענומען אז אין שבת קודש וועלן מיר ט פאָרן, דער אראבער האט נישט געוואלט הערן פון נישט און איז ווייטער געפאָרן.

צדיק האט אבער אפגעמאכט ביי זיך אז עס זאל זיין ט ס'זאל זיין, אין שבת קודש פאָרט ער נישט, ער האט אגט פאר'ן אראבער אז אויב ער וויל קען ער ווייטער ן אבער ער בלייבט דא מיט אלע זיינע מענטשן, דער בן חי האט געמאכט א געצעלט וואו צו ווײלן איבער שבת.

אראבער - וועלכער האט געזען אז דער בן איש חי ט דאס ערענסט - האט זיך באהאלטן דארט אין די זייט א גרויסן שטיין, נאך עטליכע שעה האט דער אראבער ערקט ווי א באנדע רויבערס דערנענטערן זיך צום עלט פונעם בן איש חי, אבער ווי נאר דער הויפט פון די ערס האט געזען דעם צדיק לערנען, איז געפאלן אויף א געוואלדיגן שרעק און זענען אלע אנטלאפן.

דער אראבער האט דאס געזען, איז ער ארויסגעקומען יין באהעלטעניש און איז צוגעגאנגען צום בן איש חי און איבערגעבעטן, און אים צוגעזאגט אז ער וועט אים לגן און טאן אלעס וואס ער וועט פארלאנגען.

### ביים קבר פון בניהו בן יהוידע

א לאנגע שווערע רייזע איז דער הייליגער בן איש חי עקומען קיין ירושלים, וואו ער איז צום ערשט געגאנגען יי ישיבה בית אֵ' וואו ער האט זיך געטראפן מיט די בלים, דערנאך האט ער באזוכט ביי די קברים פון די קים און קדושים וועלכע זענען באערדיגט אין ארץ אל, צווישן אנדערע איז ער געווען אויפ'ן קבר פונעם יגן צדיק בניהו בן יהוידע, וועלכע געפינט זיך נאנט צו די אט צפת, שטייענדיג דארט האט ער געשפירט א שטארקע דערהויבנקייט, און מ'האט אים דארט אנטפלעקט פיל טיפע סודות התורה, דעריבער האט ער שפעטער אנגערופן אסאך פון זיינע ספרים מיט די נעמען בניהו, בן איש חי.

אויך איז ער געגאנגען צום קבר פונעם הייליגן תנא ר' שמעון בר יוחאי, די אידן וועלכע זענען דארט געווען האבן געזינגען מיט א פרייליכקייט דעם באקאנטן ניגון **בר יוחאי נמשחת אשריך**, און די גאנצע צייט איז דער בן איש חי געווען פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער אנגעהויבן צו זינגען א נייעם ניגון, דעם ניגון **ואמרתם כה לחי** לויט'ן סדר פון די אל"ף בי"ת, וועלכע איז געבליבן באקאנט ביז'ן היינטיגן טאג.

* * *

### <u>זיין הייליגע חכמה</u>

### יענער האט גע'טענה'ט, ס'איז מיינס

אמאל פאסירט א מעשה, אז א איד וועלכער איז געגאנגען איינקויפן אין מארק האט באמערקט אויף די ערד א הערליכע גאלדענע מטבע, ער האט געקוקט אויף אלע זייטן פון וועמען די מטבע איז אראפגעפאלן, אבער וויבאלד ער האט קיינעם נישט געזען האט ער דאס אויפגעהויבן און גענומען פאר זיך, טראכטענדיג געלט האט דאך נישט קיין סימן און ער מעג דאס נעמען פאר זיך.

פון דערווייטנס האט איינער באמערקט ווי דער איד האט אויפגעהויבן די גאלדענע מטבע, און ווען יענער איז געקומען נענטער האט ער אנגעהויבן צו שרייען, גיבט אהער די מטבע וואס דו האסט געטראפן, ס'איז מיינס, ס'איז פון מיר ארויסגעפאלן, אבער וויבאלד דער איד וועלכער האט דאס געטראפן האט געוואוסט אז באמת איז קיינער נישט געשטאנען נעבן אים ווען ער האט געטראפן די מטבע, האט דאס נישט געוואלט אהינגעבן.

יענער האט זיך אבער נישט געלאזט, ער האט גע'טענה'ט מיט א זיכערקייט אז ס'איז זיינס, האבן זיי באשלאסן אז זיי וועלן גיין צום דין תורה צום הייליגן בן איש חי.

אנקומענדיג צום בן איש חי האבן ביידע פאָרגעלייגט זייערע טענות, דער וואס האט געטראפן האט געזאגט אז ס'האט נישט אויסגעזען אז ס'איז אראפגעפאלן פון קיינעם, און דער אנדערער האט גע'טענה'ט אז ס'איז זיינס.

דער בן איש חי האט גלייך באמערקט אז דער צווייטער - וועלכער איז אנגעקומען שפעטער - זאגט ליגנט, האט דער

איש חי אים געזאגט, אז וויבאלד ער וויל דאס גוט
ספארשן, זאל ער ביטע ארויסגיין פון שטוב פאר עטליכע
ט און וועט קלאר שטעלן ווער עס איז גערעכט.

**דעם קליינעם לעכל אינעם מטבע**

בן איש חי האט געוואוסט אז דער צווייטער - וועמען
האט ארויסגעשיקט - וועט זיך אינטערהערן וואס זיי
ן, דעריבער האט ער זיך געמאכט און גערעדט הויעך ווי
ך די מטבע
ט עפעס א
ינע לעכל, און
ט געזאגט, גיב
אהער די
בע, לאמיר דאס
טראכטן זען
. ס'האט עפעס
סימן, ער נעמט
מטבע און קוקט
גוט אָן און
ט, איך קען זיך
שפאָרן אלע
ות, איך וועל
עם פרעגן אויב
האט עפעס א
ן אויף די מטבע,
ווען זען אויב
וועט זאגן אז
אט א קליינעם
ל אויף יענע און
ע זייט נעבן דעם
דעם אות,
מת האט דאס
ט געהאט, ער
ט נאר אזוי
אגט ווייל ער
ט געוואוסט אז
ער וועלכער
ט זיך אונטער,
מיינען אז
אט טאקע א
נעמען יענעם

אות).

דערנאך האט דער הייליגער בן איש חי אריינגערופן דעם צווייטן, און אים געפרעגט, אויב ער האט אפשר א סימן אויף די מטבע, האט יענער געענטפערט, זיכער האב איך א סימן, ס'האט א קליינעם לעכל נעבן יענע און יענע אות, האט דער בן איש חי אים געפרעגט, דו האסט אפשר נאך א סימן, האט יענער געזאגט, ניין.




האט דער בן איש חי אים געזאגט, קוק דאס גוט אן, די מטבע האט נישט קיין שום לעכל, אויב דו האסט פארלוירן א מטבע מיט א לעכל איז דאס נישט דיינס, פארשטייט זיך אז יענער האט מודה געווען אויפ'ן אמת.

* * *

**<u>דורכ'ן טאן א מצוה האט מען נישט קיין שאדן</u>**

אין די שטאט באגדאד זענען געווען צוויי מענטשן וועלכע האבן זיך באשעפטיגט מיט איינקויפן אלטע קליידער און אלטע חפצים, און האבן דאס פארקויפט פאר טייערער און האבן געהאט שיין פרנסה.

איינמאל זענען זיי געוואויר געווארן אז ביי א געוויסע גוי' קען מען

קויפן אסאך אלטע חפצים פאר ביליג און זיי קענען שיין
דינען דערפון, זיי האבן זיך צוזאמען ארויסגעלאזט
פ'ן וועג, אונטערוועגנס זענען זיי פונקט
רכגעגאנגען א בית המדרש וואו מ'האט געזוכט א
טער צו מנין צו זאגן א קדיש, די מתפללים פון בית
רש האבן געבעטן די צוויי דורכגייער אז זיי זאלן ביטע
נקומען אין בית המדרש צו משלים זיין דעם מנין צו
ען זאגן קדיש.

**ער האט געלאזט דעם חבר גיין אליינס**

ער פון די צוויי האט געענטפערט אז ער האט יעצט
ט קיין צייט, ער יאגט זיך זייער שטארק צו א וויכטיגן
עפט, דער צווייטער האט זיך אבער פארלאזט אויף
"ה און געזאגט, ס'שטייט דאך, מצוה הבאה לידך אל
מיצנה, א מצוה וועלכע קומט דיר אונטער זאלסטו תיכף
און נישט ארויסלאזן פון דיין הענט, ממילא וויבאלד
יז מיר אונטערגעקומען אזא גרויסע מצוה צו משלים זיין
נין, וועל איך יעצט נישט טראכטן פון מיינע געשעפטן
איך וועל זיך מצרף זיין.

האט זיך געזעגנט פון זיין חבר, און איז אריין אין שול צו
לים זיין דעם מנין, ער האט ערליך נאכגעזאגט אמן, און
יהא שמיה רבה, און נאכ'ן דאווענען איז ער ווייטער
ארן צום גוי מיט'ן פלאן צו טרעפן דארט זיין חבר.
ומענדיג צום גוי האט ער געזען אז זיין חבר - וועלכער
שוין אנגעקומען פריער - האט שוין אייגעקויפט אלע
טפולע חפצים, און פאר אים איז איבערגעבליבן נאר
'כע זייער ביליגע חפצים, אבער כדי נישט אהיימצוגיין
ליידיגע הענט, האט ער אפגעקויפט אלע
ערגעבליבענע חפצים.

ומענדיג אהיים האט ער איבערגעקוקט וואס ער האט
איינגעהאנדעלט, און ער באמערקט אן אלטן קישן
'כע איז שוין בכלל נישט אין באנוץ, האט ער געקלערט
אפשר וועט ער עפעס קענען פארדינען פון די פעדערן
'כע געפינען זיך אינעווייניג, האט ער גענומען א מעסער
אויפגעשניטן דעם קישן, און ווי איבערראשט איז ער
ארן, ווען ער האט דארט געטראפן א טייערע דיימאנט
ין.

האט דאס גלייך געטראגן צום דיימאנט סוחר וועלכער
ז זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פונעם
ערקייט און שיינקייט פונעם שטיינדל, דער סוחר האט
אויפ'ן פלאץ געגעבן פופציג גאלדענע רענדלעך.

ווען ער איז אהיימגעקומען איז תיכף אריבער צום בן איש חי
אים צו דערציילן די מעשה פון מ'זעט קלאר אז דורכ'ן טאן א
מצוה דערלייגט מען געלט.

האט אים דער בן איש חי געזאגט, דו האסט געענטפערט
פינף מאל אמן (ביי חצי קדיש), און ס'שטייט אין די גמרא, אז
דער שכר וואס א מענטש באקומט אויף די וועלט פאר'ן
ענטפערן איין אמן, איז צען גאלדענע רענדלעך, און וויבאלד
דו האסט געענטפערט פינף מאל אמן, איז דאס פופציג
גאלדענע רענדלעך (פינף מאל צען), יעדע זאך איז פונקטליך
אויסגערעכנט פון הימל, הקב"ה צאלט זייער פונקטליך, און
אפילו ווען מ'פארשטייט נישט אלעס, דארף מען אבער וויסן
אז אלעס האט א חשבון, אבער פארשטייט זיך, אז דער עיקר
שכר פון די מצוה באקומט מען אויף יענע וועלט.


בשם אלע מלמדים וכלי קודש, ובשם די תלמידים
וואונטשן מיר א הארציגן

# ברכת מזל טוב

לכבוד
הרב ר' **חיים ישראל פעלדמאן** שליט"א
בוחן במוסדותינו הק'
לרגל השמחה במעונו
**נשואי בנו למזל טוב**
***
דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך נחת פון
אלע יוצ"ח, און פיל הצלחה אין די עבודת הקודש ביז מיר
וועלן בקרוב זוכה זיין צו שמחת עולם על ראשינו, בביאת
משיח צדקינו בב"א.



# ניחום אבלים

בשם אלע מלמדים וכלי קודש, ובשם די תלמידים מיר טוען
אויסדרוקן אונזער טרייסט וואונטשן פון הארצן טיפן פאר
הר"ר **ר' נחמן חיים יאקאבאוויטש** שליט"א
מלמד מומחה במוסדותינו הק'

איבער די פטירה פון זיין חשוב'ן מאמע האה"ח מרת מינקא ב"ר
**יוסף יודא ע"ה**

**המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים**

מען זאל מער קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער און שלעכטס,
און די נשמה זאל האבן אן עלי' בגנזי מרומים, און זיין א מליצה
ישרה, מען זאל נאר הערן בשורות טובות ובשורות טובות, וכל
טוב סלה, אמן.

רשת
תצא

גליון
# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

שנה ד' - גליון ר"ג

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


## מכרם רבותינו

### כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ

### ייסן אז אלעס קומט פון השי"ת

**בעל הטורים** ברענגט א רמז, אז די לעצטע
פון פרשת שופטים איז "כי תעשה הישר בעיני
אלד נאכדעם הייבט זיך אָן אונזער פרשה "כי
ומה", ווייל תורה וויל דא זאגן אז טאקע נאר די
י וואס פירן זיך ערליך און טוען "הישר בעיני ה'",
רויסגיין אין מלחמה (ווי עס שטייט אין פרשת שופטים אז
געהאט עבירות, האט מען אהיימגעשיקט פון די מלחמה).

עפונען מיר אין די משנה אין **מסכת ראש השנה**
ר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וגו', וְכִי יָדָיו שֶׁל
ת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה, אֶלָּא לוֹמַר לָךְ
יו יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת
הֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַּבְּרִין" אז די סיבה פארוואס
בן מְנַצֵּחַ געווען אין די מלחמה קעגן עמלק ווען
 האט געהאלטן זיינע הענט אויף ארויף (ווי די תורה
ת בשלח) איז וויבאלד דעמאלטס האבן די אידן
בן זייערע אויגן און ארויפגעקוקט צו השי"ת. **דער**
 - **מרן רבינו יחיאל זי"ע** ערקלערט די כוונה, אז
קוקט "כלפי מעלה" און ער אנערקענט אז אלעס
השי"ת, און אלע זיינע חושים און כוחות וואס
אגט נאר, אלעס גיבט איהם דער אייבישטער,
איהם דער כוח און מאכט אז ער זאל זיך קענען
ויף אלעם.

י הקדמה איז מסביר מרן דער **תפארת שמואל**
עשה הישר בעיני ה'" גייט ארויף אויף אזא איינער

### פרקי אבות פרק א' וב'

#### י זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע וּבִתְפִלָּה (פ"ב מי"ג)

**ר אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** פלעגט
יפן **יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע** אז יעדן
סטן טאג פארן דאווענען, פלעגט דער
 זיך געזעגענען פון אלע זיינע פריינט און
טע, צוליב זיין גרויסע עבודה ביים דאווענען
התפשטות הגשמיות, אזוי אז ער האט נישט
ט אויב זיין נשמה וועט זיך נאך צוריקערן צו
אכן דאווענען.

(ספה"ק ישמח ישראל, תולדות י"א)

## פון אונזער הייליגער ווייְנגאָרטען

וואס נוצט א רוחניות'דיגע בליק, ער קוקט מיט "עיני השם" און ער ווייסט און זעהט אז אלע זיינע כוחות קומט פון השי"ת, און ער געדענקט דעם אייבישטער אין יעדע זאך - שויתי ה' לנגדי תמיד, מיט דעם כוח קען מען מקיים זיין "כי תצא למלחמה על אויביך" ארויסצוגיין אין א מלחמה קעגן דער יצר הרע, און עס וועט מקויים ווערן "ונתנו ה' אלקיך בידך", ווייל ווען א איד ווייסט און גלייבט אז אלעס קומט פונעם אייבישטער מיט דעם כוח קען מען זיך דאָך שטארקן און אלעס געווינען.

(ספה"ק תפארת שמואל א')

### וְהָיָה לִפְנוֹת עֶרֶב יִרְחַץ בַּמָּיִם

### די עבודה פון חודש אלול

עס שטייט אין אונזער פרשה כִּי יִהְיֶה בְךָ אִישׁ אֲשֶׁר לֹא יִהְיֶה טָהוֹר וגו', און די תורה הק' זאגט "וְהָיָה לִפְנוֹת עֶרֶב יִרְחַץ בַּמָּיִם" אז דער טמא'נער מענטש זאל זיך טובל'ען אין וואסער ווען ס'קומט פאַרנאַכטס און אזוי וועט ער ווערן ריין ווען די זון גייט אונטער.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** טייטשט דעם פסוק בדרך רמז, אז דאס גייט ארויף אויף די עבודה פון א איד אין חודש אלול. די ווערטער "לִפְנוֹת עֶרֶב" איז א רמז אויף סוף פונעם יאר, ווען דער יאר קערט זיך צו ענדיגן, אזויווי דער אָוונט קומט צו גיין סוף פונעם טאג, און דעמאלטס איז אונזער עבודה "יִרְחַץ בַּמָּיִם" עוסק צו זיין אין תורה הקדושה, ווי חכמינו ז"ל זאגן "אֵין מים אלא תורה", און תורה איז טאקע די ריכטיגע טהרה מיט וואס א איד קען זיך רייניגן פון זיינע עבירות און תשובה טוהן, און ווי **דער אלטער רבי פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** פלעגט זאגן בלשון קדשו "די גרעסטע טהרה איז די גמרא".

און דער ענין איז אויך מרומז אין אנהייב פון אונזער פרשה אינעם פסוק "וּבָכְתָה אֶת אָבִיהָ וְאֶת אִמָּהּ יֶרַח יָמִים" אז די כוונה פון 'ירח ימים' איז חודש אלול דער חודש פון תשובה און תיקון המעשים. און דערפאר ווערט עס אנגערופן "יֶרַח **יָמִים**" -זאגט דער תפארת שמואל- וויבאלד אונזער תפקיד אין דעם חודש איז צו מאכן אז דער גאנצער חודש זאל זיין ווי 'טאג' דורכ'ן אויסנוצן די צייט און אפילו די נעכט צו תורה ועבודה וואס זיי זענען מטהר דעם מענטש און זענען מכפר אפילו אויף די האַרבסטע עבירות, די נעכט פון אלול זאלן ווערן אויסגענוצט ווי 'טעג'.

(ספה"ק תפארת שמואל ה')



## ענבי הכרם

### אנערקענען די מעלות פון יעדן איינעם

אין אונזער פרשה געפונען מיר די ציווי וואס די תורה הק' באפעלט א איד "מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וגו' נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ". מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** ערקלערט די כוונה, אז א איד דארף האלטן הייליג און טייער זיין מויל און אלעס וואס ער רעדט ארויס מיט איר, וויבאלד עס איז א מתנה פון השי"ת אז מיר קענען בכלל רעדן, א בהמה האט אויך א מויל נאר זי קען זיך נישט באנוצן דערמיט און זי קען נישט רעדן. דעריבער דארף א איד שטענדיג אכטונג געבן אויף אלע זיינע רייד וואס רעדט ארויס מיט'ן מויל און עס מחשיב זיין ווי א נדר, ווייל דאס איז הייליג און טייער, א מתנה פון השי"ת. דאס זאגט די תורה מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַה' אֱלֹקֶיךָ, דו זאלסט אפהיטן דיינע רייד, וויבאלד "נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ" דאס וואס דו קענסט רעדן איז דאָך א נדבה און א מתנה, און דערפאר זאלסטו עס מַחשיב זיין און שעצן. (זכרון דברים)

ווי פאסיג זענען די ווערטער פון **ספה"ק תפארת שלמה** אין אונזער פרשה וואס לערנט אונז אז די ריכטיגע הכנה צום יום הדין וואס קומט צו גיין, איז טאקע דורכ'ן אפהיטן דאס מויל ווי עס דארף צו זיין, און נישט רעדן קיין שלעכטס אויף אנדערע אידן ח"ו זאל זיין ווער ס'זאל זיין. און אזוי שרייבט דער תפארת שלמה זי"ע:

די ריכטיגע הכנה וואס מיר קענען מאכן צום יום הדין ראש השנה, איז דורך אהבה אחוה און ריעות צווישן אידישע קינדער, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (צ"ח) בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה', הריעו איז א לשון פון 'רֵיעוּת' און פריינטשאפט, מ'דארף ליב האבן און אנערקענען די מעלות פון יעדער איד. אזוי אויך שטייט "אָז יְרַנְּנוּ כָּל עֲצֵי יָעַר" עצי יער מיינט ליידיגע ביימער וואס גיבן נישט ארויס קיין פירות, אפילו אזעלכע שוואכע אידן וואס ס'זעהט אויס אז זיי האבן נישט אין זיך קיין שום מעלה און גוטע מידה, אפילו זיי דארף מען ליב האבן און לויבן, ווען עס קומט דער גרויסער זמן פונעם יום הדין "לִפְנֵי ה' כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ", ווייל יעדער איד האט אין זיך עפעס א מעלה און א חשיבות.

דאס זאגט דא די תורה אין אונזער פרשה אינעם פסוק "כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" די תורה הק' וואָרנט אונז דערמיט "**וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" זאלסט זיך אכטונג געבן פון רעדן שלעכטס און אוועקמאכן א צווייטן. און דאן וועט מקויים ווערן "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים" דער וואס וויל זוכה זיין צו לעבן, זכרנו לחיים אום ראש השנה, איז די עצה "נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה**", ווייל אז א איד רעדט נישט קיין שלעכטס אויף יענעם און ער האלט יענעם פאר א צדיק, דאן וועט איהם דער אייבישטער אריינשרייבן אין ספרן של צדיקים.

# זאגט דער הייליגער
# רבי ר' אלימלך זצ"ל...

א שטיקל נועם אלימלך
אויף די וואכעדיגע
פרשה




פרשת
## כי תצא

**נא לומר קודם הלימוד: לע"נ הרה"ק רבי אלימלך ב"ר אליעזר ליפמאן זצ"ל**
**- ולע"נ בתו מירוש בת הרה"ק רבי אלימלך ע"ה**

כִּי יִהְיֶה בְךָ אִישׁ אֲשֶׁר לֹא יִהְיֶה טָהוֹר מִקְּרֵה לָיְלָה וְיָצָא אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה לֹא יָבֹא אֶל תּוֹךְ הַמַּחֲנֶה: וְהָיָה לִפְנוֹת עֶרֶב יִרְחַץ בַּמָּיִם וּכְבֹא הַשֶּׁמֶשׁ יָבֹא אֶל תּוֹךְ הַמַּחֲנֶה:

**כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור כו'.** ע"ד הרמז, שהתורה הקדושה מרמזת על איש צדיק ההולך בדרכי השם יתברך, אבל עדיין אינו טהור בכל מחשבותיו. * וזהו כי יהיה כו' מקרה לילה, שאירע לו מקראות של שפלות וחטאים חלילה הנקראים לילה, דהיינו שאין גופו טהור לגמרי שיהיה נשמר מטומאת קרי ח"ו, ועיניו מלהסתכל הסתכלות לא טובות ומלראות ברע, ואזניו משמוע, ופיו מלדבר דבר שאינו צורך גבוה לעבודתו ויראתו יתברך שמו.

**ויצא** אל מחוץ למחנה, פירוש הכתוב משיאו עצה מאחר שיצא חוץ למחנת קדושים, צריך לתקן עצמו במדרגת תחתונות, שלא יאחוז בדרכי הצדיקים הקדושים האמתים העוסקים בסודות עליונים ביראתם ובאהבתם שלימה בלי שום סיג ונדנוד חטא והרהור עון כלל. * ולא כן הוא, שמחשבתו פגומה ואינה צלולה בקדושה ואבריו אינם מתוקנים, ואיך יכנוס בהיכלא דמלכא לחפש ולפשפש באוצרות המלך, הם הסודות התורה הקדושים העליונים. ואדרבה ח"ו קנאים פוגעים בו, הם הקליפות החיצונים ומתאחזים בו להחטיאו ולהכשילו יותר חלילה.

**ולכן** צריך לתקן את נפשו ואבריו באיזה ענינים שהם מחוץ למחנה הקדושה העליונה, * דהיינו שיסגף עצמו באיזה סיגוף, ויתחרט וישוב ויזהר וישמר עצמו מהדברים המביאים אותו לידי חטאים הנ"ל, ויראה להתאמץ ולהתחזק להצליל את מחשבותיו, ולדקדק במעשיו, ולהסתכל בהם אם הם עשויים באמת בלב שלם בלי שום תערובות חמץ וסיג ופסולת, ושיהיה מעשיו בדרך אמת בלי שום ערבוב טוב ורע, ולדבק עצמו בהתורה הקדושה, ולעסוק בה בטהרה לטבול עצמו בעת שצריך טבילה. * ואז יתלהב לבו בקרבו לדבקות והתלהבות בהירות קדושה עליונה.

**וזהו** כונת הפסוק והיה לפנות ערב, רוצה לומר כאשר יפנה את התערובות הרע שהיה בו כנ"ל, * ורחץ במים, רמז להתורה הקדושה הנקרא מים, וגם מים כפשוטו שיעסוק בתורה בטהרה בטובלו במים כנ"ל, ואז וכבוא השמש, רוצה לומר כשיבא לו הבהירות והתלהבות * יבא אל תוך המחנה, פירוש אז יבא אל פנימיות המחנה הם הסודות העליונים וק"ל.

**כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור כו'.** די תורה הקדושה איז מרמז אויף א ערליכע איד וועלכע גייט אין די וועגן פון אייבירשטן אבער ער איז נישט אינגאנצן ריין מיט זיינע מחשבות. זאגט דער פסוק **כי יהיה כו' מקרה לילה**, עס האט פאסירט אז ער איז אריינגעפאלן חלילה אין עבירות (וועלכע ווערן אנגערופן לילה), ער איז נישט אינגאנצן ריין צו זיין אפגעהיטן בעניני קדושה ח"ו, זיינע אויגן פון קוקן אויף וואס מ'טאר נישט, זיינע אויערן פון צו הערן וואס מ'טאר נישט, זיין מויל פון צו רעדן זאכן וואס איז נישט פארן אייבירשטנ'ס וועגן.

**ויצא אל מחוץ למחנה**, די תורה גיבט אים א עצה, וויבאלד ער איז ארויסגעגאנגען פון די הייליגע מחנה, זאל ער קודם פאררעכטן די פשוטע זאכן, ער זאל דערווייל נישט גיין אין וועגן פון די הייליגע צדיקים, וועלכע זענען אין סודות התורה מיט א שטארקע יראה און אהבה אן קיין שום חטא והרהור עבירה. אבער ער איז דאך נישט ווי זיי, זיינע מחשבות זענען דאך פארפלעקט, זיינע אברים זענען דאך נישט מסודר. ווי קען ער אריינגיין בהיכל המלך עוסק זיין אין די הייליגע סודות התורה. אדרבה, די שלעכטע כוחות וועלן זיך אנכאפן אויף אים און אים נאך מער מכשיל זיין חלילה.

**דערפאר** זאל ער פאררעכטן זיין נפש מיט די פשוטע ענינים וועלכע זענען מחוץ למחנה. דהיינו, זיך מאכן א שטיקל סיגוף. חרטה האבן און תשובה טוען אויף זיינע מעשים. זיך אכטונג געבן פון זאכן וועלכע קענען צוברענגען צו די עבירה. ער זאל זעהן צו שטארקן זיינע מחשבות מיט א לויטערקייט. מדקדק זיין אויף זיינע מצות און זעהן עס זאל זיין ריין אן קיין פסולת (פון פניות). זיינע מעשים זאלן זיין אמת'דיג אן קיין עירוב טוב ורע. זיך באהעפטן אין די הייליגע תורה. זיך רייניגן און גיין אין מקוה ווען מ'דארף. דעמאלט'ס וועט זיין הארץ זיך אנצינדן צו דביקות ה' און התלהבות צו די קדושה.

**דאס** זאגט דער פסוק, **והיה לפנות ערב**, ווען דו וועסט אוועקקערן די תערובות הרע פון דיר, **ורחץ במים**, זאל ער זיך רייניגן דורך די תורה (וועלכע ווערט אנגערופן מים - ב"ק יז.), אזוי אויך דורך טובל'ען און וואסער פארן לערנען, **וכבוא השמש**, און ווען ער וועט שפירן די בהירות און התלהבות, דאן **יבא אל תוך המחנה**, דעמאלט'ס זאל ער אריינקומען אינעווייניג אין די מחנה, עוסק זיין אין סודות התורה.

נתנדב לזכות **שלום ברוך מרדכי בן דבורה בלומא** וב"ב ויוצ"ח לברכה והצלחה וכל טוב

גליון
# בת עין
דבר השוה לכל נפש
אידיש
גליון קט • שנה ג
פרשת כי תצא
תשפ"ה

## תוכן התורה

[א] לשון הפסוק. / דורך תשובה ווערט השי"ת אנגערופן רחום וחנון. / א בעל תשובה ווערט אנגערופן 'בית'.
[ב] די פרשה פון יפת תואר מיינט די נשמה פונעם מענטש. / תיקון המחשבות והמעשים.
[ג] תשובה מיט א התחדשות. / פשט אין די פסוק 'ועשית מעקה – לגגך'. / דורך געדענקען דעם באשעפערס נאמען קומט מען צו יראה.

## פארווארט

אינטערעסאנטע פאסירונג
פארגעקומען ביי הרה"ק ר' אליעזר
יא בהרה"ק ר' ישראל אברהם
לענער רבין זצ"ל ווען א יוד האט אים
ל געבעטן א סגולה אויף פרנסה, האט אים
סקולענער רבי געזאגט ער זאל זאגן יעדן טאג
ת היראה', ווען דער יוד האט אים אנגעקוקט
וואונדערט וואס האט פרשת היראה מיט פרנסה
שר האט דער רבי געמיינט צו זאגן 'פרשת המן',
אים דער רבי געזאגט: האסט דאך געבעטן א
ה? אין פסוק שטייט 'טרף נתן ליראיו' אז השי"ת
געגעבן 'טרף' – שפייז (פרנסה) 'ליראיו' פאר די
האבן מורא פון השי"ת, ממילא ווער עס האט
ת שמים קויפט זיך איין איינאיינוועגס פרנסה.

ן די קומענדיגע תורה גייט די בת עין מסביר
אז ווען א מענטש האט די מידה פון 'יראה' און
עהט כסדר דעם באשעפער פאר די אויגן איז
וכה צו תשובה, און בהמשך ווערט דער בת עין
מערקן אז מצוה פון 'תשובה' מיינט אנהייבן דינען
באשעפער מיט א פרישקייט א צווייטן מאל און
אויך אויב ער איז נאכאמאל דורכגעפאלן זאל ער זיך
ען פון דאסניי כסדר. כי אין מחסור ליראיו.

[א]

### לשון הפסוק

**כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְגוֹ' וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ וְגוֹ'**[א]. אז דו וועסט בויען א נייע הויז זאלסט מאכן א צוים צו דיין דאך.

### דורך תשובה ווערט השי"ת אנגערופן רחום וחנון

**וְנוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ רֶמֶז** אונז קענען זאגן אויף די וועג פון רמז, **דְּהִנֵּה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה** די עיקר זאך וואס דער באשעפער האט באשאפען די וועלט איז געווען, **בְּגִין דְּיִתְקְרֵי רַחוּם בְּגִין דְּיִתְקְרֵי חַנּוּן** (זח"ג רנז:) כדי ער זאל קענען ווערן אנגערופען ביי די מענטשן פון די וועלט מיט די נעמען 'רחום וחנון'[ב], **הַיְינוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת תְּשׁוּבָה לְטַהֵר הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמַחְשָׁבוֹת רָעוֹת וְתַאֲווֹת רָעוֹת** וואס דורך דעם וואס א מענטש קען זיך רייניגען פון

> כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְגוֹ' וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ וְגוֹ'.
> וְנוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ רֶמֶז, דְּהִנֵּה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בְּגִין דְּיִתְקְרֵי רַחוּם בְּגִין דְּיִתְקְרֵי חַנּוּן (זח"ג רנז:)[א], הַיְינוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת תְּשׁוּבָה לְטַהֵר הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמַחְשָׁבוֹת רָעוֹת וְתַאֲווֹת רָעוֹת[ב].
>
> **א.** בזוה"ק שם: אוף הכי מארי עלמא, קדם דברא עלמא וברא ברין דיליה, למאן אתקרי רחום וחנון או דיין, אלא כל שמהן דיליה אינון כנויין, ולא אתקרי בהון אלא על שם ברין דעלמא.
>
> **ב.** ועיין זוה"ק ח"ג סט, ב: בשעתא דברא קודשא בריך הוא עלמא, בעי למברי בר נש, אמליך באורייתא, אמרה קמיה, תבעי למברי האי בר

**א.** די לשון הפסוק איז: כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ

**ב.** דער באשעפער איז גרעסער און הייליגער פון אלע מידות, אבער כדי אונז פשוטע מענטשן זאלן האבן עפעס א פארשטאנד אין זיין גרויסקייט האט ער באשאפען די גשמיות'דיגע וועלט וואס לויט וואס אונז זעהן פאר אונזערע אויגען וואס השי"ת טוט רופען מיר אים אן מיט נעמען פון מידות ווי 'רחום וחנון' וכדומה.

די שלעכטע מעשים און מחשבות און פון שלעכטע גלוסטונגען און השי"ת נעמט אן די תשובה און אזוי ווערט דער באשעפער אנגערופען מיט די נעמען רחום וחנון.

## א בעל תשובה ווערט אנגערופען 'בית'

**וּבְחִינַת תְּשׁוּבָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם בַּיִת** די בחינה פון תשובה ווערט אנגערופן 'בית'[ג], **כִּדְאִיתָא** (ר"ה יז:) **אֲנִי ה' קוֹדֶם שֶׁיֶּחֱטָא אֲנִי ה' אַחַר שֶׁיֶּחֱטָא**, אזוי ווי די גמרא זאגט אז דערפאר שטייט א דאפעלטע לשון ביי די שלש עשרה מידות של רחמים 'השם השם' צוויי מאל - אונז צו זאגן אז השי"ת האט רחמנות פאר מען זינדיגט און אפילו נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט, **עַד כָּאן** ביז דא איז די גמרא. **וּבַעַל תְּשׁוּבָה הוּא בִּבְחִינַת ב'** און א בעל תשובה איז מרומז אין די צווייטע ווארט 'השם', **אֲנִי ה' אַחַר שֶׁיֶּחֱטָא** וואס די צווייטע ווארט 'השם' איז מרמז אז השי"ת האט רחמנות אפילו נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט, **עַל כֵּן הוּא נִקְרָא בִּבְחִינַת בַּיִ"ת** פארדעם ווערט דער בעל תשובה אנגערופען מיט די בחינה 'בית'.

וּבְחִינַת תְּשׁוּבָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם בַּיִת, כִּדְאִיתָא (ר"ה יז:) אֲנִי ה' קוֹדֶם שֶׁיֶּחֱטָא אֲנִי ה' אַחַר שֶׁיֶּחֱטָא, עַד כָּאן.
וּבַעַל תְּשׁוּבָה הוּא בִּבְחִינַת ב', אֲנִי ה' אַחַר שֶׁיֶּחֱטָא, עַל כֵּן הוּא נִקְרָא בִּבְחִינַת בַּיִ"ת.
וְזֶהוּ 'וַהֲבֵאתָהּ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ', דְּאִיתָא בְּאוֹר הַחַיִּים שֶׁפָּרָשָׁה זוֹ קָאֵי עַל הַנְּשָׁמָה[ג], 'וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר' שֶׁהַמְכוּוָּן עַל הַנְּשָׁמָה כְּשֶׁהִיא בַּשִּׁבְיָה.

נש, זמין הוא למחטי קמך כו', אמר לה, וכי למגנא אתקרינא (שמות לד, ו) 'אל רחום וחנון ארך אפים'. ועד לא ברא קודשא בריך הוא עלמא, ברא תשובה, אמר לה לתשובה, אנא בעינא למברי בר נש בעלמא, על מנת דכד יתובון לך מחוביהון, דתהוי זמינא למשבק חוביהון, ולכפרא עלייהו. ובכל שעתא ושעתא תשובה זמינא לגבי בני נשא, וכד בני נשא תייבין מחובייהו, האי תשובה תבת לגבי קודשא בריך הוא, וכפר על כלא, ודינין אתכפיין ומתבסמאן כלהו, ובר נש אתדכי מחוביה, אימתי אתדכי בר נש מחוביה, בשעתא דעאל בהאי תשובה כדקא חזי.

ג. זה הלשון באור החיים: ואומרו 'וראית בשביה אשת יפת תואר' אמר אשת סמוך, פירוש נשמת אדם, כי אין הס"מ שולט בנפש עד שתרד מטה ותכנס באדם, ממנו הוא לוקחה בשבי, והנפש תקרא אשה כו', ואומרו 'והבאתה אל תוך ביתך', לפי שעל ידי פיתוי הרע מתרחקת הנפש מהגוף, ושוכן חלק רע במקומה, כדרך אומרו 'טורף נפשו באפו' (איוב יח, ד), והגוף יקרא בית כו', ולהיות שהנפש שקנה מקום טמא, צריך לנקותה מתחלואי הרע הנדבק בה, שהוא בחינת שער הראש, והוא אומרו 'וגלחה את ראשה', גם בחינת הקליפה הרמוזה בצפרנים, אמר כנגדה 'ועשתה את צפרניה' לשון תיקון, ותסיר מסוה הטומאה המתכסה בה הנפש מרוח הטומאה. והוא אומרו והסירה את שמלת שביה מעליה, פירוש שקנתה משבייתה במקום טמא, וזה יהיה על מירוק החטאים, ודרכי התשובה, והכנת הדעת, מול אלהי ישראל ברוך הוא כו', והוא אומרו 'וישבה בביתך' ותתודה בבכי על אשר מעלה ב'אביה ואמה', ועל פרידתה מהם, אביה זה הקדוש ברוך הוא, אמה היא כנסת ישראל, 'ירח ימים' זה שיעור המספיק לשב, או ירמוז, לחודש המיוחד לתשובה שהוא חודש אלול.

[ב]

## די פרשה פון יפת תואר מיינט די נשמה פונעם מענטש

**וְזֶהוּ 'וַהֲבֵאתָהּ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ'**[ד] און דאס מיינט וואס עס שטייט אנפאנג די פרשה ווי די פסוק רעדט וועגן א 'יפה תואר' וואס מען וועט פאנגען און די פסוק זאגט 'והבאת אל תוך 'ביתך' זאלסט איר אריינברענגען אין דיין הויז, **דְּאִיתָא בְּאוֹר הַחַיִּים שֶׁפָּרָשָׁה זוֹ קָאֵי עַל הַנְּשָׁמָה** ווייל עס שטייט אין אור החיים הקדוש אז די פרשה רעדט זיך פון די נשמה[ה], **'וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר'** די פסוק זאגט ווייטער און דו וועסט זעהן אין די געפענגענשאפט א 'אשת יפת תואר', **שֶׁהַמְכוּוָּן עַל הַנְּשָׁמָה כְּשֶׁהִיא בַּשִּׁבְיָה** די ווערטער 'אשת יפת תואר' מיינט די נשמה וואס איז אין געפאנגענשאפט. **'וַהֲבֵאתָהּ אֶל**

ג. דער בת עין גייט דא זאגען א אינטערעסאנטע רמז, די ווארט 'בית' וואס מיינט 'הויז', קען אויך פשוט מיינען די אות ב' [וואס ווערט אסאך מאל ארויסגעשריבען 'בית']. די גמרא אין ראש השנה (ר"ה יז:) דרשענט די פסוק פון די שלש עשרה מידות השם השם א-ל רחום וחנון וגו', און די גמרא זאגט פארוואס שטייט צוויי מאל דעם באשעפער'ס נאמען 'השם השם' ? זאגט די גמרא אז השי"ת האט רחמנות אויפן מענטש סיי פאר ער זינדיגט, און סיי אויב ער האט חס ושלום געזינדיגט איז נאך אלץ השי"ת פיל מיט רחמים אויף אים, ממילא קומט אויס אז די צווייטע מאהל וואס שטייט 'השם' מיינט דעם בעל תשובה, איז א בעל תשובה ווערט אנגערופען 'ב', וואס דאס קען מען ארויסשרייבן 'בית'.

ד. די לשון הפסוקים איז: וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת־תֹּאַר וְחָשַׁקְתָּ בָהּ וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה. וַהֲבֵאתָהּ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ. וְהֵסִירָה אֶת שִׂמְלַת שִׁבְיָהּ מֵעָלֶיהָ וְיָשְׁבָה בְּבֵיתֶךָ וּבָכְתָה אֶת אָבִיהָ וְאֶת אִמָּהּ יֶרַח יָמִים וְאַחַר כֵּן תָּבוֹא אֵלֶיהָ וּבְעַלְתָּהּ וְהָיְתָה לְךָ לְאִשָּׁה.

ה. די אור החיים הקדוש טייטש די פסוק באריכות, אבער תוכן דבריו איז: אז 'אשת יפת תואר' מיינט די נשמה פונעם מענטש וואס איז געפאנגען געווארן דורך דעם יצר הרע, און כדי צו ריייניגען די נפש האדם דארף מען טאהן די אלע זאכען וואס די תורה זאגט אונז ווי אויסטאהן די געפאנגענע קליידער און שערן די האר און די נעגל איז מרמז אויף די וועגן וואס א מענטש קען זיך רייניגען פון די קליפות און זיך אנגרייטען 'דעת' צו קענען זיך מדבק אינעם באשעפער, און דאס מיינט די פסוק אז זי זאל באוויינען איר טאטע און מאמע, די ווארט 'אביה' מיינט דעם באשעפער, און 'אמה' מיינט כלל ישראל, די פסוק זאגט אז זי זאל וויינען 'ירח ימים' (א חודש צייט) ווייל דאס איז גענוג צייט צו תשובה טאהן, אדער די פסוק מיינט צו מרמז זיין אויף די חודש וואס איז באשטימט פאר תשובה - חודש אלול.

'והבאתה אל תוך ביתך' היינו בחינת תשובה, 'וגלחה את ראשה', לגלח את ראשה היינו להסיר את המחשבות רעות. 'ועשתה את צפרניה' היינו לתקן הבחינת ידים, בחינת מעשים הרעים.

'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים' היינו לבכות במרירות לב מעומקא דלבא על המחשבות הרעות, שמחשבה מכונה בשם אב ואם, שהמחשבה מוליד המעשה.

רק מי שעשה תשובה וחזר ועשה עבירות, אז צריכה התשובה שאחרי כן להיות בבחינת התחדשות ביתר שאת ויתר עוז במרירות לב יותר ויותר מתשובה שמקודם, כדי שלא להיות חס ושלום בבחינת פושעי ישראל מלאים חרטות[ד].

ועניין ההתחדשות, היינו שיהיה לו בושה והכנעה ואימה לפני הבורא ברוך הוא בכל רגע ורגע, כמאמר הכתוב (תהלים טז, ח) 'שויתי ה' לנגדי תמיד'.

ד. עיין אברבנאל (שמואל ב, יג): איתא במאמר המדיני 'הרשעים מלאים חרטות'. וע"ע עקידת יצחק שער סז, שבט מוסר פ"ה.

**תוך ביתך' היינו בחינת תשובה** די פסוק זאגט ווייטער 'דו זאלסט איר אריינברענגען צו דיין הויז' וואס דאס מיינט אז דו זאלסט אריינברענגען די נשמה צו דח בחינה פון תשובה וואס ווערט אנגערופן ביתך'[ו].

## תיקון המחשבות והמעשים

**'וגלחה את ראשה' - לגלח את ראשה היינו להסיר את המחשבות רעות** די פסוק זאגט 'וגלחה את ראשה' - אפצוגאלען די קאפ - מיינט אפצוטאהן די שלעכטע מחשבות (פונעם קאפ). **'ועשתה את צפרניה' היינו לתקן הבחינת ידים** און די פסוק זאגט ווייטער 'ועשתה את צפרניה' - לאזען וואקסן די נעגל - מיינט צו פארעכטען די בחינה פון די הענט, **בחינת מעשים הרעים** וואס דאס איז די בחינה פון שלעכטע טוהענגען (מעשים).

**'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים'** די פסוק זאגט ווייטער 'זי זאל באוויינען איר טאטע און מאמע א חודש צייט', **היינו לבכות במרירות לב מעומקא דלבא על המחשבות הרעות** דאס מיינט צו וויינען מיט א ביטערניש פון די טיפקייט פון די הארץ אויף די שלעכטע מחשבות, **שמחשבה מכונה בשם אב ואם** ווייל 'מחשבה' ווערט אנגערופן מיט די נאמען (אב ואם) טאטע - מאמע, **שהמחשבה מוליד המעשה** ווייל די טראכטען (מחשבה) טוט געבוירן דאס טאהן (מעשה).

**[ג]**

## תשובה מיט א התחדשות

**רק מי שעשה תשובה וחזר ועשה עבירות** נאר ווער סהאט שוין געטאהן תשובה און ער האט אכאמאהל געזינדיגט און געטאהן עבירות, **אז צריכה התשובה שאחרי כן להיות בבחינת התחדשות** דעמאלסט דארף די תשובה וואס ער טוהט דערנאך זיין מיט א באנייאונג, **ביתר שאת ויתר עוז** אויף א גרעסערע פארנעם און מער כח, **במרירות לב** מיט א ביטערניש פון די הארץ, **יותר ויותר מתשובה שמקודם** אסאך מער און מער ווי די פריעהרדיגע תשובה, **כדי שלא להיות חס ושלום בבחינת פושעי ישראל מלאים חרטות** כדי ער זאל חס ושלום נישט זיין ווי די פושעי ישראל וואס זענען נאר פוהל מיט חרטה און טוישען נישט זייערע מעשים.

**ועניין ההתחדשות** די זאך פון זיך באנייען די תשובה מיינט, **היינו שיהיה לו בושה והכנעה ואימה לפני הבורא ברוך הוא בכל רגע ורגע** דאס מיינט ער זאל האבן בושה און אונטערטעניגקייט און א ציטער פארן באשעפער א יעדע סעקונדע, **כמאמר הכתוב** (תהלים טז, ח) **'שויתי ה' לנגדי תמיד'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'איך האלט השי"ת פאר מיינע אויגען שטענדיג'.

ו. וואס ווי אויבן דערמאנט אז די ווארט 'בית' מיינט דעם בעל תשובה.

וְזֶהוּ ׳כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ׳, הַיְינוּ תְּשׁוּבָה בִּבְחִינַת בְּהִתְחַדְּשׁוּת, ׳וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה׳[ה] בְּגִימַטְרִיָּא יִרְאָה, ׳לְגַגֶּךָ׳, גַּגֶּךָ בְּגִימַטְרִיָּא שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא[ו], הַיְינוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבָה כַּנַּ״ל, אֲנִי ה׳ כְּשֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה.

פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה לְךָ בְּחִינַת יִרְאָה, וְאָז תּוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה מְעוּמְקָא דְּלִבָּא בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה (תהלים נא, יט).

אוֹ יֵאָמַר ׳וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה׳ בְּגִימַטְרִיָּא יִרְאָה, ׳לְגַגֶּךָ׳ בְּגִימַטְרִיָּא שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא, פֵּירוּשׁ כְּשֶׁתִּזְכּוֹר שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא יִהְיֶה לְךָ בְּחִינַת יִרְאָה, וּבִזְכוּת זֶה וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל אָמֵן.

---

ה. עם הכולל.

ו. ר״ל שם הוי״ה.

## פשט אין די פסוק ׳ועשית מעקה – לגגך׳

**וְזֶהוּ ׳כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ׳** דאס מיינט די פסוק ווען דו וועסט בויען א ׳בית חדש׳ א נייע הויז[ז], **הַיְינוּ תְּשׁוּבָה בִּבְחִינַת בְּהִתְחַדְּשׁוּת** וואס מיינט צו טאהן תשובה מיט א באנייאונג (התחדשות און פרישקייט), זאגט די פסוק **׳וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה׳** זאלסט מאכן א מעקה - א צוים, **בְּגִימַטְרִיָּא יִרְאָה** און די ווארט מעקה״[ח] באטרעפט אזוי פיל ווי די ווארט ׳יראה׳ (216), **׳לְגַגֶּךָ׳** די פסוק זאלסט מאכן די ׳מעקה׳ צו גגך׳ (די דאך), **׳גַּגֶּךָ׳ בְּגִימַטְרִיָּא שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא** וואס די ווארט ׳גגך׳ איז בגמטריא אזוי פיל ווי שם הוי״ה (26)[ט].

**הַיְינוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבָה כַּנַּ״ל** דאס גימטריא פון שם הוי״ה מיינט די בחינה פון תשובה ווי אויבען דערמאנט[י], **אֲנִי ה׳ כְּשֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה** אז השי״ת האט רחמנות אויפן מענטש ווען מען טוהט תשובה, **פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה לְךָ בְּחִינַת יִרְאָה** דאס מיינט זאלסט האבען די בחינה פן יראה, **וְאָז תּוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה מְעוּמְקָא דְּלִבָּא** און דעמאלסט וועסטו קענען טאהן תשובה פון די טיפעניש פון די הארץ, **בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה** (תהלים נא, יט) מיט די בחינה וואס דוד המלך זאגט אין תהלים אז א צובראכען און אונטערטעניג הארץ טוט השי״ת נישט פארשעמען.

## דורך געדענקען דעם באשעפערס נאמען קומט מען צו יראה

**אוֹ יֵאָמַר** אדער קען מען טייטשען די פסוק[יא], **וְעָשִׂיתָ ׳מַעֲקֶה׳ בְּגִימַטְרִיָּא ׳יִרְאָה׳** די תורה זאגט ׳דו זאלסט מאכן א מעקה׳ וואס די ווארט ׳מעקה׳ איז בגמטריא ׳יראה׳, **׳לְגַגֶּךָ׳ בְּגִימַטְרִיָּא שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא** די ווארט ׳גגך׳[יב] וואס איז בגמטריא אזוי די שם הוי״ה (26).

**פֵּירוּשׁ כְּשֶׁתִּזְכּוֹר שֵׁם הָעֶצֶם בָּרוּךְ הוּא** דאס מיינט צו זאגען ווען דו וועסט געדענקען דעם אייבערשטנ׳ס נאמען פאר דיר, **יִהְיֶה לְךָ בְּחִינַת יִרְאָה** וועסטו האבן די בחינה פון ׳יראה׳[יג], **וּבִזְכוּת זֶה וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל אָמֵן.**

---

ז. וואס מיינט א נייע תשובה, ווי דערמאנט אויבען אז דאס ווארט ׳בית׳ מיינט די בחינה פון תשובה (ווייל עס איז מרומז אין די צווייטע השם ׳השם׳).

ח. מיט די כולל, דאס מיינט מען רעכנט צו נאך איינס פאר די גאנצע ווארט.

ט. דאס מיינט שם הוי״ה (26) וואס ווערט אנגערופן ׳שם העצם׳ ווייל דאס איז די עיקר נאמען פון באשעפער.

י. די צווייטע מאל ׳השם׳ פון די שלש עשרה מידות, וואס מיינט דעם בעל תשובה. דאס מיינט די פסוק זאגט אונז ׳ועשית מעקה׳ ווען וועסט האבן יראה, דעמאלסט וועסטו זוכה זיין צו די בחינה פון תשובה וואס איז מרומז אין ׳גגך׳ (26) די צווייטע שם הוי״ה.

יא. וואס לויט די פשט איז די ווארט ׳גגך׳ א המשך מיט די בחינה פון יראה וואס איז מרומז אין ׳ועשית מעקה׳.

יב. אן די ל׳ וואס איז נישט א חלק פון די עיקר ווארט.

יג. וואס פשט איז ׳ועשית מעקה׳ זאלסט דיר נעמען די מידה פון ׳יראה׳ פון באשעפער [גגך = 26] ווייל דורך כסדר האבען דעם באשעפערס נאמען פאר דיינע אויגען וועסטו זוכה זיין צו יראה.

# מוסרי הבת עין

## בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ

א] וּלְהָבִין זֶה נַקְדִּים מַה שֶׁיָּדוּעַ שֶׁעִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בְּרֵאשִׁית, בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל (ויק"ר לו, ד) וּבִשְׁבִיל הַיִּרְאָה שֶׁנִּקְרְאוּ רֵאשִׁית (זוהר חדש י, ב), פֵּירוּשׁ שֶׁיִּשְׂרָאֵל יַעַבְדוּ אֶת ה' בְּיִרְאָה וְאַהֲבָה, שֶׁהֵם הָעִיקָּר וְשׁוֹרֶשׁ בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁיִּהְיֶה בְּיִרְאָה וְאַהֲבָה, וְהֵם נִקְרָאִים אָבוֹת לְגַבֵּי תּוֹרָה וּמִצְוֹת כַּיָּדוּעַ.

וְגַם שֶׁהָאָדָם הוּא בָּשָׂר וָדָם וּמוּכְרָח לַעֲסוֹק בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ בְּמַשָּׂא וּמַתָּן אוֹ מְלָאכָה בִּכְדֵי לְהַמְצִיא פַּרְנָסָתוֹ וְחַיֵּי גּוּפוֹ הַגַּשְׁמִי, צָרִיךְ גַּם כֵּן לְדַבֵּק מַחְשַׁבְתּוֹ בִּשְׁעַת עֲסָקָיו לְהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בְּיִרְאָה וְאַהֲבָה לַה', כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (משלי ג, ו) 'בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ'.

ב] וּבָזֶה מִצַּד הַיִּרְאָה יָסוּר מֵרָע שֶׁלֹּא לַעֲבוֹר עַל מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה, וּמִצַּד הָאַהֲבָה יְקַיֵּים מִצְוַת עֲשֵׂה בְּעָסְקוֹ בְּמַשָּׂא וּמַתָּן אוֹ מְלָאכָה, וְיִזָּהֵר שֶׁלֹּא יָמִיר בְּחִינַת אַהֲבָה וַחֲפֵיצָה וּתְשׁוּקָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ לַה' לְהַמְשִׁיךְ לְבָבוֹ לַעֲסָקָיו שֶׁבְּעִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִיִּים, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (ויקרא כז, י) 'לֹא יָמִיר בְּהֵמָה בִּבְהֵמָה', רָצָה לוֹמַר שֶׁלֹּא יָמִיר בְּחִינַת בְּהֵמַת הֶקְדֵּשׁ שֶׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהוּא אַהֲבָה וְיִרְאָה לַה', וְיַמְשִׁיךְ לְבָבוֹ לְאַהֲבָה וְיִרְאָה חִיצוֹנִית שֶׁהִיא בְּחִינַת בְּהֵמַת חוּלִּין, שֶׁהוּא בְּעִנְיְנֵי עוֹלָם הַזֶּה בַּעֲסָקָיו בְּגַשְׁמִיּוּת.

ג] אָמְנָם בְּדִיעֲבַד אִם הֵמִיר וְהֶחְלִיף, עַל זֶה נֶאֱמַר 'וְהָיָה הוּא וּתְמוּרָתוֹ יִהְיֶה קוֹדֶשׁ', רָצָה לוֹמַר שֶׁיַּהֲפֹךְ גַּם עֲסָקָיו לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה, כְּגוֹן לִיתֵּן מִמָּמוֹנוֹ שֶׁהִרְוִיחַ בַּעֲסָקָיו הָהֵם לִצְדָקָה וּגְמִילוּת חֲסָדִים, וְכֵן בְּכֹחַ הָאֲכִילָה הַהוּא שֶׁאָכַל בִּבְחִינַת תְּמוּרָה יִלְמוֹד וְיַעֲבוֹד ה' בְּכֹחַ הָאֲכִילָה הַהוּא, וּבָזֶה יַהֲפֹךְ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא, וְיוֹצִיא אֶת הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת מֵהָעֵסֶק הַהוּא, וְיַעֲלֶה אוֹתָם לְמַעְלָה לְשָׁרְשָׁם. וְזֶהוּ עִיקָּר נַיְיחָא שֶׁיֵּשׁ לְהַקָּבָּ"ה בָּעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי לְהוֹצִיא הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת מֵהַקְּלִיפּוֹת, וּלְהַפֵּךְ חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא, עַל יְדֵי אַהֲבָה וְיִרְאָה.

## חודֶשׁ 'אֱלוּל'

א] וּמְרוּמָּז בְּחוֹדֶשׁ 'אֱלוּל', אוֹתִיּוֹת 'לֹא' 'לוֹ', כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים ק, ג) 'וְלֹא אֲנַחְנוּ עַמּוֹ', לֹא בְּאַלֶ"ף (הכתיב) לוֹ בְּוָא"ו (הקרי), שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל תָּמִיד בִּבְחִינוֹת אֵלוּ, מִתְּחִלָּה 'לֹא' בְּאַלֶ"ף, הַיְינוּ שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם בְּחִינָה טוֹבָה, וְאַף עַל פִּי כֵן 'לוֹ' בְּוָא"ו, הַיְינוּ 'לוֹ אֲנַחְנוּ', רָצָה לוֹמַר אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לָנוּ שׁוּם בְּחִינָה טוֹבָה, מִכָּל מָקוֹם וְגוֹ' 'וְלוֹ אֲנַחְנוּ עַמּוֹ', שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ חֶסֶד וְרַחֲמִים.

ב] וּלְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְהַגִּיעַ אֶלָּא עַל יְדֵי מִיעוּט תַּעֲנוּגִים, וּמִיעוּט אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, וְשֶׁיִּהְיֶה אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה בִּבְחִינַת הִסְתַּפְּקוּת וּבִבְרָכָה כָּרָאוּי, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּתְטַמְטֵם הַלֵּב, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים ח, יב-יד) 'פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וְרָם לְבָבֶךָ' וְגוֹ', כִּי עַל יְדֵי אֲכִילָה מְרוּבָּה נִתְטַמְטֵם הַלֵּב.

ג] גַּם יֵשׁ עוֹד בְּחִינַת דַּעַת, לְחַבֵּר חֶסֶד וּגְבוּרָה בְּאוֹפֶן שֶׁיַּאֲמִין שֶׁבְּכָל בְּחִינוֹת יִסּוּרִים שֶׁבָּא עָלָיו מִבְּחִינַת גְּבוּרָה יֵשׁ בְּתוֹכוֹ בְּחִינַת חֶסֶד ה', כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים ד, לה) 'ה' הוּא הָאֱלֹהִים', רָצָה לוֹמַר שֶׁגַּם בְּחִינַת אֱלֹקִים, הַיְינוּ בְּחִינַת הַדִּין, הוּא בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הֲוָיָ"ה, בְּחִינַת חֶסֶד, כַּנִּזְכָּר בְּפָרָשִׁיּוֹת הַקּוֹדְמִין. וּמְסוּגָּל לָזֶה חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שֶׁבּוֹ יְמִינוֹ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים.

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען ווענכטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

צו צושטייער געבן פאר הוצאת הגליון רופט 9175865465 תזכו למצוות

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




## אמרות שמשון

### די תורה איז מתיר 'יפת תואר' נאר ביי 'מלחמת הרשות' • דער היתר איז נאר 'בשעת שביה' • ביי 'מלחמת מצוה' דארף מען יעדעם הרג'ענען

**וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר וְחָשַׁקְתָּ בָהּ וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה (כא, יא):** עס שטייט אין 'רש"י' (ד"ה כי תצא), **'במלחמת הרשות הכתוב מדבר, שבמלחמת ארץ ישראל אין לומר ושבית שביו שהרי כבר נאמר לא תחי' כל נשמה'**. דער פסוק פון יפת תואר רעדט זיך נאר פון א 'מלחמת הרשות', אבער א 'מלחמת מצוה' (ווען מען האט מלחמה מיט איינע פון די זיבן פעלקער וועלכע דער תורה האט באפוילן מלחמה צו האלטן מיט זיי), איז א חיוב צו הרג'ענען יעדער איינער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים כ, טז), **לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה**, דעריבער איז נישט ערלויבט צו נעמען א יפת תואר ביי א 'מלחמת מצוה'.

**שפעטער** ערקלערט 'רש"י' (ד"ה ולקחת), דער טעם פארוואס די תורה האט ערלויבט צו נעמען א יפת תואר, **'לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, שאם אין הקב"ה מתירה, ישאנה באיסור'**. דער תורה איז מתיר צו נעמען א יפת תואר נאר צוליב דער גרויסע יצר הרע. ווייל אויב וואלט די תורה נישט ערלויבט וואלט מען דאס געטון באיסור, דעריבער האט די תורה דאס מתיר געווען.

**שטעלן** זיך די מפרשים, אויב דאס גאנצע היתר איז נאר צוליב דעם יצר הרע, וואס אויב מען וואלט דאס נישט מתיר געווען וואלט מען דאס געטון באיסור. אויב אזוי פארוואס האט די תורה נאר מתיר געווען ביי א 'מלחמת רשות' און נישט ביי מלחמת מצוה? עס וואלט אויך געדארפט זיין מותר ביי א 'מלחמת מצוה' כדי מען זאל דאס נישט טון באיסור.

**עס** שטייט אין 'רמב"ם' (פ"ח מהלכות מלכים ה"ג), דער גאנצע היתר פון אשת יפת תואר, איז נאר מותר 'בשעת השביה' (ווען עס איז שוין געפאנגען), און 'שעת השביה' איז נאר נאכדעם וואס מען האט געענדיגט די מלחמה און מען האט אויסגע'הרג'ט די גאנצע פאלק. אזוי ווי עס איז משמע אין די סדר פון די פסוקים (דברים כ, יג - יד), **וְהִכִּיתָ אֶת כָּל זְכוּרָהּ לְפִי חָרֶב**, און נאר נאכדעם שטייט, **רַק הַנָּשִׁים וְהַטַּף וְהַבְּהֵמָה וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה בָעִיר כָּל שְׁלָלָהּ תָּבֹז לָךְ**.




**אויב** אזוי פארשטייט מען פארוואס דוקא ביי 'מלחמת הרשות' איז מותר צו נעמען א יפת תואר, וויבאלד דער חיוב איז נאר צו הרג'ענען די זכרים, דעריבער איז שייך עס זאל זיין 'שעת שביה' אויף נשים, נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך געענדיגט און מ'האט אויסגע'הרג'ט אלע זכרים, און נאר די נקיבות זענען איבערגעבליבן, דעמאלטס וועט א יפת תואר זיין מותר.

**אבער** ביי א 'מלחמת מצוה' וואס דער חיוב איז צו הרג'ענען אפילו פרויען, קומט אויס ווען די מלחמה איז פאריבער איז נאר שייך 'שעת שביה' אויף געלט אבער נישט אויף מענטשן, דעריבער קומט נישט אויס עס זאל זיין מותר צו נעמען א יפת תואר. (זרע שמשון פרשתינו אות א')

### כוונת הפסוק מיט די ווארט "לך"

**וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ (כג, ו):** יש לדקדק, וואס איז די כוונת הפסוק מיט די ווארט "לך", עס איז משמע פון דעם אז די קללה איז שוין געווען ביי כלל ישראל און דער אויבערשטער האט עס אויסגעדרייט לברכה, לכאורה האט דאך בלעם בכלל נישט געשאלטן כלל ישראל, אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין ויהפוך ה' אלוקיך את הקללה לברכה.

**ויש** לתרץ, מ'וואלט געקענט זאגן אז סוף סוף האט דאך בלעם געבענטשט כלל ישראל, און עס קומט זיך אים אז מ'זאל אים בענטשן, ווי עס שטייט אין

### • הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניניס | דניאל אודי בן רג'ינה מלכה להצלחה גדולה בלי גבול ומדה | הנדל בת יחזקאל אבא ליפשיץ ע"ה נלב"ע י' אלול תשל"ט ת.נ.צ.ב.ה. | רחמים בן בלהה נלב"ע ו' אלול תשמ"ב ת.נ.צ.ב.ה. | יצחק בן משה וולף מדלש ז"ל נלב"ע ה' אלול ת.נ.צ.ב.ה. | הרה"ח רבי קהת ב"ר אברהם יצחק ז"ל נלב"ע ח' אלול תשס"ה ת.נ.צ.ב.ה. |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

פסוק (בראשית כז, כט) **מברכיך ברוך**. וועגן דעם איז די תורה מדגיש אז נאר כלפי כלל ישראל איז נחשב זיינע ווערטער פאר א ברכה, אבער כלפי בלעם הייסט עס ווי ער האט געשאלטן כלל ישראל, וויבאלד מ'גייט נאך זיין מחשבה וואס ער האט באמת אינזינען געהאט צו שעלטן, נאר דער אויבערשטער האט אים צוריקגעהאלטן, און ביי אומות העולם איז הקב"ה מצרף מחשבה

'קול זרע שמשון העולמי'
אויף אידיש דריק 2
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון נייעס
יעדען טאג פרישע זאכען שמעו ותחי נפשכם

רעה למעשה (ירושלמי פ"ק דפאה, תוס' קידושין לט:), און דאס איז די תורה מדגיש מיט'ן ווארט "לך", אז דוקא כלפי כלל ישראל הייסט עס א ברכה, אבער ביי בלעם וואס האט דאך געמיינט שלעכטס איז עס נחשב לקללה, און עס קומט זיך אים נישט צו ווערן געבענטשט ווען דעם. (עיין זרע שמשון לעיל פרשת בלק אות י"ג) (זרע שמשון פרשתנו סוף אות ז')

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס האט פארציילט הרה"ג ר' שלמה ל. שליט"א**
**פון עיר התורה וחסידות בני ברק יצ"ו:**

## בנים חכמים ונבונים

**דער** אויבערשטער האט מיר ב"ה געשאנקן פינעף לעכטיגע מיידלעך, וואס איז זע פון זיי אסאך אידיש נחת, אבער ווי נאר די יארן האבן זיך גערוקט פאראויס האט מיר אנגעהויבן צו קוועטשן די פאקט אז איך בין נאכנישט געבענטשט געווארן מיט א בן זכר.

**איך** האב קיינמאל נישט פארגעסן צו דאנקן און לויבן דער אויבערשטער אויף אלעס וואס ער געבט מיר מאוצרו הגדול והטוב, און אויף די קינדער וואס ער האט מיר געגעבן מיט א מתנת חינם, אבער עס איז שטענדיג מיטגעגאנגען מיט א תפילה אז איך זאל אויך זוכה זיין מיט א בן זכר.

**יעדעס** מאל ביים אפענע ארון הקודש, זענען די ווערטער 'ותיהב לי בנין דכרין דעבדין רעותך', געזאגט געווארן מיט א באזונדערע כוונה און בקשה, בעטנדיג דער אויבערשטער אז איך זאל זוכה זיין צו א בן זכר וואס איך וועל קענען מקיים זיין די מצוה פון 'ושננתם לבניך', און אים מחנך זיין לתורה ולעבודה.

**דער** אויבערשטער האט מיר געגעבן די גרויסע זכיה, אז איך קען זיצן אין כולל צוויי סדרים א טאג, און מקיים זיין די ווערטער פון דוד המלך (תהילים כז, ד) שבתי בבית ה'... לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו... עפעס וואס איז א ספעציעלע זכיה און מתנה פונעם אויבערשטן.

**פארציילט** ר' שלמה: עס איז געווען אינמיטן א געוועגליכע טאג, איך בין אנגעקומען אין כולל צו נאכמיטאג סדר אזוי ווי מיין שטייגער מדי יום ביומו, נישט וואוסנדיג אז היינט וועט זיין די טאג וואס עס וועט קומען א תשובה צו מיין אזוי לאנג-ערווארטעטע בקשה.

**איך** זע אין כולל ווי צוויי אידן זיצן און לערנען בחברותא דער ספר זרע שמשון, זיי לערנען דאס בעיון רב, און זענען מדייק יעדעס ווארט וואס שטייט אינעם ספר.

**זיצנדיג** נעבן זיי האב איך זיך פאראינטערעסירט וועלכע ספר זיין לערנען, און פארוואס זיי לערנען דאס מיט אזא עיון און דיוק.

**די** צוויי האבן מיר פארציילט אז דאס איז א הייליגער ספר וואס איז פארפאסט געווארן דורך א גרויסער צדיק און גאון, דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, וואס האט געלעבט מיט דריי הונדערט יאר צוריק אין איטאליע, און דער ספר איז מסוגל פאר גרויסע ישועות, און זיי וויזן מיר די הקדמה פונעם ספר, ווי דער מחבר שרייבט די זעלטענע הבטחה, אז די וואס וועלן עס לערנען וועלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים חכמים ונבונים וכו'.

**ווען** איך האב דאס געהערט און געזען, האב איך תיקף געקלערט, אז דאס איז ממש געאייניגט פאר מיר, וואס איך ווארט שוין א לאנגע צייט צו געהאלפן ווערן מיט די ברכה פון 'בנים חכמים ונבונים', און דאס איז דאך מיין שטענדיגע בקשה און תפילה צו געהאלפן ווערן מיט א בן זכר.

**און** עס איז זיכער א השגחה פרטית אז פונקט איך זאל זען ווי זיי לערנען דער ספר, און דורכדעם זאל איך הערן פון דעם צדיק און זיין ספר, כדי אז איך זאל מיך אויך אונטערנעמען צו לערנען דער ספר זרע שמשון.

**איך** האב זיך מקבל געווען בלי נדר צו לערנען דער ספר זרע שמשון, איך האב אנגעהויבן זיך צו משתתף זיין ביי א וועכענטליכע 'שיעור זרע שמשון' וואס קומט פאר אין די געגנט, אזוי אויך האב איך דאס כסדר געלערנט אין פארשידענע געלעגנהייטן.

**טייערע** ברודער - זעצט פאר ר' שלמה - וואס זאל איך אייך זאגן? עס איז אריבער פונקטליך א יאר, און איך בין ב"ה געהאלפן געווארן מיט בן זכר בשעה טובה, און ווען איך האב אריינגעטראכט האב איך באמערקט, אז דאס ברית פונעם קינד, וועט זיין פונקטליך אינעם וואך וואס איך אנגעהויבן צו לערנען דער ספר זרע שמשון!

**דאס** איז געווען מיין פערזענליכע געשיכטע מיטן הייליגן זרע שמשון, און איך פארצייל מיין מעשה, כדי עס זאל דינען פאר נאך אידן אלס א אויפוואכונג זיך צו מצרף זיין און לערנען דעם הייליגן ספר, און דערביי וועט איר בס"ד אויך זוכה זיין צו געהאלפן ווערן מיט די ברכות וואס דער מחבר האט צוגעזאגט און געהאלפן ווערן בכל משאלות לבכם לטובה, זי"ע.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**
האיגוד העולמי להפצת תורת
זרע שמשון
מתוך הבטחת וברכת המחבר: ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם, חכמים ונבונים, ובהם מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם,
זרע שמשון ע"ר 580624120

די שווארצע בענדער

# תורת יואל

גליון מס' 50

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת כי תצא תשפ"ה

## תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ד' אלקיך בידך (כא, פסוק י')

**יתא בספרי** (תצא, פיסקא קנ"ו) שטייט אין ספרי: **אם עשית כל** **ר בענין, סוף ונתנו ד' אלוקך בידך.** אויב די וועסט אלעס טוהן שטייט אין די פרשה, סוף וועט דער אייבירשטער געבן דעם אין דיינע הענד.

**בריך ביאור** דארף מען פארשטיין - פרעגט דער רבי - די דיגע פרשה שמועסט אויס ענינים וואס זענען נוגע <u>נאכן</u> <u>ען די מלחמה</u>, אם כן, וואס מיינט דער ספרי מיט זיין פשט עם פסוק **אם עשית**: מ'האלט דאך שוין יעצט <u>נאכן געווינען די</u> <u>מה</u>, וואס קאן מען נאך איצט טוהן?

**ראה לבאר**, מיט א הקדמה פון הייליגען זיידן דער **יטב לב**, יטב לב פרעגט א קשיא, לכאורה איז מער פאסיג דער לשון, **נו ד'...בידך**, און די וועסט <u>איבערגעבן</u> דעם שונא אין אונזערע **<u>ונתנו</u>** איז א לשון פון מתנה.

נטפערט דער יטב לב, מיט א פשט פון זיידן דער הייליגער **ח משה**, וואס איז מפרש דעם מאמר חז"ל: **יגעתי ומצאתי** ן, וואס קוקט אויס ווי א שטיקל סתירה, **<u>יגעתי</u>** איז טייטש <u>לאגן</u> צו ערייכען דעם ציהל, **<u>מצאתי</u>** איז טייטש טרעפן א <u>ה</u> אן זוכן און פלאגן, איז מסביר דער ישמח משה, א מענטש לערנט תורה און פלאגט זיך באמת צו פארשטיין די הייליגע , און נישט אלעמאל געלונגט עם אנצוקומען צום ריכטיגען זאלסטו נישט מיינען אז די פלאג איז געגאנגען לריק, זיך סט געפלאגט, **ניין!** ווייל די האסט זיך געפלאגט אויף די וועט דער באשעפער דיר מזמין זיין דעם ריכטיגען פשט מציאה אזוי ווי א אומערווארטע מתנה, דאס איז דער פשט האסט דיך געפלאגט!!! **<u>ומצאת</u>** וועסטו טרעפן דעם ריכטיגן בדרך **מציאה ומתנה.**

מיט די בחינה טייטש אויס דער יטב לב דעם פסוק, **כי תצא למלחמה על אויבך**, ווען א יוד איז עוסק במלחמת היצר, אפי' ער פיהלט נישט אז ער געווינט דעם יצר הרע, גיט די תורה א הבטחה, **ונתנו ד' אלוקך בידך**, דער אייבירשטער וועט דיר העלפן בייקומען דעם יצר הרע בדרך מתנה, בסייעתא דשמיא. (אגב, די בחינה פון ישמח משה, איז וויכטיג זיך איינצוחזר'ן ווייל דער רבי נוצט די בחינה אין זייער אסאך תורות).

**והנה**, ברענגט דער רבי ארויס א נקודה למחשבה, שוין דורך אזויפיל יאר, און אלע צדיקים פון די פריעדיגע דורות האבן מתפלל געווען פאר ביאת המשיח, און ליידער לא עלתה בידם, עס איז נאכנישט אנגעקומען די גאולה, אויב אזוי ווי איז מעגליך אז און אונזער דור השפל זאל קומען משיח? עפעס וואס פריעדיגע דורות האבן נישט זוכה געווען, פיהרט אויס דער רבי, אז א דאנק די תפילות פון צדיקים הקודמים, די מסירות נפש פון די צדיקים פון אלע דורות ביז היינט, מיט דעם כח וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

מיט די הקדמה פארענטפערט דער רבי די קשיות, דער פסוק **כי תצא למלחמה על אויביך "ונתנו"** גייט ארויף אויף מלחמת היצר, אפי' די ביסט לוחם יעצט און די זעסט נישט קיין הצלחה, וועט השי"ת באצאלן שכר שפעטער בדרך מתנה, אויף דעם לייגט צו דער ספרי, **אם עשית כל האמור בענין**, אז די וועסט מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, **סוף ונתנו ד' אלוקך בידך**, <u>סוף</u> מיינט בעיקבתא דמשיחא וואס ווערט אונגערופן **סוף וקץ**, דעמאלס וועסטו באקומען דיין שכר פאר דיין יעצטיגע מלחמה, והבן.

צום סיום האט דער רבי דערמאנט דעם זיידן דעם **יטב לב זי"ע**, וואס היינט איז זיין יארצייט, זיין עבודה פאר די גאולה איז געווען זייער גרויס, אן אפשפיגלונג פון זיידן דער הייליגער ישמח משה, און דער רבי האט פארענדיגט, ונזכה עס זאל שוין מקיום ווערן **ונתנו ד' אלקיך בידך בהתגלות כבוד שמים בב"א.**

(ו' אלול תשכ"ז)

# א בינטל זכרונות

## הרה"ח חיים צבי גאלד הי"ו (המשך)

אש השנה פלעגט זיין דער טיש אין פאליש, ווייל אין היכל
מ"ד איז געווען אויסגעלייגט בענק פארן ציבור פאר די תפילות,
וי ס'איז געווען א קלענערער טיש האט מען אריינגעברענגט
ענערע טאץ פירות ווי געווענליך, אן עולם איז יא געווען א
ערעה, אבער דאס פלאץ איז געווען פיהל קלענער, דער רבי
ט געווענליך טיילן גאנצע פירות, און איך זעה ווי דער רבי
 א מעסער און הייבט אן שניידן רעפטלעך פון די עפל, און
ט אזוי שריים, כדי ער זאל קענען טיילן פארן גאנצען עולם.

יך האב געהאט זייער א גוט פלאץ ממש קעגן איבער דער
 אזוי ווי איך בין געווען גאנץ פארנט, האט זיך דער עולם אזוי
געשטופט אויף מיר, אז איך בין געווארן אראפגעדרוקט ביז
ט אונטערן טיש, אז נאר די האנט האט זיך ארויסגעשטעקט,
רבי האט דאס באמערקט, דער רבי, במקום גדולתו ורחמנותו,
זיין גוט הארץ, האט זיך אויפגעהויבן אין מיר געגעבן שריים
 אין די האנד.

 מעשה געהערט פון ר' מענדל גרינבערג הי"ו, ער איז מיטגעפארן
רביה"ק קיין קליוולאנד, און דער רבי איז מכובד געווארן מיט א
ר אין די טעלזע ישיבה, דעם רבין'ס גבאי ר' יוסף אשכנזי ז"ל,
פרובירט צו שטערן ווייל ער האט מורא געהאט אז דער רבי
ישט צוגעגרייט צו זאגן א לומדישע שיעור, ווי עס פאסט פאר
ע בני תורה, דער רבי האט עס יא אנגענומען און געזאגט א
ר פון קרוב צו צוויי שעה, וואס האט באצויבערט די צוהערער.

אכן שיעור האט דער טעלזער ראש ישיבה פארגעשטעלט א
 <u>וואס האט געהייסן דער עילוי פון די ישיבה</u>, און ער בעט,
רבי זאל אים פארהערן, דער רבי האט אים פארהערט, און דער
אגט: **ער קען פיין**, דער בחור פרעגט רשות צו פרעגן א שאלה,
ערט דער רבי במידותיו הטהורות, "ניין, שאלות פרעג דעם רב,
ס איז דא א מרא דאתרא, א רב, ענטפער איך נישט."

### הערת הקוראים

מיטוואך פרשת ראה תשל"ט, האט דער רבי גוזעגענט (דאס לעצטע מאל) אפיציעל, דאס הייסט פארן ברייטן ציבור, געוויסע יחידים האבן נאך אריינגעכאפט דאנערשטיג און פרייטיג, איך בין געקומען פון קעמפ מיט א קאר אינאיינעם מיט ר' יצחק (איטשע) גוטמאן ז"ל, ס'איז געווען א לאנגע שורה, איך בין געווען כמעט ביים סוף שורה, ר' יצחק האט מען אריינגעלאזט אנהייב, אלס אן עלטערער ת"ח, איך האב געבעטן, אז מ'זאל מיך אויך לאזן אריין פריער, ווייל איך מוז אהיימפארן מיט די זעלבע קאר, וכך הוה.

איך האב געהאט מיט מיר א חאלאקע אינגעלע, ווען דער רבי האט געבענטשט ארויפלייגענדיג זיין הייליג האנד, כ'האב גענומען די מוט אין געבעטן דער רבי'ן ער זאל אויך בענטשן מיין גרעסער אינגל, (געווענליך האט דער רבי נישט געבענטשט, ווען ס'האט געווארט א ציבור) און דער רבי האט באוויליגט, אזוי האבן נאך מיינע קינדער אריינגעכאפט ברכת צדיק, עטליכע טעג פאר די פטירה לחיי העולם הבא.

שפעטער האב איך געהערט אז דער רבי איז שוואך געווארן, און מ'האט אפגעשטעלט דאס גוזעגענען.

הרה"ח ר' ברוך מרדכי ליכטענשטיין שליט"א

בנוגע די מעשה וואס איז געשטאנען פאריגע וואך, אז דער רבי האט נישט געוואלט געבן א עלי' פאר איינעם וואס איז נישט קיין שומר שבת, געדענק איך א מעשה, פון די בראשית יארן, ווען ר' ליפא פריעדמאן ז"ל האט געברענגט צום רבי'ן צוויי עשירים פון די פרעמד, זייער שמירת שבת איז געווען שוואך, אבער האבן צוגעזאגט א גרויסן סכום פאר די מוסדות.

ווען זיי זענען אריין צום רבי'ן, דער רבי גיט א קוק, און דרימלט גלייך איין, נאך א 15-10 מינוט דער רבי הייבט אויף דעם קאפ, גיט א בליק אויף זיי, און דער רבי בייגט אראפ דעם קאפ און דרימלט, אזוי עטליכע מאל פאר כמעט א דרייפערטל שעה, פארשטייט זיך אז פון די נדבה איז גארנישט געווארן.

ר' ליפא האט שפעטער געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס דער רבי האט זיי נישט געגעבן א ברכה, האט דער רבי געענטפערט, וואס זאל איך טוהן, איך האב זיי נישט געקענט קוקן אין פנים.

הרה"ח ר' מרדכי לייב גליק הי"ו

## מנהגים: מ'שיעורי הרה"ג ר' שלמה יואל מאשקאוויטש שליט"א - בעמח"ס הלכה ומנהג

### ידיעות קאלום

מנהג | טעמו | ומקורו

### לבישת טלית בליל שבת - אנטוהן א
### טלית גדול פרייטיג צונאכטס (ג)

אין סיפורי **עובדא דשמואל** פון דעם נאנאשער
רב זצ"ל, (וואס איז געווען א משב"ק בבית רביה"ק
שטייט די מעשה אביסל אויף א אנדערע אופן,

נאך די פטירה פון דעם קדושת יו"ט זצ"ל, האט רביה"ק נישט געוואלט אנטוהן א טלית פרייטיג צונאכטס, נאר געדאווענט מיט די רעזשוואלקע, אפי' ער האט שוין געפיהרט רבי'סטיווע, אבער א טלית האט ער בשום אופן נישט געוואלט אנטוהן, וטעמו, וויבאלד דער טאטע האט נישט געהייסן, וויל ער נישט אליינס אנטוהן א טלית ליל שבת.

דער נאסויד'ער רב זצ"ל האט מפציר געווען רביה"ק, און רבינו פלעגט אלץ ענטפערן מיט א דגל מחנה אפרים, וואס שטייט אז לעתיד לבוא וועט השי"ת ארויסציעהן פון צווישן אלע צדיקים, די וואס זענען נישט באמת ראוי געווען צו גיין מיט א טלית ליל שבת, און ער פלעגט צוענדיגן ברוב ענותנותו: <u>נאסויד'ער רב פארוואס זאל איך אנטוהן אז מ'וועט במילא מוזן אויסטוהן</u>, אזוי איז אדורך אסאך יארן וואס רביה"ק האט אנגעטוהן א טלית נאר צו מנחה.

ביי די נסיעה קיין ארץ ישראל תרצ"ב, האט דער רבי געדאווענט א שבת אין צפת, ווי זיין זיידע דער טאלטשעווער רב זצ"ל האט געוואוינט, און דער רבי האט געזעהן ווי אלע קארלינע חסידים זענען זיך מתעטף בטלית צו מנחה וקבלת שבת, האט זיך די רבי אנגערופן, איך בין דאך א צפת'ער אייניקל, און אויך אנגעטוהן א טלית, און זינט דאן אנגעהאלטן דעם מנהג אויך אינדעהיים אין אייראפע.

דער מנהג ביי רביה"ק איז געווען, צו בלייבן מיטן טלית ביז נאך קידוש, אבער ביי קידוש האט ער יא אנגעהאט דעם שטריימל, און דער טלית אויף די פלייצע.

# גליון קוראי עונג

פרשת כי תצא

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וגו' וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.** (כא, י)

'כי תצא למלחמה על איביך', ווען א איד גייט ארויס מלחמה האלטן מיט זיין פיינט, דער יצר הרע, 'ושבית', זאל ער פאנגען דעם יצה"ר, 'שביו', מיט'ן זעלבע וועג ווי ער האט עם געפאנגען.

ווייל דער יצה"ר וועט קיינמאל נישט זאגן פאר א מענטש צו טוהן א גרויסע עבירה אויף איין מאל, נאר 'היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך', היינט זאגט ער עם צו טוהן א קליינע עבירה, און מארגן זאגט ער עם צו טוהן א גרעסערע עבירה, וויבאלד ער ווייסט אז אויב ער וועט עם הייסן צו טוהן א גרויסע עבירה אויף איין מאל, וועט ער עם זיכער נישט פאלגן.

דער זעלבע וועג זאל דער מענטש נוצן ווען ער גייט אין מלחמה מיט'ן יצה"ר, ער זאל ארויפגיין העכער צוביסלעך פון מדריגה צו מדריגה, ווי חז"ל זאגן (ר"ה ד:) 'תפשת מרובה לא תפשת, תפשת מועט תפשת'.

(דער הייליגער 'חתם סופר' זי"ע)

**וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה.** (כא, יא)

לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע. (רש"י)

פארוואס שרייבט רש"י '<u>לא</u> דברה תורה <u>אלא</u> כנגד יצר הרע', זאל שטיין בקיצור 'דברה תורה כנגד יצר הרע'?

נאר די גמרא דערציילט (מנחות מד.) אז א איד האט אמאל געוואלט עובר זיין אויף א גרויסע עבירה, און פלוצלינג ווען ער האט דערזעהן זיינע ציצית פאר זיינע אויגן האט ער זיך געגעבן א כאפ אויף צוריק און איז דורך דעם געראטעוועט געווארן פון צו טוהן די עבירה. אזוי ווי עס שטייט ביי ציצית, 'וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'', אז דורכ'ן זעהן די ציצית דערמאנט מען זיך די מצות פון דער אייבערשטער, און די מצוה פון ציצית ראטעוועט דעם מענטש פונעם יצר הרע.

דער קלייד פון ציצית דארף לכתחילה האבן 32 פעדימער, אכט אויף יעדע פון די פיר עקן. אויב עס פעלט איין פאדים, עס האט נאר 31 פעדימער איז דאס כשר נאר בדיעבד.

כדי מען זאל האבן כח צו מלחמה האלטן אקעגן דעם יצה"ר, דארף מען מקיים זיין די מצוה פון ציצית בשלימות, ווי עס פעלט זיך אויס לכתחילה. אויב איז מען נישט מקיים די מצוה פון ציצית ווי עס דארף צו זיין לכתחילה, מיט 32 פעדימער, דאן ראטעוועט נישט די מצוה פון ציצית פון דעם יצה"ר.

דאס איז מרומז אין די ווערטער פון רש"י, 'לא', ווען מען גייט מיט ציצית וואס האט נאר 31 פעדימער ('לא' באטרעפט 31), 'דברה תורה', איז מען טאקע נאר מקיים די מצוה פון די תורה, ווייל עס איז כשר בדיעבד, אבער 'אלא', אויב ער איז מקיים די מצוה פון ציצית מיט אלע 32 פעדימער ('אלא' באטרעפט 32), 'כנגד יצר הרע', דאן קען ער האבן א כח צו מלחמה האלטן מיט דעם יצה"ר.

(דער הייליגער 'שר שלום' פון בעלזא זי"ע)

**וּבָכְתָה אֶת אָבִיהָ וְאֶת אִמָּהּ יֶרַח יָמִים.** (כא, יג)

פארוואס נוצט דער פסוק די לשון 'ירח', נישט 'חודש'? ווייל דער דין איז, אז אין א 'כתובה' שרייבט מען 'יום <u>לחודש</u>', אבער אין א 'גט' שרייבט מען 'יום <u>לירח</u>'. ווייל ביי 'קידושין' שטייט אין די תורה (דברים כד, ה) 'כי יקח איש אשה <u>חדשה</u>', און 'חדשה' איז א לשון פון חודש, אבער ביי די לשון פון 'גירושין' שטייט (דברים לג, יד) 'גרש <u>ירחים</u>', דערפאר נוצט מען אין א 'גט' דאס לשון 'ירח'.

דא ביי א 'יפת תואר' זאגט רש"י, 'סופה לשנאותה', די תורה זאגט שוין אין אנהייב אז אין די ענדע וועט ער איר פיינט האבן, און ער וועט איר אוועק שיקן.

דעריבער שטייט שוין יעצט אין פסוק, ווען ער נעמט איר, דאס לשון ווי עס שטייט ביי 'גירושין', '<u>ירח</u> ימים'.

(ספר 'מנחה בלולה')

**לָתֶת לוֹ פִּי שְׁנַיִם.** (כא, יז)

די אותיות פונעםווארט 'בכור' זענען מרמז אז א בכור דארף באקומען 'כפל' - א דאפלטע טייל אין די ירושה. ווייל די אותיות ב' כ' ר' זענען דאפלט פון זייער פריער'דיגע אותיות, דער ב' (2) איז דאפלט פון א' (1), דער כ' (20) איז דאפלט פון י' (10), און דער ר' (200) איז דאפלט פון ק' (100), און דער אות ו' ווערט געזאגט און געשריבן מיט צוויי ווי"ן. קומט אויס אז דאס ווארט 'בכור' אליין איז מרמז אז דער בכור דארף באקומען א דאפלטע טייל אין די ירושה.

(דער הייליגער רבינו יעקב 'בעל הטורים' זי"ע)

**בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה אֵינֶנּוּ שֹׁמֵעַ בְּקוֹל אָבִיו.** (כא, יח)

'כי יהיה לאיש בן סורר ומורה', א איד וואס האט א זוהן וועלכע פאלגט עם נישט, ער פארלאנגט פונעם זוהן צו דאווענען הויך און דער זוהן וויל נישט דאווענען, דאס איז צוליב 'איננו שומע בקול אביו', ער הערט נישט זיין טאטע דאווענען הויך, דערפאר פאלגט ער עם נישט.

(ספר 'דרכי תשובה')

**וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ.** (כא, כא)

די גמרא זאגט (ב"מ קז:) 'קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים', איידער מען וויל יענעם זאגן מוסר, זאל מען צום ערשט זיך אליין מתקן זיין די מדות.

דאס איז פשט אין פסוק, 'ובערת הרע מקרבך', צום ערשט זאל מען ארויסנעמען דאס שלעכט'ס פון זיך אליין, דערנאך 'וכל ישראל ישמעו ויראו', ווען ער וועט זאגן מוסר פאר אנדערע, וועלן זיי שוין ממילא אויסהערן זיינע רייד.

(ספר 'פרח לבנון')

**וְכִי יִהְיֶה בְאִישׁ חֵטְא מִשְׁפַּט מָוֶת וְהוּמָת וְתָלִיתָ אֹתוֹ עַל עֵץ.** (כא, כב)

ווען א צדיק גייט אוועק פון די וועלט און קיינער ווייסט נישט פארוואס דאס קומט, זאל מען דאס נישט תולה זיין אז עס איז ח"ו צוליב זיינע זינד, נאר צוליב די גזירה פון מיתה וואס נעמט זיך פון דער חטא עץ הדעת.

דאס זאגט דא דער פסוק, 'וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת', ווען אַן ערליכער איד וועט ר"ל שטארבן, 'ותלית אותו על עץ', זאלסט דו דאס תולה זיין אז דאס קומט נאר צוליב דער זינד פון דעם עץ הדעת.

(דער הייליגער 'אר"י' רבינו יצחק לוריא זי"ע)

**כִּי יִקָּרֵא קַן צִפּוֹר לְפָנֶיךָ בַּדֶּרֶךְ.** (כב, ו)

רש"י זאגט אז מצות 'שילוח הקן' איז א גרינגע מצוה וועלכע קאסט נישט קיין געלט, דאך איז די שכר גרויס.

פארוואס נאר שילוח הקן הייסט א 'מצוה קלה', עס זענען דאך דא נאך מצות וואס קאסט נישט קיין געלט?

נאר די מצוה פון 'שילוח הקן' איז א מצוה וועלכע מען קען נישט מאכן קיין הכנה פאר'ן מקיים זיין די מצוה, וויבאלד עס שטייט 'כי יקרא', זאגט דערויף די גמרא (ב"מ קב.) 'פרט למזומן', צו אויסשליסן אויב עס איז שוין געווען אנגעגרייט פון פריער, מיט אַן הכנה פאר די מצוה, וואס דאן איז עס נישט קיין מצוה.

דעריבער ווערט מצות 'שילוח הקן' אנגערופן א 'מצוה קלה', ווייל עס קומט נישט מיט אַן הכנה פון פריער.

(דער הייליגער 'אמרי אמת' פון גור זי"ע)



כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**כי תצא. במלחמת הרשות הכתוב מדבר.** (רש"י)

אין די שטאט טשערנאביל איז אמאל געקומען א בעל-דרשן, וועלכע האט מיט זיינע פערל ווערטער באנומען אלע צוהערער, אלע געדאנקען האט ער אויסטערליש-גוט ארייגעפאסט אין די פסוקים פון פרשה, אז יעדער איז פארגאפט געווארן.

ווען דער הייליגער 'מאור עינים' זי"ע האט געהערט אז דער בעל-דרשן האט אזוי גוט ארייגעפאסט זיינע ווערטער אין פסוק, אז עס האט ממש אויסגעזען ווי דער פסוק אליין זאגט די ווערטער זיינע, האט דער 'מאור עינים' באלד פארשטאנען אז דער בעל-דרשן איז נישט קיין גרויסע בעל מדריגה, און ער לייגט בכלל נישט קיין געוויכט אויף דער ערנסקייט פון די דרשה, אז עס זאל אויפטון און משפיע זיין אויף אידישע קינדער, נאר ער לייגט דעם געוויכט אויף דער שיינקייט פון די דרשה, אז עס זאל זיך גוט ארייפאסן אין פסוק.

האט דער 'מאור עינים' זיך אנגערופן: "עס זענען דא צוויי וועגן ווי אזוי צו לערנען תורה, מען קען לערנען 'תורה לשמה', דאס ווערט אנגערופן א 'מלחמת מצוה', ווייל דאס איז דער וועג ווי די תורה וויל אז מען זאל אזוי לערנען, דאן איז דא דער לימוד 'שלא לשמה', וואס כאטש עס איז נישט אסור אזוי צו לערנען, ווייבאלד מען קומט צו דורך דעם צו לערנען 'לשמה', אבער דאך קען עס נישט ווערן אנגערופן 'מלחמת מצוה', נאר עס הייסט 'מלחמת הרשות'.

דאס זאגט דער הייליגער רש"י, 'במלחמת הרשות', ווען א איד לערנט 'תורה שלא לשמה', דאן 'הכתוב מדבר', קוקט דאס אויס ממש ווי דער פסוק אליין זאגט דאס!"...

❋ ❋ ❋

**לא תראה וגו' והתעלמת מהם השב תשיבם.**

אינעם טשערנאביל'ער קלויז פון שטאט בארדיטשוב איז אמאל נאכ'ן דאווענען שחרית אריינגעקומען א איד און געפרעגט צו זיי זענען חסידים פון דער הייליגער רבי אהרן פון טשערנאביל זי"ע, ווען זיי האבן עם גע'ענטפערט אז יא, האט ער זיי געהייסן אז זיי זאלן צוגרייטן א שיינע סעודה און ער וועט עס באצאלן. אינמיטן די סעודה האט ער אנגעהויבן צו דערציילן פאר די פארזאמעלטע ווי פאלגענד:

איך בין געווען אַן ארימאן און אמאל בין איך אריבער דעם שטאט בארדיטשוב ווען עס איז געווען א יריד, האב איך באמערקט ווי עפעס א איד א סוחר באצאלט פאר די סחורה וועלכע ער האט איינגעקויפט און האט דערנאך איבערגעלאזט זיין רענצל וועלכע איז געווען אנגעפילט מיט געלט, בין איך צוגעגאנגען עס אויפצוהייבן און מיין יצר הרע האט מיר אנגעהויבן איינרעדן אז איך זאל דאס עם נישט צוריק געבן, ביז ווען איך האב מחליט געווען זיך צו שטארקן אויפ'ן יצר הרע האב איך עס שוין מער נישט געזען פאר מיינע אויגן, איך האב עם אפילו געזוכט אויף די וועגן ארויס פון שטאט אבער אומזיסט, ער איז שוין אהיים געפארן, פון די אלע געלט בין איך זייער רייך געווארן ביז היינט.

דער סוחר האט באמת געהאט געבארגט די אלע געלט וועלכע איז געווען אינעם רענצל אז ער זאל האבן מיט וואס צו איינקויפן די סחורה ביים יריד, דערפאר ווען דער סוחר איז אהיימגעקומען מיט די סחורה זענען אלע מענטשן וועלכע האבן עם געבארגט די געלט געקומען אפנעמען זייער געלט, דער סוחר האט אבער גע'טענה'עט אז ער האט פארלוירן זיין רענצל אינמיטן די וועג און ער קען זיי נישט אפגעבן, זיי האבן עם גענומען צו א דין תורה וואו מען האט גע'פסק'נט אז ער איז מחוייב זיי אפצוגעבן די גאנצע געלט, פון גרויס צער און ווייטאג איז ער קראנק געווארן און איז נעבאך נפטר געווארן איבערלאזנדיג אַן אלמנה מיט קליינע יתומים'לעך, נישט האבנדיג ווער עס זאל זיי יעצט שפייזן.

ביז עטליכע טעג - דערציילט דער איד ווייטער - האט דער נפטר זיך באוויזן צו מיר אין חלום זאגנ'דיג אז ער רופט מיר צו א דין תורה ווייל איך האט עם גע'הרג'עט, ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי האב איך געטראכט אז עס איז נאר א חלום, אבער ווען עס האט זיך איבער גע'חזר'ט עטליכע נעכט האב איך שוין דאן געוואוסט אז איך מוז זיך וויסנדיג מאכן פון עם, בין איך געפארן צום הייליגער רבי אהרן פון קארלין זי"ע, האט ער מיר געשיקט צו אייער רבי'ן, רבי אהרן פון טשערנאביל, ער האט מיר געזאגט אז קומענדיגע מאל ער קומט צו מיר אין חלום זאל איך עם ענטפערן אז איך בין מסכים צו גיין צו א דין תורה, אבער עס מוז זיין ביי רבי אהרן טשערנאביל'ער.

אזוי איז טאקע געווען איך האב עם דאס געזאגט און ער האט מסכים געווען, בין איך צוריק געפארן קיין טשערנאביל און רבי אהרן האט מיר אריינגערופן אין זיין צימער, און האט הויך אויסגערופן צו די נשמה: "זאג דיינע טענות". פארשטייט זיך אז איך האב גארנישט געהערט, אבער דער רבי האט מיר דערנאך איבערגעזאגט אז דער נפטר טענה'עט, אז ווייל איך האב צוגענומען זיין רענצל געלט איז ער דערפון נפטר געווארן, עס באדערט עם אבער מער אז צוליב מיר האט זיין משפחה נישט וואס צו עסן און וואס צו אנטוהן, און ער פארלאנגט אז איך זאל זיי געבן מיין גאנצע פארמעגן און אויך באצאלן אלע זיינע חובות.

האב איך צוריק גע'טענה'עט אז איך האב עם באמת יא געוואלט צוריק געבן דעם רענצל נאר ער איז פארשוואונדן געווארן פון מיינע אויגן. צום סוף האט דער רבי ארויס געגעבן זיין פסק דין אז איך דארף יעצט צוטיילן מיין גאנצע פארמעגן אויף האלב, איין טייל דארף איך אוועקגעבן פאר די אלמנה פונעם נפטר, און די צווייטע חלק קען איך האלטן אבער איך דארף נאך דערפון באצאלן אלע חובות פונעם נפטר.

פארשטייט זיך אז איך האב מסכים געווען צום פסק דין, און דער רבי האט מיר געזאגט אז דער נפטר איז אויך מסכים דערויף.

יעצט - פירט אויס דער איד - בין איך אויפ'ן וועג אהיים פון אייער רבי'ן מקיים צו זיין דעם פסק, און דערפאר מאך איך יעצט די סעודה אלס א סעודת הודאה, צו לויבן דעם אייבערשטער אז דער נפטר האט צוגעשטימט צום פסק, און ער וועט שוין מער נישט קומען צו מיר אין חלום.

❋ ❋ ❋

**לא תוכל להתעלם.**

דער הייליגער גאון רבי עקיבא אייגר זי"ע איז אמאל געווען אויף א באזוך אין א שטאט אין פולין, און אין יענעם שטאט האט ער געהאט א קרוב. מענטשן האבן פון דעם קרוב נישט געהאלטן ווייל ער איז געווען זייער א פשוט'ע, אבער דער גאון האט דוקא ביי עם געוואלט איינשטיין, זייענ'דיג זיינער א קרוב.

ווען מען האט צו עם גע'טענה'ט אז עס איז נישט פאר'ן כבוד פון גאון איינצושטיין ביי אזא פשוט'ן מענטש, האט דער גאון זיך אנגערופן:

"צוויי מאל געפונען מיר אין די תורה דער ענין פון 'העלמה'-זיך פארהוילן, זיך מאכן נישט וויסנ'דיג, דאס ערשטע מאל איז ביי 'השבת אבידה', דארט שטייט 'לא תוכל להתעלם', דאס צווייטע מאל איז ביי א 'קרוב', דארט שטייט 'ומבשרך לא תתעלם' (ישעי' נח, ז), מען טאר זיך נישט פארהוילן פון א קרוב.

ביי השבת אבידה - האט דער גאון אויסגעפירט - זאגן חז"ל (ב"מ ל.) 'פעמים שאתה מתעלם', עס איז פאראנען אמאל וואס מען מעג זיך יא פארהוילן, ביי א 'זקן ואינו לפי כבודו', א תלמיד חכם וואס עס פאסט נישט פאר עם זיך ארומטראגן מיט יענעמ'ס אבידה, אבער ביים פסוק 'ומבשרך לא תתעלם', געפונען מיר נישט קיין שום היתר זיך צו פארהוילן פון א קרוב, אפילו ווען עס איז 'אינו לפי כבודו'!"...

❋ ❋ ❋

**ארבעים יכנו.**

דער הייליגער 'גאון' פון אוסטרובצא זי"ע האט אמאל געפרעגט פונעם 'גאון' רבי חיים עוזר גרודזינסקי פון ווילנא זצ"ל: "די גמרא זאגט (מכות כב:) ווי נאריש זענען די וועלכע שטעלן זיך אויף פאר'ן ספר תורה אבער זיי שטעלן זיך נישט אויף פאר א 'גברא רבה', ווייל די תורה זאגט 'ארבעים יכנו', און די חכמים האבן פארמינערט די צאל מלקות צו בלויז 39, אראפנעמענ'דיג איינס פון די 40 וואס שטייט אין פסוק, און די נער'נים שטעלן זיך נישט אויף פאר זיי.

פארוואס ברענגט נישט די גמרא דעם פסוק וואס שטייט פריער (ויקרא כג, טז) 'תספרו חמשים יום', וואס דארט האבן חז"ל אויך פארמינערט פונעם צאל, אז מען זאל ציילן נאר 39 טעג אנשטאט 50 טעג?"

"א שטארקע קושיא" - שטימט רבי חיים עוזר צו - "און וואס איז טאקע דער תירוץ?"

רופט זיך אָן דער אוסטרובצא גאון - "אויף ארויסצולערנען אז מען דארף 'ציילן' 39 טעג אנשטאט 50 טעג, דאס איז נאך נישט אזא גרויסע אויפטוה פון חז"ל, אבער אראפצונעמען איין שמייס פון א איד און דערמיט עם פארמינערן זיין ווייטאג, דאס הייסט שוין א 'גברא רבה'!"...

❋ ❋ ❋

# א מתנה פון הימל

**בי תצא למלחמה על אויבך ונתנו ה' אלוקיך בידיך** (כ"א י').

לכאורה איז שווער פארוואס שטייט "ונתנו", וואס איז א לשון פון א מתנה, ס'וואלט געדארפט צו שטיין "וימסרנו" אז השי"ת וועט איבערגעבן די ים אין אונזערע הענט ביי די מלחמה?

נאר קען זיין לויט ווי אזוי ווי דער הייליגער ישמח משה האט מפרש געווען דאס וואס די גמרא זאגט (מגילה ו:) יגעתי מצאתי תאמין, וואס ס'זעהט ווי א סתירה ווייל א מציאה קומט אן טראכטן און אן זיך פלאגן, און דא שטייט א לשון פון יגיעה אויף א מציאה, נאר די ענין איז אז אויב א מענטש גט זיך אויף תורה מיט א שטארקע עיון אפילו בשעת מעשה זעהט ער נישט קיין פירות אין זיינע מעשים, וועט ער אבער נאכדעם זוכה זיין צו שטיין און משיג זיין די תורה הקדושה פון זיך אליינס, וואס דאס קומט באופן פון א מציאה און האט נישט קיין שייכות מיט זיין פלאג פון פארדעם, ראס איז א ספעציעלע מתנה פון השי"ת צו אונז אידישע קינדער.

די זעלבע זאך איז אויך ביי די מלחמה מיט די יצר הרע, אז אסאך מאל קען א איד זיך שלאגן מיט די יצר הרע און שפירן אז ער האט גארנישט געטוהן און ער האלט דארט ווי ער האט געהאלטן נעכטן, זאל ער אבער וויסן אז השי"ת וועט אים נישט לאזן פארפאלן גיין און אדאנק זיין יגיעה צט וועט אים נאך השי"ת שענקן ער זאל קענען איינגאנצן בייקומען דעם יצר הרע, דאס זאגט די פסוק '**כי תצא למלחמה על אויבך**' וואס דאס גייט אויף אונזער גרעסטער פיינט דער שטן, איז אפילו ער וועט נישט מצליח זיין בשעת מעשה איז די פסוק מבטיח אז '**ונתנו ה' אלוקיך בידיך**' ער וועט באקומען א מתנה פון הקב"ה אליינס און קענען זיגן די מלחמה, ווייל השי"ת פארלאזט נישט קיינעם.

(ייטב לב)

# נישטא אזא זאך "ס'איז געשעהן..."

**בי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה וגו'** (כ"ג י"א).

די פסוק וויל דא מרמז זיין ווי שטארק מיר דארפן גלייבן אז אלעס וואס פאסירט איז אנגעשריבן פון אויבן און אלעס איז מיט א חשבון, גארנישט עהט נישט פון זיך אליינס.

קומט די פסוק און זאגט '**כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור**' אויב וועט קומען א מענטש וואס לעבט נישט מיט אמונה אינעם רבוש"ע, און ער וועט אז '**מקרה לילה**' דאס הייבט אז די גלות וואס איז נמשל צו לילה איז סך הכל א מקרה דאס הייסט אז ס'איז נישט אויסגערעכנט יעדע טריט און שריט, גייט לילה ארויף אויף דעם עולם הזה וואו מיר געפונען זיך, און ער וועט טראכטן אז אלעס וואס פאסירט איז ח"ו נישט מיט קיין השגחה פרטית, ען ס'וועט קומען אז '**ויצא אל מחוץ למחנה**' ער וועט נסתלק ווערן פון די וועלט, '**לא יבא אל תוך המחנה**' וועט ער חלילה נישט קענען אויפשטיין חיית המתים, וויבאלד ער האט געלייקנט אין די השגחה עליונה און ער האט געהאלטן אז אלעס פירט זיך לויט די טבע און תחיית המתים איז דאך העכער און שטימט איינגאנצן נישט מיט די טבע.

ע"כ דארפן מיר שטענדיג געדענקן און חזר'ן און זיך איינקריצן אין די ביינער, אז יעדע קלייניקייט וואס גייט נאר דורך אויף א מענטש ווערט געפירט אונזער גרויסן טאטן אין הימל זעלבסט.

(אור פני משה)

## חמרא טבא

# אן אויסטערלישע שמחה ביז צו די קעשענע...

**היה אם בן הכות הרשע והפילו השופט והכהו.**

דער צדיק רבי שלום פון קאמינקא זצ"ל איז אמאל געקומען אין א שטעטל נאך געלט, ס'האט געהערשט א גרויס שמחה אין שטאט און לכבודו האט מען נישט געזאגט קיין תחנון די גאנצע צייט וואס ער האט דארט געווויילט, אבער וען ער האט אנגעהויבן צו קלייבן נדבות פאר זיין צוועק איז געווען א גרויסע אנטוישונג און די עולם האט זיך גאר שוואך משתתף געווען, האט דער צדיק דאן געזאגט א ווערטל אז אין די גמרא איז דא א מחלוקה ווען פאר איינעם קומט זיך צוויי שטראפן באצאלן געלט און שלאגן מלקות וועלכע מ'זאל שטראפן, איינער אלט מילקי לקי וממונא לא משלם און איינער האלט ממונא משלם ומילקי לא לקי, אבער אזא שיטה געפונען מיר נישט אז מילקי לא לקי - מ'קלאפט זיך נישט ביי תחנון, און ממונא לא משלם - און קיין געלט באצאלט מען אויך נישט, דאס איז שוין א חידוש וואס אפילו חז"ל האבן נישט פארשטאנען...

(אוהב שלום)

בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

כי תצא

י"ג אלול תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:22 |
| מוצש"ק | 7:34 |
| ר"ת | 8:14 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:41 | סוז"ת א' 9:59 |
| סוזק"ש ב' 9:25 | סוז"ת ב' 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"נ

שנה ג'

## טיב הפרשה

# לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע

### דער חיזוק פאר א מענטש אז ער קען זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די פרשה פון אן אשת יפת תואר.

די תוה"ק זאגט אן פאר א איד אז ווען ער גייט ארויס אין א מלחמה און עס קומט אים אונטער א נסיון זעענדיג אן אשת יפת תואר, אז ער מעג איר נעמען מיט די באדיגונגען [תְּנָאִים] וואס די תורה הק' שטעלט.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון רש"י זעט מען אין איר א מורא'דיגע זאך. די תוה"ק רעדט צו דער מענטש און זאגט אים אז עס איז דא פעלער וואו די נסיון איז זייער גרויס, אז דו וועסט זיך נישט קענען איינהאלטן, אבער אין א פאל וואו די תוה"ק איז נישט מעיד אז מען קען זיך נישט איינהאלטן - מיינט עס אז דו קענסט זיך יא איינהאלטן.

דער געדאנק איז א שטארקער חיזוק פאר א מענטש. עס מאכט זיך אסאך מאל אז עס קומט אונטער פאר'ן מענטש א שרעקעדיגער נסיון און עס זעט אויס פאר'ן מענטש אז אויף דער נסיון איז אוממעגליך זיך צו שטארקן, אבער ער דארף וויסן אז דאס איז נישט ריכטיג ווייל אויב עס וואלט ווען געווען ריכטיג - וואלט די תוה"ק ארויסגעשריבן אז מען רעדט פון א נסיון וואס מען קען זיך

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן

די פרשה פון די וואך הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה... וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר', און רש"י איז מפרש 'לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרַע, שֶׁאִם אֵין הקב"ה מַתִּירָהּ, יִשָּׂאֶנָּה בְּאִסּוּר', און ווייטער שטייט אין די פרשה 'כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה' און רש"י ברענגט דערויף די ווערטער פון די גמרא 'בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה נֶהֱרָג עַל שֵׁם סוֹפוֹ, הִגִּיעָה תּוֹרָה לְסוֹף דַּעְתּוֹ, סוֹף שֶׁמְּכַלֶּה מָמוֹן אָבִיו.. וְעוֹמֵד בְּפָרָשַׁת דְּרָכִים וּמְלַסְטֵם אֶת הַבְּרִיּוֹת, אָמְרָה תּוֹרָה יָמוּת זַכַּאי וְאַל יָמוּת חַיָּב'. לכאורה איז דאס א שטיקל וואונדער, ווייל די גמרא זאגט דאך אז א בן סורר ומורה איז קיינמאל נישט געווען און עס איז אויך אוממעגליך אז עס זאל זיין, און אויב אזוי פארוואס איז די פרשה געזאגט געווארן? און דער ענטפער איז – 'לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרַע'.

אינדערצייט פון די שרעקליכע גזירה פון די קאַנטאָניסטן אין רוסלאנד, איז געווען א פרוי אַן אלמנה וועלכער האט געהאט אן איינציג זון, און צו איר גרויס ווייטאג איז איר בן יחיד געכאפט געווארן דורך די שליחים פונעם צאַר און איז גענומען געווארן צום שרעקליכן מיליטער. איידער זי האט זיך געזעגנט פון אים אויף אייביג האט זי געזאגט צו אים: מיין טייער קינד, געדענק אלעמאל און פארגעס נישט אז דו ביסט א איד! דאס קינד איז מיט גרויס שטארקייט בייגעשטאנען די שווערע נסיונות וואס מען האט אים געשטעלט, און פון די שרעקליכע יסורים וואס מען האט אים געפייניגט, האט ער אויסגעהויכט די נשמה ל"ע. די מאמע האט געמאכט א גרויסע לוויה פאר איר זון, און ביי די לוויה האט זיך די פארטרויערטע מאמע ארומגעדרייט און געטיילט פאר די מענטשן עסן און טרינקען, און מיט טרערן אין די אויגן האט זי געזאגט: ברוך השם, מיין זון איז נפטר געווארן אלץ איד! 'מוּטָב שֶׁיָּמוּת זַכַּאי וְאַל יָמוּת חַיָּב'.

אין די יעצטיגע טעג, ווען יעדער איד זוכט וועגן און זאכן מיט וואס עס קען פארבעסערן זיינע מעשים, זעען מיר ווי דער יצר הרע שטעלט אונטער פיסלעך, און ביי יעדער זאך וואס מיר ווילן פאררעכטן, טוט ער גלייך שטערן און ער זאגט: דאס קען איך נישט טון, יענץ איז צו שווער, און נאך אזעלכע און ענדליכע תירוצים. ווען מיר געדענקען די הייליגע ווערטער פון רש"י 'לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרַע', טו מיך נישט פארטומלען! די תורה פאדערט נישט פון מיר קיין זאכן אין וועלכע איך קען נישט שטיין, און אלע געדאנקען פון 'איך קען נישט' זענען בלויז די פאלשע עצות פונעם יצר וועלכער וויל אונז אריינווארפן אין זיין נעץ.

לאמיר מקיים זיין דעם 'כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ', און מיר וועלן זוכה זיין אז עס וועט מקוים ווערן אין אונז דעם 'וּנְתָנוֹ ד' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ'.

(עפ"י שיחה פרשת כי תצא תשע"ב)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

נישט מתגבר זיין אויף איר, אז די תוה"ק שרייבט נישט ארויס איז א סימן אז דו האסט די כוחות זיך מתגבר צו זיין אויף די נסיון.

דער אמת איז אז דאס איז א כלל גדול פאר יעדן מענטש אין זיין לעבן. דאס לעבן פון א איד איז איין לאנגער קייט פון נסיונות. אסאך מאל זענען די נסיונות גרינגער און אסאך מאל זענען די נסיונות שווערע, אבער אייביג איז דא דער כח זיך צו שטארקן אויף איר.

אין די ווערטער פון רש"י איז דא דער יסוד, אבער אויך דער צווייטער יסוד וואס געשעט ווען מען קען זיך נישט מתגבר זיין און מען פאלט דורך, ליגט אויך אין די פסוקים.

די תוה"ק זאגט פאר'ן איד אז עס איז אמת אז דו קענסט זיך נישט מתגבר זיין אויף דיינע נסיונות, אבער ווייס אז עס איז דא א פרייז פאר'ן זיך נישט קענען מתגבר זיין.

רש"י שמועסט אויס אז די פרייז ליגט באהאלטן ברמיזה אין די סמיכות פון די פרשה'ס איינע נעבן די אנדערע.

די תוה"ק רעדט צו דעם מענטש און זאגט אים אז איך לאז דיר טאקע עובר זיין און זיך נאכגעבן די תאוה, אבער פון אזעלכע היתרים קומט נישט ארויס קיין גוטס און סוף ענדיגן זיי זיך זייער ביטער אז מען האט זיך פיינט, ווי עס איז דער לשון פון רש"י 'אבל אם נשאה סופו להיות שונאה, וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה', און עס טויג נישט ברוחניות און נישט בגשמיות.

אין צוויי וועגן רעדט דא די תוה"ק צו דעם בעל תאוה און איז אים מעורר אז ער זאל זיך איינהאלטן פון זיך נאכגעבן די תאוה. די ערשטע בחינה איז די דערמאנטע בחינה אז א איד האט דער כח זיך איינצוהאלטן, די צווייטע בחינה איז די בחינה פון אז עס קאסט א פרייז.

עס איז ידוע וואס צדיקים זאגן אויף די ווערטער פון די גמרא, אז די מזונות פון א מענטש איז קצוב מראש השנה לראש השנה.

אויסערליך זעט אויס ווי די מזונות מיינט די פרנסה, אבער למעשה זאגן צדיקים אז דאס גייט ארויף אויף הנאה - אז ראש השנה איז באשערט פאר'ן מענטש וויפיל הנאה ער זאל האבן די יאר.

עס מיינט אז ווען א מענטש האט הנאה פון דברים אסורים גייט עס בהכרח אויפ'ן חשבון פון אנדערע הנאות, און עס קומט אויס אז דער איד פארדינט נישט די הנאה נאר ער טוישט אויף איין הנאה פאר די אנדערע.

די בחינה איז מרומז אין די סמיכות הדברים. די תוה"ק זאגט פאר'ן מענטש אז דער 'יפת תואר' האט א פרייז אז ענדע וועסטו ליידן פון איר, ווייל דו האסט פארנוצט די הנאה און עס איז דיר נישט געבליבן קיין איבעריגע הנאה נאר צער און עגמת נפש.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל אייביג האבן די קאפ אויפ'ן פלאץ, און זיך נישט לאזן פארבלענדען פאר פאלשע הנאות און קענען דינען הקב"ה און געניסן פון א תענוג רוחני ונצחי און טון תשובה שלימה לפניך.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענער

# א פרישע בגד אויף צופרי

אגאנץ יאר וואוין איך אין אויסלאנד, אבער שטיינדיג איידער די ימים טובים האב איך באשלאסן אז כ'וועל זיין ביי מיינע עלטערן אין ארץ ישראל.

איך האב באשטעלט א טיקעט אויפ'ן פליגער קיין ארץ ישראל, און צו די באשטימטע צייט בין איך געווען אין עירפארט גרייט ארויסצופארן.

איידער די רייזע האב איך געמאכט סדר אין מיינע זאכן, איך האב איינגעפאקט מיינע וועש, די קליידער פון די בני בית און די קינדער.

אין די לעצטע צייטן זענען די עירפארט באאמטע געווארן זייער שטרענג מיט די וואג, זיי קאנטראלירן וויפיל וואג יעדער איינער מעג נעמען. איך האב פרובירט אכטונג צוגעבן נישט איבערצוטרייבן די מאס, אבער למעשה נאכ'ן ארויפלייגן מיין רענצל אויף זייער וואג בין איך געווען היבש איבערוואגיג.

די באאמטע האבן מיר געזאגט אז אזוי קען עס נישט ארויפגיין, איך מוז אראפנעמען פון איר כאטשיג א טייל פון די וואג.

זייענדיג אין א פארלעגנהייט וועלכע זאך נעמט מען אראפ, און אנהייבנדיג אויסציוועלן זאכן פון די רענצל, האבן די באאמטע פארגעשלאגן א וואזשאנער געדאנק. זעענדיג אז מיין האנט באגאזש איז ליידיג, האבן זיי פארגעשלאגן אז איך קען נעמען די זאכן אין האנט באגאזש.

עס איז מיר נישט געווען געשמאק צו וועהלן זאכן אין עירפארט, איך האב געזאגט 'גם זו לטובה' און זיך גענומען צו די עבודה.

איך האב אנגעפאקט מיין האנט באגאזש אויף ווי ווייט עס איז געגאנגען ביז עס איז געווארן איבערגעפולט מיט וועש, און מיט דעם בין איך ארויף אויפ'ן פליגער.

די פליגער האט געלאנדעט, איך האב זיך געשטעלט אין די רייע צונעמען מיין רענצל אבער מיטאמאל זעה איך אז מיין רענצל איז נישט דא.

איך האב אנגעהויבן זוכן דא און דארט, אבער איך האב עס נישט געטראפן.

אנפרעגנדיג די באאמטע ווען עס קומט, האבן זיי מיר געזאגט אז עס וועט קומען צוגיין ערשט מארגן און אז זיי וועלן עס דעליווערן ביז צום שטוב.

איך האב מקבל געווען די סיטואציע באהבה און כ'בין געפארן צו מיינע עלטערן.

דעם אנדערן טאג אינדערפרי האב איך געזוכט צו טוישן פרישע וועש, און ערשט יעצט האב איך זיך געכאפט די גרויסע סייעתא דשמיא וואס איך האב נעכטן געהאט, אז מען האט מיר געהייסן אריינלייגן מיינע וועש אין מיין האנט באגאזש.

איך האב געהאט פרישע וועש אנצוטאן דעם נעקסטן צופרי.

עס האט זיך אויסגעשטעלט אז וואס עס איז געווען פראבלעמאטיש א טאג פריער, איז געווען פאר מיין טובה וועגן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.א.ל.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

און אין ספר מהרי"ל (מנהגים, הלכות ימים הנוראים ס"ק ה) שטייט ווי פאלגנד: "מִנְהָג הוּא בְּכָל תְּפוּצַת יִשְׂרָאֵל, לְאַתְחוּלֵי בִּתְקִיעַת שׁוֹפָר מִשֶּׁנִּכְנַס אֱלוּל. מהרא"ק: מִנְהָג כָּשֵׁר לִתְקֹעַ מֵרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל כְּדֵי לְעַרְבֵּב הַשָּׂטָן, וְאֵין יוֹדֵעַ מָתַי הַדִּין וִיקַטְרֵג. לָכֵן אֵין תּוֹקְעִין בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כִּי אָז יִהְיֶה סָבוּר הַשָּׂטָן שֶׁיּוֹם הַדִּין עָבַר וכו'. וְכֵן מַה שֶּׁמַּתְחִילִין הַתּוֹרָה בִּבְרֵאשִׁית בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה, מִטַּעַם זֶה שֶׁלֹּא יְכַוֵּן מָתַי תְּחִלַּת הַשָּׁנָה, וְלֹא יֵדַע לְקַטְרֵג".

ווען מיר אז דער מהרא"ק האלט, אז נישט נאר דאס וואס מיר בלאזן נישט שופר אום ערב ראש השנה איז כדי צו פארטומלען דעם שטן, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין אלע פוסקים (מג"א ס"ק יד, א"ר-ד, פמ"ג משבצות-ד, ומשנ"ב-כד). – נאר אויך דאס בלאזן דורכאויס חודש אלול, איז אויך באשטימט געווארן כדי צו פארטומלען און פארמישן דער שטן, אז ער זאל נישט וויסן ווען עס געפאלט דער יום הדין, און אזוי איז משמע פון די ווערטער פון דער טור (אנהייב סימן), זע דארט.

און לויט דעם וועלן מיר פארשטיין דעם פסוק (תהילים פא, ד-ה): "תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר" – דעם גאנצן חודש זאלט איר בלאזן מיטן שופר, "בַּכֵּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ" – כדי דער טאג פון אונזער יום־טוב זאל זיין פארדעקט, און דער מקטרג זאל נישט וויסן ווען עס געפאלט. און דער פסוק איז מפרש דער טעם: "כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב", און כדי ער זאל נישט מקטרג זיין ביים משפט אינעם יום הדין, טוט מען אים מבלבל זיין דורכן גאנצן חודש מיט תקיעת שופר (שפת הים).

***

עס איז אמאל געווען א ישיבה בחור וועלכער האט געלערנט מיט פוילקייט, און האט נישט געזען קיין ברכה און הצלחה אין זיין לערנען... און וויבאלד דאס זינד געפינט זיך אינעם הארץ וואס איז פריי פון חכמה (רמב"ם הלכות איסורי ביאה כב, כא), האבן זיך אנגעהויבן די נסיונות פון דער פייער פונעם יצר הרע צו ברענען אין אים אזוי ווי פייער וואס כאפט זיך אן אין שטויב (אֵשׁ בִּנְעֹרֶת, סוטה מח.), רחמנא ליצלן.

זיין רוחניות'דיגער צושטאנד איז געגאנגען אראפ און אראפ, ביז עס איז אנגעקומען דערצו אז ער האט שוין נישט געפינען זיין פלאץ אויפן ישיבה באנק. ער האט שוין געוואלט מיטן גאנצן ווילן פארלאזן די ישיבה, און אויך דאס גאנצע עולם התורה און דאס אידישקייט בכלל, ה' ישמרנו, און זיך באהעפטן צו די יונגען פון א גרופע ליידיג־גייער וועלכע האבן פארלאזט די דרך התורה...

אין א שמועס וואס ער האט געהאלטן מיטן 'משגיח' פון די ישיבה, וועלכער איז געווען זייער א קלוגער און פארשטענדליכער מחנך, און האט געהאט א פערזענליכער קשר מיט די תלמידים, האט זיך געעפנט דאס הארץ פונעם בחור, און ער האט גענומען באוויינען זיין ביטערן מצב. 'וויאזוי זע איך אויס'?... האט זיך דער בחור אפגערעדט פארן משגיח, "אט שטיי איך דא אזוי 'פארשטעקט' אינעם זעלבן מצב שוין אזויפיל 'זמנים', נישט פילנדיג קיין שום 'סיפוק' און התעלות אינעם לערנען, און אוודאי נישט אין יראת שמים! אלעס איז הינקעדיג...

# די עבודה פון די אלו"ל טעג - ג'

**מִנְהַג יִשְׂרָאֵל לִתְקוֹעַ בְּשׁוֹפָר בְּכָל חוֹדֶשׁ אֱלוּ"ל**
טושו"ע ס' תקפ"א ס"א

איך האב נישט קיין שום טעם אין לעבן! נאר א שווערער יאך, וואס פאדערט פון מיר מיטן גאנצן שטרענגקייט אז איך דארף זיך צושטעלן צו א שטענדיגער שטייגער פון א ישיבה לעבן, וואו מען איז ארומגענומען מיט בלויז לערנען און לערנען, פון צופרי ביז ביינאכט. איך האב גארנישט דערפון! עס איז מיר נמאס געווארן דערפון! איך וויל פארלאזן די ישיבה, און לכל הפחות הנאה האבן פון די עולם הזה לעבן און אירע פארגעניגנס"!

דער משגיח מיט זיין גרויס פארשטאנד און עמפינדליכקייט, איז ער נישט אריינגעגאנגען מיט אים אין ליידיגע וויכוחים וועלכע טראגן גארנישט מיט זיך, נאר ער האט ארויסגענומען פון קעשענע אן אלטע גאלדענע מטבע, וואס דורך די יארן האט זיך אנגעקליבן מיט אסאך ראסט [דזשאווער/חלודה], און ער האט געבעטן פונעם בחור: "מיין טייערער פריינט, אט האב איך דא א טייערע און זעלטענע מטבע, וואס איך וויל עס פארקויפן אלץ 'אנטיק', און וויבאלד איך קען דיר אלץ א בחור מיט גוטע כשרונות, מיט א פיינעם חוש פאר מסחר... מיין איך אז דו וועסט מיר קענען העלפן דערמיט! – וויבאלד דו האסט מיר דערציילט אז דו קענסט גוט דעם מארק, דורך דיינע אפטע באזוכן דארט...

דעריבער, האט דער משגיח אויסגעפירט, נעם אט דעם גאלדענעם מטבע, און פרוביר עס צו פארקויפן פאר א גוטן פרייז, וואס זאל זיין נישט ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלער ($300) טָבִין וְתַקִּילִין! – איך וועל דיר ווי פארשטענדליך אראפגעבן פראצענטן דערפון, נאר העלף מיר עס צו פארקויפן איינמאל פאר אלעמאל, אבער געדענק וואס מיר האבן אפגערעדט – נישט ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלער"!

נישט קיין פראבלעם – האט דער בחור געזאגט מיט פרייד – זייער גערן!

ער האט טיף באהאלטן דעם מטבע אין זיין קעשענע און זיך ארויסגעלאזט צום מארקפלאץ, פראבירנדיג אויסצוניצן זיין האנדל־חוש וואס דער משגיח האט דערמאנט. ער האט אויפגעטוישט עטליכע ווערטער מיט איין סוחר, און געכאפט א שמועס מיט נאך א סוחר, ווייזנדיג דעם מטבע וואס ער האט, און באצייכנדיג אז דאס איז אן אור־אלטע מטבע וואס האט גאר א היסטארישן ווערד!

"און ווי טייער איז אט די מטבע"? האבן די סוחרים געפרעגט. "דריי הונדערט דאלער, איז די ענדגילטיגע פרייז"! האט דער בחור באשטימט, נישט לאזנדיג קיין ארט צו אראפהאנדלען.

הערנדיג זיינע ווערטער, האבן זיך די סוחרים גוט צולאכט, ערקלערנדיג: "די מטבע וואס דו האלטסט דא, איז זייער אן אלטע,

און איז פול מיט זשאווער פון אלע זייטן. אט קוק נאר ווי עס זעט אויס! אזא מטבע איז ווערד מעגליך פופציג דאלער ($50) און דא פארלאנגסטו דערפאר גאנצע דריי הונדערט דאלער?

אינגאנצן אָפּגעפּאַטשט, איז דער בחור ארויסגעגאנגען פונעם מארקפלאץ. דער משגיח איז דאך נישט קיין שוטה, און ווייסט גוט וואס ער האט דא! אויב אזוי, פארוואס האט ער אים געהייסן אז ער זאל פאדערן דריי הונדערט דאלער פאר א מטבע וואס לויט אלע הענדלער פונעם מארק איז נישט ווערד מער ווי פופציג? ער האט אפילו פראבירט באזוכן אין די הייזער פון נאך עטליכע סוחרים, אבער קיין איינער פון זיי איז נישט גרייט געווען צו צאלן מער ווי פופציג דערפאר!

נאך עטליכע שעה פון פראבירן אן הצלחה, איז דער בחור צוריקגעקומען צום משגיח בבושת פנים, אינגאנצן צובראכן דערפון וואס עס איז אים נישט געלונגען צו ווייזן זיין כח און זיין געפעפערטן חוש צו האנדלען...

נאכדעם וואס דער משגיח האט געהערט פון אים וואס עס האט פאסירט מיט אים אינעם מארק, האט ער אים געשיקט צו א ספעציעלן מומחה וועלכער האט זיך שטארק אויסגעצייכנט אין גאלד, און אים געבעטן אז ער זאל עס פראבירן צו פארקויפן פאר אים, אבער אויך פאר אים האט ער אויסגענומען אז ער זאל עס אים פארקויפן פאר נישט ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלער!

ווען דער בחור איז אנגעקומען צו אט דעם גרויסער סוחר, האט יענער גענומען אין האנט אריין די מטבע, און עס גוט באטראכט פון אלע זייטן. דערנאך האט ער עס גענומען צו א ספעציעלן ווינקל וואו ער האט געהאט פארשידענע כלים און מאשינען, וואו די מטבע איז אריבער א ספעציעלן באהאנדלונג... ענדליך איז די מטבע ריין געווארן פון אלע זשאווער וואס האט זיך אנגעקלעבט אין דעם, און מיט א ספעציעלן אינסטרומענט האט ער עס אויסגעגלאנצט און נאכמער גערייניגט פון אלע זייטן, ביז די מטבע איז ארויסגעקומען גלאנציג, שפיגלדיג און שיינענדיג! עס איז ממש געווארן פָּנִים חֲדָשׁוֹת בָּאוּ לְכָאן!

נאך אט די גאנצע 'עבודה', האט דער בחור געפרעגט דעם געלונגענעם סוחר: "און וויפיל וועט איר יעצט גרייט זייך צו צאלן פאר אט די מטבע"?

דער סוחר האט נאכאמאל גענומען דעם מטבע אין זיין האנט, און עס גוט באטראכט פון אלע זייטן, און ענדליך האט ער ארויסגעזאגט א פרייז: זיבן הונדערט דאלער ($700) טָבִין וְתַקִּילִין! באמערקנדיג, אז דאס איז זייער א טייערע און זעלטענע מטבע.

"וואס"? – האט זיך בחור צושריגן, ערשטוינט. ער איז זיכער געווען אז נאכן רייניגן דעם מטבע, וועט דער ווערד דערפון ארויפגיין מיט געציילטע דאלארן... אבער אז דער פרייז דערפון זאל שטייגן אזוי הויך, דאס איז אים בכלל נישט איינגעפאלן!

דער בחור האט זיך זייער געפריידט. אט האט ער ב"ה דא געמאכט זייער א געלונגענער געשעפט! יעצט וועט ער ווייזן פארן משגיח, ווי א געלונגענער סוחר ער איז... וויבאלד

המשך אין עמוד ד' <

נישט נאר דריי הונדערט דאלער האט ער פארדינט דערפון, **נאר זיבן הונדערט דאלער קעש!**

ווען ער איז צוריקגעקומען צום משגיח און אים דערציילט איבער דער געלונגענער געשעפט, האט אים דער משגיח אויפגענומען מיט גרויס שמחה, און ער האט זיך אנגערופן צום בחור מיט גרויס ליבשאפט: "אט זעסטו! דאס איז דער גאנצער אונטערשייד... ווען די מטבע איז פול מיט זשאווער און איז געווען אנגעקלעבט מיט אזויפיל שמוץ, איז עס נאר ווערד געווען זייער ווייניג... אבער ווען עס איז אנגעקומען צום גרויסן מומחה, האט ער גלייך פארשטאנען און אנערקענט אינעם ספעציעלן ווערד דערפון, און גלייך האט ער געזען אז עס איז נאר באדעקט מיט אן אויסערליכע שמוץ. ווי נאר ער האט אראפגענומען דער שמוץ דערפון און עס גוט גערייניגט און אויסגעגלאנצט, איז שוין אנטפלעקט געווארן איר געוואלדיגע ווערד!

מען דארף נאר געפינען דעם גרויסן מומחה, וועלכער וועט פארשטיין און אנערקענען דאס וואס ער האט פאר אים! און ער וועט אנטפלעקן דאס געוואלדיגע ליכטיגקייט וואס באהאלט זיך אונטער די גאנצע שמוץ און זשאווער"...

אויך ביי דיר איז אזוי! – האט דער משגיח אויסגעפירט מיט א שמייכל. אביסל שמוץ און זשאווער האט זיך אנגעקליבן ארום דיין נשמה, און האט פארדעקט איר שיינקייט און גלאנץ! דעריבער דארפסטו אנקומען צום באהאנדלונג פון די מומחים, וואס זיי זענען די חכמים און די רבנים, וועלכע ווייסן און אנערקענען די ווערד פון די אינערליכע נשמה, און זיי האבן די פאסיגע כלים וועלכע וועלן אראפנעמען די זשאווער און שמוץ... ביז דו וועסט אליין אנערקענען דיין געוואלדיגע טייערקייט און חשיבות!

די פארשטענדליכע ווערטער פונעם משגיח האבן געפינען חן אין די אויגן פונעם בחור, און האבן טיף אריינגעדרינגען אין זיין הארץ און זעל. ווי פארשטענדליך האט ער נישט אפגעלאזט די ישיבה, און מיטן הילף פון זיינע געטרייע רבי'ס איז ער צוביסלעך ארויסגעגאנגען פון אלע זיינע פראבלעמען, ביז ער איז אויסגעשטיגן און געווארן אן ערליכער און געטרייער תלמיד חכם. ער האט זוכה געווען צו תשובה שלימה, און מיט דער צייט איז ער געווארן א גרויסער און חשוב'ער רב!

***

אין די בריסקער ישיבה, האט מען נישט באשטימט א ספעציעלן 'סדר' דורכן יאר צום לערנען מוסר, ווי עס איינגעפירט אין אסאך ישיבות, כדי נישט צו צושטערן פונעם קוואליטעט פון די סדרי הלימוד אין גמרא תוספות און די פוסקים. – אויסער אין די טעג פון חודש אלול און די עשרת ימי התשובה, ווען מען האט יא באשטימט צייט צו לערנען מוסר, כדי מעורר צו זיין די הערצער צו די געהויבענע עבודה פון תשובה אין אט די הייליגע טעג.




דערויף ווערט דערציילט, אז איינמאל איז איינער פון די קינדער פון דער הייליגער בריסקער רב זצוק"ל, אריינגעגאנגען צו זיין טאטן, און אים באמערקט ווי ער זיצט פארטיפט אין לערנען דעם ספר 'מסילת ישרים' פון רבינו הרמח"ל זצוק"ל, בדחילו ורחימו. דער זון האט זיך אביסל געוואונדערט דאס צו זען, און האט געפרעגט זיין טאטן: דאס איז דאך נישט אונזער שיטה?!...

האט אים דער בריסקער רב געענטפערט בְּחֵן קָדְשׁוֹ: דער טעם פארוואס מען האט ווייניגער געלערנט מוסר אין בריסק, דאס איז געווען וויבאלד מען האט געהאלטן אז דער לימוד איז מער געאייגנט פאר די קראנקע (די חוֹלֵי הַנֶּפֶש – זע רמב"ם הלכות דעות פרק ב' הלכה א') און נישט פאר די געזונטע, דעריבער איז בעסער אריינצולייגן די כוחות אין יגיעת התורה מיטן לערנען גמרא תוספות, וואס דערמיט וועט ער היטן זיין געזונט אז ער זאל נישט קראנק ווערן און נישט דארפן אנקומען צו הייל-מיטלען... – אבער יעצט האב איך געפילט א שטיקל שוואכקייט ביי מיר, און דעריבער האט מיר יעצט אויסגעפעלט צו לערנען מוסר!

עס איז דא א שיינער מנהג וואס איז אנגענומען ביי די **בעלי המוסר**, אז אינעם זעלבן טאג אין וואך וואס עס געפאלט **יום הקדוש**, האט מען עס געהאלטן אביסל מער בקדושה דורכאויס דעם גאנצן יאר, צו מאכן דעמאלטס א חשבון הנפש, צו מען האלט גוט די **קבלות** וואס מען האט מקבל געווען אויף זיך אינעם יום הדין!


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!
מכון טיב




יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

# אינהאלט

## פרשת כי תצא


ונתנו ה' אלוקיך בידך - אויך וואָס איך האָב זיך אליין געטוהן, קומט פון הימל........... ד

כי תצא למלחמה - דו ביסט באַשאַפן געווארן צו מלחמה האַלטן........................ ח

והיה מחניך קדוש - השראת השכינה ווענדעט זיך אין די קדושה פון אידן ........... יד

קראוהו בהיותו קרוב - דער 'סעזאָן' פון חודש אלול איז דער תהלים ............... טו

אריה שאג מי לא יירא - זיך גרייטן מיט יראה צום יום הדין.......................... טז


**ספה"ק בת עין**

**וּמְרוּמָּז בְּחוֹדֶשׁ 'אֱלוּל' אוֹתִיּוֹת 'לֹא' 'לוֹ'** און די ענין פון בחינת דעת איז מרומז אין די נאמען פון די חודש וואס איז חודש 'אלול' - וואס 'אלול' איז די אותיות **לא לו. כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים ק, ג) **'וְלֹא אֲנַחְנוּ עַמּוֹ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און צו אים געהערן מיר צו ווערן אנגערופן זיין פאלק', **לֹא בְּאַלֶ"ף לוֹ בְּוָא"ו** וואס די ווארט **לא** שטייט געשריבן מיט א 'א' (**לא**) און מען לייענט עס אזוי ווי עס וואלט געשטאנען מיט א ו' - **לו.**

**שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לְהִסְתַּכֵּל תָּמִיד בִּבְחִינוֹת אֵלוּ** אז א מענטש דארף שטענדיג קוקן אין די בחינות. **מִתְּחִלָּה 'לֹא' בְּאַלֶ"ף** קודם דארף דער מענטש זיין אין די בחינה פון **לא** מיט א 'א' (וואס מיינט זיך האלטן פאר א 'נישט'), **הַיְינוּ שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם בְּחִינָה טוֹבָה** דאס מיינט אז ער האלט אז ער האט נישט ביי זיך קיין שום גוטע בחינה.

**וְאַף עַל פִּי כֵן 'לוֹ' בְּוָא"ו** און פון דאס וועגן דאך איז **לו** מיט א ו', **הַיְינוּ 'לוֹ אֲנַחְנוּ'** דאס מיינט אונז געהערן פאר אים – פארן באשעפער. **רָצָה לוֹמַר אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לָנוּ שׁוּם בְּחִינָה טוֹבָה** דאס מיינט צו זאגן אז אפילו אונז האבן נישט אין זיך קיין שום גוטע בחינה, **מִכָּל מָקוֹם וְגוֹ' 'וְלוֹ אֲנַחְנוּ עַמּוֹ'** פון דאס וועגן דאך 'געהערן מיר צו אים און זענען זיין פאלק', **שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ חֶסֶד וְרַחֲמִים** ווייל דער באשעפער טוט מיט אונז חסד און רחמים.

**וּלְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְהַגִּיעַ אֶלָּא עַל יְדֵי מִיעוּט תַּעֲנוּגִים** און צו די בחינה פון 'דעת' קען מען נישט צוקומען נאר דורך ווייניג פארגעניגן, **וּמִיעוּט אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה** און ווייניג עסן און טרינקען, **וְשֶׁיִּהְיֶה אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה בִּבְחִינַת הִסְתַּפְּקוּת וּבִבְרָכָה כָּרָאוּי** און דאס עסן און טרינקען זאל זיין מיט די בחינה פון זיך באגניגן (הִסְתַּפְּקוּת) מיט וויפיל מען דארף און מיט מאכן א ברכה, **כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּתְטַמְטֵם הַלֵּב** כדי די הארץ זאל נישט פארשטאפט ווערן.

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (דברים ח, יב-יד) **'פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וְרָם לְבָבֶךָ' וְגוֹ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'טאמער וועסטו עסן און זאט ווערן און דיין הארץ וועט שטאלץ ווערן', **כִּי עַל יְדֵי אֲכִילָה מְרוּבָּה נִתְטַמְטֵם הַלֵּב** ווייל דורך צופיל עסן ווערט די הארץ פארשטאפט. **(פרשת כי תצא ד"ה ובכתה את אביה)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# כי תצא

**ונתנו ה' אלוקיך בידך - אויך וואָס איך האָב זיך אליין געטוהן, קומט פון הימל**

**'כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך ולא תשים דמים בביתך כי יפול הנופל ממנו'**[א] (כב, ח).

די גמרא אין מסכת' שבת (לב.) דרש'נט אויף דעם פסוק, אַז באמת איז דער מענטש געווען ראוי אַראָפּצופאַלן פונעם דאַך נאָך פון די ששת ימי בראשית (ווייל דער פסוק זאָגט אַ 'לשון הוה' 'כי יפול הנופל', כאָטש ער איז דאָך נאָך נישט

---

**א.** די דאָזיגע מצוה אויפצושטעלן אַ צוים אויפ'ן דאַך פונעם הויז, איז אַ 'בנין אב' פאַר יעדן חיוב, צו טוהן אַ גשמיות'דיגע השתדלות צו דערווייטערן די סכנה, אַז קיינער זאָל נישט חלילה אַראָפּפאַלן פון דעם דאַך. אָבער ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אויך אַ רוחניות'דיגע השתדלות דערווייטערט די סכנה און ראַטעוועט מענטשן פון אַ זיכערע געפאַר, ווי עס דערציילט הרה"ח ר' יעקב הלוי יאַזשעף שליט"א, הויפט פון 'הצלה' אין בני ברק, וואָס ער איז געווען אַן עדות צו אַלע פרטים אין די מעשה, ווי פאָלגענד:

פאַריאָר, זונטאָג פרשת ראה תשפ"ד, 5:39 אַזייגער פאַרטאָגס, האָט 'הצלה' באַקומען אַן 'עמוירדזשענסי' רוף וועגן אַ שריפה רח"ל וואָס האָט אויסגעבראָכן אויפ'ן דריטן שטאָק אין אַ בנין אויף דער 'סמטת משה' גאַס אין בני ברק, און אַ פאַרפאַלק איז פאַרכאַפּט אין דער דירה, נישט קענענדיג זיך אַרויסזעהן דערפון.

'היות די אָפּיסעס פון 'הצלה' געפינען זיך אויף דער זעלבער גאַס, קען איך גוט דאָס הויז, און איך האָב אויך געוואוסט אַז די גאַס איז אַ שמאָל געסל, אַזוי אַז אַ פייערלעשער 'טראַק' מיט אַ לייטער קען נישט אַריינפאָרן דאָרט', דערציילט הרב יאַזשעף. 'די 'הצלה'-לייט זענען באַלד אָנגעקומען צום אָרט פונעם פייער, און פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקליכע מראה: ביים פענצטער פון די דירה שטייען ביידע איינוואוינער - אַן עלטער פּאָרפאָלק - און ווייזן מיט די הענט אַז מ'זאָל זיי ראַטעווען. זיי האָבן שוין נישט געקענט אַרויסגיין דורך די שטיגן פונעם הויז, ווייל עס איז שוין געווען פול מיט רויך פונעם פייער. זיי זענען שוין געווען כמעט מיואש ח"ו, זעהענדיג ווי דאָס פייער טוט זיך כסדר פאַרשפּרייטן און זיי קענען גאָרנישט טוהן זיך צו ראַטעווען. זיי האָבן שוין ממש געזעהן פאַר די אויגן דעם טויט רח"ל, ה' ירחם. 'מי באש... ומי בחנק', רח"ל. און כאָטש די פייערלעשער קאָמפּאַני, 'מכבי אש', האָט אַ ספּעציעלן 'קרעין' פאַר אַזעלכע מצבים, מיט גרויסע לייטערס דורך וועלכע מ'קען אַרויפקריכן ביז צום פענצטער פונעם הויז און אַרויסראַטעווען פון דאָרט מענטשן וואָס זענען פאַרכאַפּט דאָרט אין אַ פייער ח"ו, אָבער - ווי געזאָגט - ווייבאַלד די גאַס איז זייער שמאָל, האָבן די פייערלעשער נישט געקענט אַריינפאָרן אין דער דאָזיגער גאַס. דערווייל האָט דאָס פייער געבושעוועט רח"ל און זיך דערנענטערט צו זיי, אַזוי אַז על פי דרך הטבע האָט מען נישט געזעהן אַ וועג ווי אַזוי צו ראַטעווען, ה' ירחם'.

דערציילט ער ווייטער, אַז פונקט דאַן איז אָנגעקומען איינער פון די 'הצלה' וואָלונטירן, דער איש החסד הרב אלחנן מאַמו הי"ו, און ער האָט באַמערקט אַז דער אויבערשטער האָט פשוט 'מקדים געווען' די רפואה פאַר די מכה... ווייל פונקט אונטער דעם פענצטער פון די דירה וואו דאָס עלטערע פּאָרפאָלק איז געשטאַנען און געשריגן נאָך הילף, געפינט זיך אַ באַלקאָן ('פּאָרטש' בלע"ז) וואָס ווערט גענוצט פאַר אַ סוכה (אין משך פונעם יאָר, איז עס געבויט מיט פאַרטיגע ווענט און אַ פראוויזארישן דאַך וואָס מ'קען אַוועקרוקן פאַר סוכות כדי צו מאַכן דאָרט אַ סוכה), און דורך דעם 'פּאָרטש' קען מען צוקומען צום פּאָרפאָלק, און פּרובירן זיי צו ראַטעווען. ער האָט נישט געטראַכט צוויי, ער האָט געכאַפּט אַ לייטער און אַרויפגעשפּרינגען דערנאָך אויף אַ צוים, ביז ער איז אָנגעקומען צום דאַך פון יענעם 'סוכה'-פּאָרטש, און אַזוי האָט ער באַלד אַראָפּגעשלעפּט די פרוי, און דערנאָך איר מאַן, וואָס אַ טייל פון זיין קערפּער און זיין באָרד זענען שוין געווען פאַרברענט רח"ל (מ'קען הערן אויף די רעקאָרדירונגען פונעם הצלה ראדיאו, ווי עמיצער זאָגט פאַר הרב מאַמו אַז ער זאָל אַוועקשטעלן דאָס פּאָרפאָלק ביי די זייט פון די סוכה, וואו ס'איז דאָ אַן אייזערנע צוים, און נישט אינמיטן די סוכה, ווייל דער דאַך קען פאַלן ח"ו, ווייבאַלד עס איז נישט שטאַרק). אַזוי זענען זיי בעזהי"ת געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

און אָט האָט רבי יעקב יאָזשעף זיך דערמאנט דעם 'אָנהייב' פון די מעשה... ער קען גוט די אידן וואָס וואוינען אין דער דירה. ער ווייסט אין וועמענס זכות ס'איז געבויט געוואָרן די 'סוכה', און אָט איז וואָס ער דערציילט: אַ יאָר און דריי חדשים פריער האָט 'הצלה' באַקומען אַ רוף צו קומען ראַטעווען דאָס לעבן פון אַן עלטערע פרוי וואָס איז צוזאַמענגעפאַלן ל"ע, אין דעם הויז וואו דאָס פייער האָט געברענט שפּעטער. מיט'ן באַשעפערס הילף, איז געלונגען די 'סי-פּי-אַר' באַמיאונגען פון די 'הצלה'-וואָלונטירן, און זי איז געקומען צו זיך.

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז די פרוי אַרויפגעקומען אין אָפיס פון 'הצלה' אין שטאָט, כדי צו באַדאַנקען די וואָלונטירן וואָס האָבן געהאָלפן ראַטעווען איר לעבן, און זי האָט אויך געגעבן אַ ביישטייערונג פאַר 'הצלה'. דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו רבי יעקב יאָזשעף און זיך אויסגעשמועסט: איר ווייסט דאָך אַלעס וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין די לעצטע חדשים, און אַז מיין לעבן איז ב"ה געראַטעוועט געוואָרן. יעצט ווילן די שכנים וואָס וואוינען אונטער אונזער דירה, אויסברייטערן זייער דירה, און אויך אַרויסבויען אַ 'פּאָרטש' פאַר די סוכה. דאָס איז זייער שווער פאַר מיר, ווייל דער שמוץ און שטויב וואָס קומען אַרויף פון די בוי-אַרבעט זענען דאָך אַ סכנה פאַר'ן אָטעם, און עס איז 'העכער מיינע כוחות' דאָס אויסצוהאַלטן... זי שפּירט אַז די רעמאָנטן וואָס די שכנים ווילן מאַכן אין זייער דירה וועלן איר שטערן און שאַפן אַ געפאַר ח"ו פאַר איר געזונט. וויל זי דעריבער וויסן זיין מיינונג, אויב זי זאָל מסכים זיין דערצו אַז די שכנים זאָלן גרעסער מאַכן זייער דירה, אָדער זי זאָל עס פּרובירן צו שטערן.

האָט רבי יעקב איר געזאָגט: איר זענט דאָך נישט געקומען צו מיר כדי מיך צו פרעגן אַלס אַ רב, אַז איך זאָל אייך פּסק'ענען די הלכה, אויב איר דאַרפט יאָ אָדער נישט לאָזן די שכנים בויען זייער 'פּאָרטש' פאַר די סוכה, ווייל איך בין דאָך נישט אַ רב און אַ פּוסק. איר פרעגט מיך נאָר אַלס 'געזונטהייט' פראַגע. זאָלט איר וויסן, אַז מכח געזונט, שאַפט זיך דאָ אַ גרויסער פּראָבלעם אויב דער שכן וועט בויען זיין פּאָרטש, און אויב איר וועט גיין פרעגן אַ רב, איז גאַנץ מעגליך אַז ער וועט אייך געבן גערעכט אַז די שכנים טאָרן נישט בויען דאָרט און אייך שטערן דאס געזונט, ווייל ס'איז דאָך אַ מצות עשה פון 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם', און עס איז נישט סתם אַ שאלה פון 'לוקסוס' אָדער 'מותרות', אָדער סתם אַ טענה, אַז מ'שטערט אייך די לופט וכדומה. אָבער, איר אַליין האָט דאָך ערשט פאַר עטליכע סעקונדעס צוריק געזאָגט, אַז אייער גאַנצע 'לעבן' האָט איר צו פאַרדאַנקען אַ 'נס מן השמים', און איר האָט באַקומען אייער לעבן אַלס אַ 'מתנה' פון באַשעפער, ממילא, כדי צו קענען געהעריג אויסדרוקן אייער דאַנק פאַר דעם אויבערשטען אַז איר האָט צוריקבאַקומען אייער לעבן, איז זייער כדאי פאַר אייך **נישט** צו שטערן די שכנים, און דער אויבערשטער וועט אייך העלפן אַז עס וועט אייך נישט שאַטן ח"ו.

די פרוי האָט אָנגענומען די ווערטער פון רבי יעקב יאָזשעף, און זי האָט מסכים געווען מ'זאָל דאָרט בויען, נאָר צוליב די געפאַר פאַר איר געזונט, וועט זי אַריבערגיין וואוינען ביי איר זון ביז דער שכן וועט ענדיגן די קאָנסטראַקציע אין זיין דירה. גאַנצע פיר חדשים, אַזוי לאַנג ווי עס האָט געדויערט דאָס רעמאָנטירן די דירה פון דעם שכן און צובויען דעם 'פּאָרטש' פאַר די סוכה, האָט זי געוואוינט ביי איר זון, ווייל זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון מחלוקת, און זי האָט אַלזאָ מוותר געווען למען השלום.

אַלע האָבן דאָ געזעהן בחוש דעם גרויסן כח פון וותרנות פאַר אַ צווייטן, אַז מ'ווערט ממש געראַטעוועט אין דעם זכות פון אַ זיכערן טויט ח"ו, ווייל מ'קען זיך גאַרנישט פאַרשטעלן וואָס פאַר אַן אומגליק עס וואָלט חלילה פּאַסירט מיט דעם עלטערן פּאָרפאָלק אויב עס וואָלט דאָרט **נישט** געשטאַנען די סוכה... וואָס איז געווען זייער איינציגע געלעגנהייט זיך צו ראַטעווען בשעת דעם פייער. דאַן האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז כאָטש זי האָט זיך געקענט אַנטקעגן שטעלן צום בויען די סוכה, און זי וואָלט מסתמא אַפילו באַקומען דערפאַר אַ היתר פון אַ רב, און זי וואָלט אויך געווען גערעכט, אָבער **אין זכות פון איר וותרנות**, וואָס זי האָט מוותר געווען און מסכים געווען אַרויסצוגיין פון הויז אויף פיר חדשים, האָט זי זוכה געווען געראַטעוועט צו ווערן פון אַ זיכערן טויט ה' ישמרנו. די סוכה איז אַלזאָ געווען נישט בלויז אַ 'סוכת שלום', נאָר אַ 'סוכת רחמים **וחיים** ושלום'...

דער געדאַנק אַז וווען מ'העלפט יענעם, העלפט מען בעצם פאַר זיך אַליין, שטייט שוין אין של"ה הקדוש אויף דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (כב, ד) 'לא תראה את חמור אחיך או שורו נופלים בדרך והתעלמת מהם, הקם תקים עמו', שרייבט דער של"ה הקדוש: דער טעם פון די מצוות, צו העלפן אַ מענטש אָדער אַ בהמה אַרויפלאָדענען אַ משא, 'הקם תקים עמו', אָדער אַראָפּנעמען די משא, 'עזוב תעזוב עמו', איז **צו באַצווינגען דעם יצר הרע**, כאָטש ער האָט יענעם פיינט און ער וויל איהם נישט העלפן אָנלאָדענען, אָבער **ער האָט רחמנות אויף איהם און ער האָט**

אַראָפּגעפאַלן פון דאָרט), אָבער דו -דער בעה"ב פונעם הויז, וואָס דו דאַרפסט מאַכן די צוים אויפ'ן דאַך - זאָלסט נישט גורם זיין אַז ער זאָל שטאַרבן ח"ו דורך דיר.

**זאָגט** דער רבינו בחיי אַ כוונה אין דעם וואָס ער איז געווען 'ראוי' צו פאַלן פון 'ששת ימי בראשית' [לכאורה איז שווער, פאַרוואָס טוהען חז"ל אָנהענגען די גזירה פון מיתה און נפילה אין ששת ימי בראשית], ווייל באמת זענען אַלע באַשעפענישן באַשאַפן געוואָרן מיט'ן אייגענעם ווילן, און ביים אָנהייב פון די בריאה, האָט דער אויבערשטער זיי געלאָזט וויסן אַלע זייערע ענינים, און אַלע פּאַסירונגען וואָס וועלן פאָרקומען מיט זיי. אויך האָט ער זיי געלאָזט וויסן וועגן זייער לעבן און טויט ווי אַזוי עס וועט זיין, און זייער שפּייז, צי וועלן האָבן בריווח אָדער בצער ח"ו, צי פון זיך אַליין, אָדער פון אַנדערע.

**אַזוי** זאָגט די גמרא אין מסכת' חולין (ס.) אַז אַלע מעשה בראשית זענען באַשאַפן געוואָרן 'לדעתם', און 'לצביונים', און אַלע באַשעפענישן האָבן געוואָלט און עס אָנגענומען.

**אויף** דעם זאָגן חז"ל, אַז דער מענטש איז געווען ראוי פון ששת ימי בראשית צו פאַלן פונעם דאַך, אָבער פונדעסטוועגן, וועט דער מענטש וואָס האָט נישט געבויט דעם דאַך און גורם געווען אַז יענער זאָל אַראָפּפאַלן פונעם דאַך, באַקומען זיין שטראָף. וועגן דעם דאַרפסטו בויען אַ צוים אויפ'ן דאַך, כדי דו זאָלסט נישט גורם זיין אַז ער זאָל אַראָפּפאַלן פונעם דאַך, עכ"ל.

**פון דעם לערנען מיר עטליכע וויכטיגע פונקטן:**

**ערשטענס,** יעדע באַשעפעניש האָט שוין געהערט נאָך פאַר זיין באַשאַפונג, אַלעס וואָס עס וועט פּאַסירן מיט איהם אַלע זיינע יאָרן אויף דער וועלט, און נישט נאָר וואָס ער האָט מסכים געווען און גענומען אויף זיך די 'גזירה', נאָר ער האָט אַפילו איינגעוויליגט דערויף, ווי דער רבינו בחיי שרייבט: 'והכל רצו וקבלו' - און אַלע באַשעפענישן האָבן געוואָלט און עס אָנגענומען.

**ממילא,** האָט דער מענטש נישט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויב עס פּאַסירט עפּעס ח"ו מיט איהם אַ זאַך וואָס איז נישט אין אָרדענונג, ווייל ער אַליין האָט דאָך שוין מסכים געווען דערצו אין די זעקס טעג פון די בריאה... און אויך אויב ער פאַרשטייט יעצט נישט און ער זעהט נישט די טובה דערין, דאַרף ער אָבער וויסן אַז באמת האָט ער נישט קיין שום סיבה זיך צו באַקלאָגן דערויף, ווייל ער אַליין האָט, מיט זיינע אייגענע הענט, זיך דאָס אויסגעוויילט[ב], ווייל דאַן האָט ער דאָך געזעהן און געוואוסט דעם אמת אַז 'כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד', און די גאַנצע מציאות פון זיין לעבן, מיט אַלע צער און עגמת נפש וואָס ער גייט אַריבער, זענען די בעסטע זאַך פאַר איהם[ג], נאָר יעצט,

---

צער מיט יענעם'ס צער, **און דעריבער איז ער זיך משתדל איהם צו העלפן און ראַטעווען.** אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'עמו' - מיט איהם, דאָס הייסט, **דו טוסט זיך אַליין ראַטעווען מיט דעם וואָס דו העלפסט יענעם,** ווייל דער אויבערשטער וועט דיר העלפן, 'מדה כנגד מדה'.

ענליך שרייבט דער 'שפת אמת' (פ' כי תצא תרל"ו) 'הקם תקים עמו': **'הקם'** - וואָס מער דו העלפסט יענעם, **'תקים עמו'**, טוסטו זיך אַליין אויפהייבן צוזאַמען מיט איהם.

**ב.** הרה"ק בעל 'אמרי אמת' מ'גער זי"ע, ברענגט (פ' קרח תרע"ו, ד"ה 'ויראו'), אַז ער האָט געהערט אַלס קינד נאָכזאָגן אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, אַז ווען מ'זאָל אַוועקלייגן אויף אַ טיש אַלע 'פּעקלעך' פון צרות און יסורים וואָס מענטשן ליידן נעבעך, און אויך די גוטע זאַכן, די פריילינע געשעהענישן א.ד.ג., און מ'וועט אויסרופן אַז יעדער איינער קען זיך אויסוויילן איין 'פּעקל'... וועט יעדער איינער כאַפּן מיט ביידע הענט **זיין אייגענעם פּעקל,** ווייל דער אויבערשטער, דער 'גדול העצה ורב העליליה', גיט פאַר יעדן איינעם גענוי דאָס וואָס ער דאַרף האָבן ברוחניות ובגשמיות, און אַזוי פיל וויפיל זיינע כוחות הגוף והנפש 'קענען פאַרנעמען'.

און אַזוי שרייבט דער 'חובות הלבבות' (שער הבטחון), אַז יעדער מענטש איז מחויב צו גלייבן אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער טוט אָפּמעסטן פאַר איהם, אַזוי גענוי דאַרף זיין, און עס איז נישט דאָ אַן אַנדערע עצה. ממילא, וועט ער נישט האָבן קיין תרעומות ח"ו אויף דעם אויבערשטען'ס הנהגה.

**ג.** עס ווערט געברענגט ('חפץ חיים' על התורה, פ' האזינו, מעשי למלך) אַז דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט אַ איד איבער זיין מצב. האָט יענער געענטפערט, 'עס וואָלט נישט געשאַדט אויב עס וואָלט געווען אַביסל בעסער'... האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

ווען ער געפינט זיך אויף דעם פינצטערן עולם השקר, וואו מ'ווייסט גאָרנישט, דאַכט זיך איהם אַז עס וואָלט פאַר איהם געווען בעסער ווען מ'פירט זיך מיט איהם אויף אַן אַנדערן אופן.

**צווייטענס,** אויב דער מענטש איז אַראָפּגעפאַלן פון דאַך און געשטאָרבן ח"ו איז עס נישט געווען צוליב 'זיין שולד', ווייל ער האָט נישט אַכטונג געגעבן, און אויך זענען אַנדערע נישט 'שולדיג' דערין, מיט דעם וואָס זיי האָבן נישט געבויט אַ צוים כדי צו פארמיידן טראגעדיעס, נאָר די סיבה פון זיין אַראָפּפאַלן איז דערפאַר ווייל אַזוי איז נגזר געוואָרן אויף איהם פון הימל, דער 'א-ל נורא עלילות', וואָס ער איז דער 'מסבב כל הסיבות', האָט צוגעפירט דאָס 'אַראָפּפאַלן' דורך דעם וואָס ער זאָל אַרויפגיין אויפ'ן דאַך און זיך נישט אַכטונג געבן[ד].

און ס'איז פשוט, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר לגבי דאָס פאַלן פונעם דאַך, נאָר ס'איז אַ כלל גדול בתורה, אַז 'אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה'[ה], און אַן אַנדערער קען קיינמאָל איהם נישט גורם זיין אַ שאָדן און איהם שלעכטס טוהן, און אויך קען ער זיך נישט אַליין גורם זיין אַ שאָדן, אויב דער אויבערשטער האָט נישט באַפוילן עס זאָל פאַסירן דער שאָדן[ו].

---

**- פון ווייסטו אַז עס וואָלט נישט געשאַדט? דער אויבערשטער ווייסט בעסער, און ער איז דער דערבאַרימדיגער פאָטער. ער וויל געבן בעסער, און ער קען געבן בעסערס, און אַז ער גיט נישט בעסערס, איז עס אַוודאי דאָס בעסטע, און ס'איז נישט שייך בעסער פון דעם...**

**ד.** דער פסוק זאָגט (תהלים כג, ד) 'גם **כי אלך** בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי'. לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן 'גם כי **יוליכוני**', אָדער 'גם כי **אתהלך**', ווייל וועלכע נורמאלע מענטש גייט דען אַליין אַריין אינעם 'גיא צלמות'?! נאָר אויב מ'פירט איהם אַהין אַריין דאן געפונט ער זיך דארט... נאָר דוד המלך ע"ה וויל אונז דאָ מרמז זיין, אַז **אפילו אויב דער מענטש איז שולדיג אין דעם וואָס ער איז אליין אַריין** '**בגיא צלמות**', האָט ער אויך נישט מורא, ווייל 'כי אתה עמדי' - דו ביזט דאָך באמת מיט מיר, און פון הימל האָט מען אַזוי צוגעפירט אַז איך זאָל אַליין גיין צו יענעם אָרט וואו עס טויג נישט, און פונדעסטוועגן איז דער אויבערשטער נאָך אַלץ מיט מיר, מיך צו ראַטעווען פון אַלעם בייזן.

איינער פון די צדיקים האָט אַמאָל איידער פאַרלוירן אַ קליינע טאָכטער ל"ע. דער טאטע און מאמע פונעם קינד האָבן זיך איינגערעדט אַז זיי זענען שולדיג אין דעם וואָס דאָס קינד איז אַוועק ל"ע, און זיי האָבן זיך ממש נישט געקענט באַרואיגן פון זייער צער.

ווען דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, איז געקומען מנחם אבל זיין די עלטערן, האָט ער געזאָגט: **'ידים, ידים, אַלעס בידי שמים'**. דאָס הייסט, **אויך דאָס וואָס מ'האָט זיך אַליין גורם געווען 'בידים', איז אויך 'בידי שמים'**, ווייל דער מענטש איז דאָך נישט בכח צו רירן אַפילו מיט'ן קליינעם פינגער אָן דעם וואָס מ'זאָל אויסרופן דערויף פון הימל. אַלעס ווערט געטוהן מיט'ן רצון פון דעם אויבערשטען.

**ה.** דער גאון רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל גאב"ד ירושלים, האָט געטייטשט דעם פסוק אין פרשת שופטים (יח, יד) 'ואתה לא כן נתן לך ה' אלוקיך'. אַ איד ווייסט אַז אויך אין אַ מצב פון **'לא כן'**, עס גייט עפּעס נישט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט עס זאָל גיין... איז אויך פון דעם אויבערשטען - **'נתן לך ה' אלוקיך'**...

### מן הבאר

דער באַקאַנטער גערער חסיד רבי לייבל קוטנער ז"ל, וועלכער האָט אין די ביטערע מלחמה יאָרן פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה און איז געבליבן איינער אַליין, פעלזן-פעסט אין זיין אמונה, איז אויף די עלטערע יאָרן געווען אַמאָל אין 'מעייני הישועה' שפּיטאָל אין בני ברק. אַמאָל האָט דער דאָקטאָר איהם אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר, זאָגנדיג איהם דערביי, 'דו דאַרפסט נישט מורא האָבן, ווייל איך האַלט דיך אָן'. האָט רבי לייבל איהם געזאָגט:

**- דו האַלטסט מיך דען? דו האַלסט נאָר מיינע 'פּידזשאַמעס'... מיך האַלט עמיצער אַנדערש...**

**ו.** דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע שרייבט (אין זיינע 'הנהגות') בזה הלשון: מ'זאָל זיך היטן פון כעס, און ס'איז גוט צו געדענקען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (חולין ז:) 'אין אדם נוקף

**דריטענס**, דער אויבערשטער האָט באַפוילן צו בויען אַ צוים אויפ'ן דאַך, ווייל דער מענטש איז מחויב צו טוהן אַ השתדלות. מיר דאַרפן אָבער וויסן אַז די השתדלות גופא העלפט גאָרנישט.

**דאָס** הייסט, דער וואָס גייט אַרויף אויף אַ דאַך וואָס האָט אַ צוים און ער פאַלט נישט אַראָפּ פונעם דאַך, איז עס נישט דערפאַר ווייל די צוים היט איהם ער זאָל נישט פאַלן, נאָר דער טעם פאַרוואָס ער איז נישט געשטאָרבן איז ווייל דער אויבערשטער וויל אַז ער זאָל לעבן. די השתדלות וועט גאָרנישט העלפן.

**אַזוי** שרייבט בפירוש דער 'ספר החינוך' (מצוה תקמו), פון די שרשים פון די מצוה, וויבאַלד דער אויבערשטער ברוך הוא האַלט דאָך זיין השגחה אויף יעדן פרט פון די מענטשן און ער ווייסט אַלע זייערע מעשים, און אַלעם וואָס וועט פּאַסירן מיט זיי, גוט אָדער חלילה שלעכטס, איז לויט זיין גזירה און אויף זיין באַפעל, לויט זייער זכות אָדער חיוב, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (חולין ז:) אַז דער מענטש רירט נישט מיט אַ פינגער אויף דער וועלט, נאָר אויב מ'האָט אויסגערופן דערויף אויבן אין הימל. פונדעסטוועגן דאַרף דער מענטש זיך היטן פון די פּאַסירונגען וואָס קענען פּאָרקומען אויף דער וועלט, ע"כ.

## כי תצא למלחמה - דו ביסט באַשאַפן געוואָרן צו מלחמה האַלטן

'כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלוקיך בידך ושבית שביו' (כא, י).

**זאָגט** הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע אַ מורא'דיגע זאַך, מיר זעהען אַז עס זענען דאָ מענטשן וואָס האַלטן מלחמה מיט זייער יצר הרע, און זיי באַזיגן איהם, אָבער עטליכע טעג שפּעטער, טוט ער זיך ווידער שטאַרקן אויף זיי, און זיי דאַרפן פונדאָסניי פירן אַ מלחמה קעגן דעם יצר הרע. דאָס איז אין זייערע אויגן אַ גרויסער וואונדער, פאַרוואָס דאַרפן מיר ווידער מלחמה האַלטן מיט איהם. מיר האָבן דאָך ערשט געפירט מלחמה, און איהם געווינען. זיי האָבן געמיינט אַז עס איז פאַר זיי געוועזן גענוג, און יעצט שטאַרקט זיך ווידער דער יצר הרע קעגן זיי, און וואָס וועט זיין דער סוף.

**דאָס** קומט דער פּסוק אונז מרמז צו זיין, 'כי תצא למלחמה' - דיין הויפּט אַראָפּקומען אויף דער וועלט איז מיט'ן ציל אַז דו זאָלסט במשך פון דיין גאַנץ לעבן דאַרפן מלחמה האַלטן מיט'ן יצר הרע, און פאַר דעם צוועק ביסטו באַשאַפן געוואָרן!'

**דאָס** איז אויך די כוונה פון די סמיכות פון די פּרשיות, וואָס פּרשת שופטים ענדיגט זיך מיט די ווערטער

---

אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה', און אַפילו פון אַ בעל בחירה.

ווי באַקאַנט, האָט דער הייליגער רוזינער זי"ע געליטן גרויסע רדיפות פון די רוסישע מלכות הרשעה. האָט דער רוזינער געזאָגט וועגן דעם, דוד המלך ע"ה האָט דאָך געליטן פון די קנאה פון שאול המלך און זיינע שטוב-מענטשן, וועלכע האָבן איהם געוואָלט הרג'ענען ח"ו, אָבער מיט דעם אַלעם האָט ער געזאָגט (תהלים קיט, קסא) 'שרים רדפוני חנם ומדברך פחד לבי'. דאָס הייסט, **'שרים רדפוני חנם'** - אַלע רדיפות פון די 'שרים' (די גוים, מיינע שונאים) זענען אומזיסט, ווייל באמת, קענען זיי מיר נישט שלעכטס טוהן, און איך האָב טאַקע נישט מורא פאַר זיי. פון וואָס ציטער איך יאָ? **'מדברך פחד לבי'** - אפשר וועט אַרויסגיין פון דעם אויבערשטען ברוך הוא דער באַפעל, און צוליב זיין גזירה טוהען זיי מיך רודפ'ן ח"ו, פון דעם האָב איך מורא...

**ז.** הרה"ק מהר"ש (השני) מבאָבוב זי"ע האָט דערציילט, אַמאָליגע יאָרן פלעגן די קינדער זיך שפּילן אויף אַן אופן, אַז איין קינד האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, און דער צווייטער האָט געדאַרפט ענטפערן דאָס פאַרקערטע דערפון. צום ביישפּיל, אויב דער ערשטער האָט געזאָגט 'יאָ', האָט דער צווייטער געזאָגט 'ניין'. אויב דער ערשטער האָט געזאָגט 'טאָג', האָט דער צווייטער געדאַרפט ענטפערן, 'נאַכט'. אויב דער ערשטער האָט דערמאנט דאָס וואָרט 'פינצטער', האָט דער צווייטער געזאָגט: 'לעכטיג', און אַזוי ווייטער. אָבער אויב דער צווייטער האָט נישט געזאָגט פאַרקערט, נאָר ער האָט געענטפערט ענליך צו דעם וואָס דער ערשטער האָט געזאָגט, איז ער באַלד געוואָרן 'פּסול', און דער ערשטער איז אַרויס דער זיגער...

האָט דער באָבובער רב דערציילט, אַז ער האָט געפרעגט זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זי"ע הי"ד, וואָס איז דער 'פּשט' אין דעם שפּיל... האָט זיין פאָטער, דער 'קדושת ציון', געענטפערט, אַז מ'האָט איינגעפירט דעם

'כי תעשה הישר בעיני ה'', און די היינטיגע פרשה הייבט אָן מיט'ן פסוק 'כי תצא למלחמה', ווייל דאָס איז דער ריכטיגער וועג אַז דער מענטש זאָל שטענדיג פירן אַ מלחמה מיט'ן יצר הרע. 'כי לבך נוצרת'[ח].

---

שפיל צווישן די קינדער, כדי זיי זאָלן זיך לערנען פון יונגווייז אן, אַז **דער 'זיגער' איז דער וואָס טענה'ט פאַרקערט ווי דער יצר הרע...** און אויב ביסטו 'מסכים' צו די ווערטער פונעם יצר הרע, ווערסטו אויטאָמאַטיש 'גע'פסל'ט'...

מענין זה, טייטשט דער 'משקה ישראל', דעם פסוק אין דער פריערדיגער סדרה, שופטים (יח, יא) 'ועתה לא כן נתן לך ה' אלוקיך'. **דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר יעדן איד אַ כח צו 'זאָגן' פאַרקערט פונעם יצר הרע.** ווען דער יצר הרע זאָגט **'כן'** - טוה אַ געוויסע זאַך, זאָלסטו זאָגן **'לא'** - ניין... איך האַלט נישט דערביי... ווען דער יצר הרע וועט דיך הייסן דו זאָלסט 'נישט' טוהן אַ זאַך, זאָלסטו זאָגן, 'יאָ', איך וועל עס יאָ טוהן...

דאָס איז אויך מרומז אין דעם נאָמען 'אלול', וואָס דאָס וואָרט 'אלול', האָט די זעלבע אותיות ווי **'לא לו'**, כדי אונז צו לערנען, אַז אויב ער זאָגט 'לא', מיט אַן אל"ף, זאָלסטו איהם ענטפערן 'לו', מיט אַ וא"ו... אויב ער זאָגט 'לו', זאָלסטו איהם ענטפערן 'לא'...

**ח.** אַ פשוט'ער איד האָט אַמאָל געזאָגט צום 'חפץ חיים' זי"ע, אַז זיין זון איז, ברוך השם, אונטערגעוואַקסן, און ער וויל איהם אַרויסנעמען פון ישיבה, כדי ער זאָל זיך לערנען אַ פאַך, און קענען אַרויסהעלפן מיט די פרנסה. האָט דער 'חפץ חיים' איהם געפרעגט, אויב דער בחור זיצט און לערנט, און דער טאַטע האָט געענטפערט, יאָ, ברוך השם. אָבער איך זעה נישט אַז ער האָט אויסזיכטן אויסצואוואַקסן אַ 'רבי עקיבא איגר', אָדער אַ 'פני יהושע'. דער טאַטע פון דעם בחור האָט געמיינט צו זאָגן, ער וועט דאָך סיי-ווי בלייבן אַ פשוט'ער איד. זאָל ער זיך כאָטש אויסלערנען אַ פאַך, און אַהיימברענגען פרנסה.

דער 'חפץ חיים' האָט איהם נישט געענטפערט, נאָר געשמועסט מיט איהם פאַרשידענע זאַכן. דאַן האָט ער איהם געפרעגט, וואָס ער אַליין (דער טאַטע) טוט פאַר פרנסה. מיט טרערן אין די אויגן, האָט דער איד געענטפערט אַז אַז ער פאַרקויפט גרינצייג. ער קויפט עס אויפ'ן מאַרק, אָבער אויפ'ן וועג אַהיים, ווערט טייל דערפון קאַליע, און טייל דערפון פאַלט אַראָפּ פונעם וואָגן אינמיטן וועג, און אַזוי ווייטער, אַזוי אַז ער האָט קוים צו עסן אַ שטיקל ברויט, ער און די משפחה. האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

- לויט מיין מיינונג, איז כדאי דו זאָלסט איבערלאָזן דאָס געשעפט און דאָס פאַרקויפן די גרינצייגן, ווייל איך זעה דאָך נישט פאַר דיר קיין שום אויסזיכטן אויסצואוואַקסן אַ 'ראָטשילד'. עס וועט זיך דיר לוינען צו שליסן דאָס געשעפט, און 'שלום על ישראל'...

האָט דער איד געזאָגט צו דעם 'חפץ חיים':

- אָבער רבי, יאָ ראָטשילד, נישט ראָטשילד, **מ'דאַרף דאָך לעבן!** איך דאַרף דאָך כאָטש פאַרדינען אַ פאָר גרייצער, צו קענען שפייזן דאָס הויז געזינד, זיי זאָלן נישט אינגאַנצן אויסגיין פון הונגער חלילה.

האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

**- זאָלן דיינע אויערן הערן וואָס דיין מויל רעדט. דו דאַרפסט 'לעבן'? אָבער אויך די נשמה דאַרף לעבן! יעדעס ביסל תורה וואָס דיין זון וועט לערנען, וועט אייך אַלע דערהאַלטן ביים לעבן.**

דער לימוד פון די מעשה לגבי די מלחמה מיט'ן יצר הרע, איז, דער יצר הרע זאָגט פאַר דעם מענטש, איך זעה נישט אז ס'זאָל פון דיר אויסוואַקסן אַ 'צדיק הדור', און אַן 'עובד השם'... ממילא, וואָס האָסטו אַריינצולייגן כוחות אין עבודת השם?

ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג טרעפט זיך אַז דער יצר הרע קומט מיט אַ טענה, וואָס ביזטו אַזוי פול מיט התלהבות? דער גאַנצער 'אלול' רעדט נישט צו אַזעלכע אידן ווי דו. וואָס וועסטו שוין אויפטוהן אין די צווי חדשים אלול און תשרי?... זאָגט אויף דעם דער פסוק (תהלים כז, וואָס מיר זאָגן חודש אלול און אין די הייליגע טעג), אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח, אחת שאלתי מאת ה', וואָס צדיקים האָבן עס געטייטשט: **'בזאת אני בוטח - אחת', איך פאַרזיכערן זיך אויף דעם 'אחת' - אויף די איינצעלנע זאַך, יעדע 'קלייניגקייט' האָט אַ גרויסע חשיבות ביי דעם אויבערשטען.** ממילא, אפילו אויב איך וועל נישט ווערן אַ 'צדיק הדור', איז אָבער דאָס עצם לעבן ווי אַ איד אויף דער וועלט, זייער וויכטיג און חשוב. ממילא, איז עס מיר 'ווערד' זיך צו נעמען אין די הענט לכבוד אלול און תשרי, ווייל פון יעדע קלייניגקייט וועל איך פאַרדינען אַסאַך חיות, טובות און ברכות.

הרה"ח ר' מענדל הענדלער האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געוואָרן בר מצוה, האָט ער צום ערשטן מאָל געלייגט תפילין ביי הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע. זיין טאַטע, הרה"ח ר' משה הענדלער ע"ה, האָט אָבער נישט געקענט זיין אָנוועזענד ביים תפילין-לייגן, ווייל אין יענע צייטן אין אַמעריקע (אין יענע ערשטע יאָרן נאָך די צווייטע וועלט מלחמה), האָבן אידן שווער געאַרבעט פאַר פרנסה, און מ'האָט זיי נישט געלאָזט פעלן פון די אַרבעט. אַזוי פלעגן די בר-מצוה-בחורים קומען אַליין תפילין לייגן ביים רבי'ן.

וויבאַלד ר' מענדל איז געוואָרן בר-מצוה דאָנערשטאָג, האָט זיין טאַטע געפרעגט דעם רבי'ן, צי ער קען אָפּלייגן דאָס מאַכן די ברכה 'ברוך שפטרני', ביז קריאת התורה קומענדיגן שבת, וואָס דעמאָלס וועט ער דאַווענען צוזאַמען מיט זיין בר-מצוה בחור. האָט דער רבי איהם געענטפערט בדרך צחות:

- אַוודאי קענסטו עס אָפּלייגן ביז שבת. אָבער כדי דו זאָלסט נישט האָבן קיין ספק וואָס עס וועט זיין מיט די עבירות וואָס ער וועט טוהן פון דאָנערשטאָג ביז שבת... דאַרפסטו זעהן דערצו, אַז דיין בחור זאָל נישט עובר זיין קיין עבירה, פון דאָנערשטאָג ביז שבת...

## מן הבאר

אַ איד האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ איד וואָס וואוינט אין ירושלים, און איהם געבעטן ער זאָל אַריבערשיקן פאַר איהם אַ פעקל קיין בית שמש. האָט יענער געזאָגט: 'איך וואוין דאָך אין ירושלים - נישט אין בית שמש. איך פלאַן נישט צו זיין היינט אין בית שמש'... האָט יענער איהם ווידער געזאָגט: עס פאָרן דאָך באָסעס פון ירושלים קיין בית שמש, יעדע האַלבע שעה... האָט דער איד פון ירושלים געזאָגט: לאָז מיך צורוה... וואָס האָב איך מיט בית שמש... אָבער אויב יענער זאָגט אַז ער וועט איהם צאָלן 5,000 שקלים פאַר יעדע שליחות, וואלט יענער אַוודאי יאָ אָנגענומען די שליחות. עס פאָרן דאָך אַן באסעס פון ירושלים קיין בית שמש, יעדע האַלבע שעה... און אויב דו האָסט נאָך פעקלעך צו שיקן, זאָלסטו זיי שיקן נאָר מיט מיר...

פאַרוואָס האָט דער איד פלוצלינג געטוישט זיין מיינונג, און מסכים געווען צו זיין דער שליח? איז דער תירוץ, ווייל אין דער מינוט וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז מ'קען שיקן דאָס פעקל קיין בית שמש טוט ער נישט אַ טובה נאָר פאַר יענעם, נאָר אויך פאַר זיך, זענען אַלע מניעות באַלד 'פאַרשוואונדן'... ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס געשעפט וועט זיך איהם 'לוינען'...

דער נמשל איז, אָפט מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש, אַז ער 'קען נישט' מלחמה האַלטן מיט'ן יצר הרע, מיט פאַרשידענע אויסריידן. אָבער אויב ער זאָל פארשטיין אַז 'כי לכך נוצרת', ער טוט נישט קיין טובה פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיך אַליין, און ער וועט נאָך באַקומען דערפאַר אַ גוטע באַלוינונג, וועט ער 'פלוצלינג' קענען טוהן אַלעס...

דער רבי האָט געמיינט צו זאָגן, אַז מ'קען נאָך מיינען אַז נאָר דער 'ברוך שפטרני' פטר'ט דעם טאַטן, און פאַר דעם איז ער נישט פטור דערפון.

און דאָ האָט דער רבי צוגעלייגט אַ מורא'דיגן יסוד: אין אמת'ן אַריין, איז דאָך נישט אַזוי שווער זיך צו היטן איין טאָג פון אַן עבירה, נאָר וואָס דען, דער יצר הרע קומט באַלד צו דעם מענטש און ער זאָגט איהם, דו וועסט דאָך זיך סיי-ווי נישט קענען איינהאַלטן אַ לאַנגע צייט נישט צו זינדיגן, ממילא, וואָס האָסטו מלחמה צו האַלטן היינט, אויב דו וועסט עס סיי-ווי נישט קענען פאַרזעצן אויף אַ קביעות'דיגן אופן? דער יצר הרע וועט דאָך סיי-ווי אַרויסגיין דער זיגער... דאַרף דער מענטש איהם ענטפערן, **יאָ! איך וויל זיין אַ ירא שמים נאָר איין טאָג...** און דאָס איז מרומז אין פסוק (דברים ד, לט) 'וידעת **היום**'. דו זאָלסט זיך מתבונן זיין נאָר אין דעם 'היינטיגן טאָג'. נאָר 'היינט' דאַרפסטו זיין אַ ירא שמים, און זיך שטאַרקן אויף דיין יצר הרע. דאָס זעלבע זאָלסטו טוהן מאָרגן, אויך וועלן זיין הייליג נאָר 'היינט', און אַזוי איבערמאָרגן...

דאָס איז מרומז אין דעם פסוק, וואָס מיר זאָגן אין דעם קאַפּיטל 'לדוד ה' אורי', 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' **כל ימי חיי**'. איך בעט פון דעם אויבערשטען אַז איך זאָל איהם אייביג וועלן דינען, יענעם טאָג - 'כל ימי חיי' - 'היינט', ווייל איך זיין אַ ירא שמים, און אַזוי וועל איך אייביג מורא האָבן פאַר דעם באַשעפער.

דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל טייטשט דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה, 'כי תצא למלחמה וגו' ושבית שביו', **דו זאָלסט 'פאַנגען' דיין יצר הרע אויפ'ן זעלבן וועג ווי ער פרובירט דיך צו פאַנגען**. דאָס הייסט, לערן דיך פון דעם

**ווייטער** אין דער פרשה (כא, טו) לייענען מיר: 'כי תהיינה לאיש שתי נשים, האחת אהובה והאחת שנואה, וילדו לו בנים האהובה והשנואה, והיה הבן הבכור לשנואה'.

**זאָגט** דער קוידינובער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שלום' זצ"ל, 'שתי נשים', איז אַ רמז אויף ביידע יצרים - דער יצר טוב, און דער יצר הרע. 'האחת אהובה', איז אַ רמז אויף דעם יצר טוב, וואָס ער ציהט דעם מענטש צו טוהן זאַכן וואָס דער אויבערשטער האָט ליב - מצוות און מעשים טובים. 'והאחת שנואה' - גייט אויף דעם יצר הרע, וואָס מ'דאַרף איהם פיינט האָבן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צז, י) 'אוהבי ה' שנאו רע'. 'וילדו לו בנים' - ער וועט טוהן מעשים טובים (ווי רש"י זאָגט אין פרשת נח, 'תולדותיהם של צדיקים מעשיהם הטובים'), סיי דורך די 'אהובה' - ווען ער פאָלגט זיין יצר טוב, און סיי דורך די 'שנואה' - ווען ער שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע. פון ביידע קען ער זוכה זיין צו 'בנים', ווייל אויך ווען דער מענטש איז נישט עובר אַן עבירה, איז גלייך אַזוי ווי ער איז דעמאָלס מקיים אַ מצוה, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (קידושין לט:) 'ישב אדם ולא עבר עבירה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשה מצוה'.

**און** דער פסוק פירט אויס: 'והיה הבן הבכור לשנואה'. דאָס מיינט, ס'איז מער באַליבט פאַר דעם אויבערשטען ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע, און ער האָט איהם נישט געפאָלגט צו טוהן אַן עבירה ח"ו, מער ווי די מצוות וואָס ער האָט מקיים געווען לויט די עצה פון זיין יצר טוב.

**לויט** דעם, טייטשט דער 'דברי שלום' די ווערטער פון חז"ל (ב"ר פ"ט, ז) אויפ'ן פסוק (בראשית א, לא) 'והנה טוב מאד', זאָגט דער מדרש, אַז 'טוב' מיינט מען דעם יצר טוב, און 'מאד' גייט אויפ'ן יצר הרע. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ טובה איז דאָ פון די באַשאַפונג פונעם יצר הרע וואָס רעדט צו טאָג און נאַכט דעם מענטש ער זאָל נישט דינען דעם אויבערשטען, און ער ווערט נאָך אָנגערופן 'טוב מאד', וואָס איז אַ גרעסערע טובה ווי דער יצר טוב.

**נאָר** די כוונה איז, אויף די 'מעשים טובים' וואָס דער מענטש טוט ווען ער זיצט און ער זינדיגט נישט. זיי זענען 'טוב מאד' - חשוב'ער ווי די מעשים טובים וואָס קומען פון דעם יצר טוב[ט].

**ענליך** קען מען זאָגן בדרך רמז, ס'איז באַקאַנט וואָס דער רבינו תם שרייבט (ספר הישר, שער הששי), אַז יעדער מענטש האָט אין זיין לעבן, טעג פון ליבשאַפט, און טעג פון פיינטשאַפט. טעג ווען ער שפירט אַ טעם אין עבודת השם, און עס ווערן געעפענט פאַר איהם

יצר הרע, וואָס ער קומט און ער זאָגט פאַר דעם מענטש (שבת קה:) 'היום אומר לו עשה כך, ומחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך ועבוד עבודה זרה'. אויפ'ן זעלבן אופן ממש, דאַרף דער מענטש מלחמה האַלטן מיט זיין יצר הרע. ער זאָל נעמען אויף זיך, 'היינט' וועל איך זיך שטאַרקן אין תורה און מצוות אויף אַזאַ אופן, און מאָרגן נאָך אַביסל, ביז ער וועט איהם אינגאַנצן באַזיגן. ('תורת משה השלם', ד"ה 'או יאמר')

**ט.** דער אמת איז, אַז דער יסוד זעהען מיר שוין אין רש"י (קידושין לט:, ד"ה 'התם'), וואו רש"י שרייבט בזה הלשון: 'ישב ולא עבר עבירה דקאמר נוטל עליה שכר - בעבירה שבא לידו וכפה יצרו ולא עבר, אין מצוה יתירה מזו' **- ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע מצוה ווי דעמאָלס ווען עס קומט אונטער פאַר דעם מענטש צו טוהן אַן עבירה ח"ו, און ער פאָלגט נישט דעם יצר הרע, און ער טוט נישט די עבירה.**

ווען דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון ספר 'חזון יחזקאל', האָט נאָך געוואוינט אין לאָנדאָן, האָט ער פאַרגעלערנט אַ שיעור אין חומש-רש"י יעדע וואָך. ביי דעם שיעור, פלעגט הרב אַבראַמסקי ערקלערן מיט אַ געוואַלדיגע זיסקייט די פסוקים מיט די פירושים. טייל פון די באַטייליגטע ביים שיעור, זענען געווען פון די 'אויפגעקלערטע' מיט השגות נאָנט צו 'השכלה', און דאָס האָט זיך אויסגעדרוקט אין זייער טאָג-טעגליכע התנהגות (מ'דאַרף פאַרשטיין, אַז לאָנדאָן בימים ההם, מיט אַרום 90 יאָר צוריק, איז נישט געווען די זעלבע לאָנדאָן וואָס זי איז היינט...).

פרשת כי תצא, האָבן די דאָזיגע חברה זיך געפרייט אַז זיי וועלן קענען 'טשעפּען' דעם רב און אויפווייזן זייער 'גערעכטיגקייט', ווייל מיר זעהען דאָך אַז די תורה האָט מתיר געווען די 'יפת תואר', ווי רש"י זאָגט, 'שלא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע'. זעהט מען דאָך פון דעם (לויט זייער פאַרקרימטע מיינונג) אַז מ'קען טרעפן אַ 'היתר' פאַר אַלע

די טויערן פון רצון, און פון דער צווייטער זייט, זענען דאָ טעג פון שנאה, ווען דער מענטש שפירט אַז די עבודה קומט איהם אָן זייער שווער. ער האָט נישט אין דעם קיין פאַרגעניגן, אויף אַזוי ווייט אַז ער שפירט ח"ו אַ 'שנאה' און פאַר'מיאוסונג דערפון.

**זאָגט** אויף דעם דער פסוק, 'כי תהיינה לאיש שתי נשים'. דער מענטש האָט צוויי תקופות, 'האחת אהובה והאחת שנואה'. איינס איז אין דער בחינה פון 'אהובה', און איינע איז אין דער בחינה פון 'שנואה'. 'וילדו לו בנים' - דאָס זענען זיינע מעשים טובים, וואָס זיי ווערן אָנגערופן 'בנים'. קען דאָך דער מענטש טראַכטן, אַז די תקופה פון אהבה איז די בעסטע תקופה פון זיין לעבן, ווען ער האָט געשפירט 'הארות', און יעדע מצוה איז געטוהן געוואָרן דורך איהם מיט התלהבות. ווידער די טעג פון 'שנאה', האָבן נישט אַזאַ ווערד, ווייל ער האָט דאָך נישט געדינט דעם אויבערשטען מיט אַ שטאַרקן רצון, נאָר 'געצוואונגענערהייט', דורך צוברעכן דעם יצר הרע.

**דער** אמת איז אָבער פאַרקערט. דער אויבערשטער האָט אַ נחת רוח פון יעדעס מאָל וואָס דער מענטש האָט זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר הרע, און צובראָכן זיך און זיינע טבעיות'ן פאַר איהם, און די הויפט התעלות איז דייקא פון אָט די טעג.

**אויף** דעם זאָגט די תורה (פסוק טז) 'והיה ביום הנחילו את בניו את אשר יהיה לו, לא יוכל לבכר את בן האהובה על פני בן השנואה הבכור'. דער מענטש זאָל נישט פאַרציהען די מעשים טובים וואָס זענען אין דער בחינה פון 'בני האהובה', נאָר 'כי את הבכור בן השנואה יכיר לתת לו פי שנים'. די בחינה פון 'בן השנואה', איז דער 'בכור', ווייל די טעג ווען דער מענטש האָט געהאַט שוועריגקייטן, זענען אַסאַך חשוב'ער, און זיי פאַרדינען די 'בכורה'.

**אַזוי** האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געטייטשט דעם פסוק (קהלת ט, טז) 'וחכמת המסכן בזויה'. די חכמה פון דעם אָרימאַן וואָס גייט אָרום אין דער פינצטערניש און ער פּלאָגט זיך מיט אַ שווערן קאַמף קעגן זיין יצר הרע, דאַרף ער וויסן 'בזו י-ה' - דייקא צו אַזאַ מלחמה, טוט דער אויבערשטער גליסטן, און ער געפינט זיך מיט איהם מיט אַ גרויסע נאָנטקייט און ליבשאַפט'.

---

זאַכן וואָס ס'איז שווער פאַר דעם מענטש זיך צו שטאַרקן אויפ'ן יצר דערמיט, און ממילא, זאָל דער רב מוחל זיין און 'צופּאַסן' די מצוות פון דער תורה, לויט די צייט און דעם אָרט.

הרב אַבראַמסקי, וועלכער איז געווען אַ גוטער 'מבין' אויף זיי, האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס וועלן זיי וועלן אויפברענגען היינט, האָט ער באַלד ביים אָנהייב פונעם שיעור געזאָגט, אַז טאַקע פון די דערמאַנטע ווערטער פון רש"י, 'לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע', זעהט מען, אַז ביי די 'יפת תואר' האָט די הייליגע תורה מתיר געווען עובר צו זיין אויף אַן איסור, וויבאַלד אין אַזאַ ענין, איז זייער שווער פאַר דעם מענטש זיך צו שטאַרקן אויף זיין יצר הרע, און וויבאַלד מיר זעהען אַז **נאָר** ביי דעם האָט די תורה מתיר געווען, און נישט ביי אַן אַנדערן איסור, זעהט מען דאָך קלאָר פון דעם, אַז 'ירדה תורה לסוף דעתו של אדם', און ס'איז נישט דאָ אַפילו איין איסור וואָס דער מענטש קען זאָגן ביי דעם, אַז ער איז נישט בכח זיך צו שטאַרקן אויף זיין יצר הרע ביי דעם נסיון, און מ'מוז איהם מתיר זיין עס צו טוהן.

**י.** די גמרא זאָגט (ר"ה טז.) אַז ראש השנה, בלאָזט מען תקיעה און תרועה און תקיעה זיצנדיג, און דאַן בלאָזט מען נאָך אַמאָל שטייענדיג, כדי צו צעטומלען דעם שטן. זאָגט תוספות (שם ע"ב, ד"ה 'כדי'), אין נאָמען פונעם ירושלמי, אַז ווען דער שטן הערט בלאָזן שופר איינמאָל, ווערט ער דערשראָקן, אָבער דערנאָך באַרואיגט ער זיך. אָבער ווען ער הערט בלאָזן אַ צווייטן מאָל, זאָגט ער, אָט דאָס איז שוין זיכער דער 'שופר גדול' פון משיח, ווען עס וועט קומען דעם שטן'ס סוף. פון דעם ווערט ער צעטומעלט, און ער קען נישט מקטרג זיין ח"ו אויף אידישע קינדער.

פרעגט די וועלט, וואָס ווערט דער שטן אַזוי דערשראָקן? מ'האָט דאָך שוין אויך פאַריאָר ראש השנה, געבלאָזן תקיעה, שברים, תרועה, און ס'איז נישט געווען דער 'שופר של משיח'. דאָס זעלבע חזר'ט זיך איבער יעדעס יאָר, און די גאולה איז נאָך אַלץ נישט געקומען. אויב אַזוי, וואָס דערשרעקט זיך דער שטן אַזוי ווען מיר בלאָזן שופר?

ענטפערט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, אין ספר 'דברי יואל', לויט ווי עס איז באַקאַנט (ישמח ישראל', חנוכה, אות נו) אַז הרה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע האָט געפרעגט זיין רבי'ן, דעם אר"י הקדוש זי"ע, אויף די ווערטער פון ירושלמי (שבת

דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, שרייבט אָנהייב היינטיגע סדרה (כא, יא), דער גאַנצער בנין פון דער וועלט און זיין קיום, ווענדעט זיך אין די מעשים פון די אידן. אויב די אידן גייען אויף גוטע וועגן האָט די וועלט אַ קיום. 'ישמחו השמים ותגל הארץ'. אויך דער איבערשטער פרייט זיך מיט אונז, און די גלייכע וועגן פון די אידן ווענדן זיך אין זייער נצחון איבער דעם יצר הרע, עכ"ל.

---

פ"ה ה"ד) אַז אַ שכנ'טע פון רבי אלעזר בן עזריה האָט געהאַט אַ קוה וואָס האָט געטראָגן אין שבת אַ פאַסיק צווישן אירע הערנער, און וויבאַלד רבי אלעזר בן עזריה האָט נישט מוחה געווען קעגן דעם חילול שבת, ווערט עס גערעכענט אַזוי ווי זיין אייגענע קוה וואָלט אַזוי אַרויסגעגאַנגען אין שבת. צוליב דעם האָט ער געפאַסט אַסאַך תעניתים צו האָבן אַ כפרה אויף דעם פגם, און זיינע ציין זענען שוואַרץ געוואָרן פון די תעניתים.

האָט רבי חיים וויטאַל געפרעגט דעם אריז"ל, אויב פאַר אַזאַ 'חטא' האָט רבי אלעזר בן עזריה געפאַסט אַזוי פיל תעניתים, וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן? מיר זענען דאָך אין אַ פיל שוואַכערע מדריגה ווי דער הייליגער תנא רבי אלעזר בן עזריה.

האָט דער אריז"ל איהם געענטפערט, אַז דאָס אַלעס איז געווען שייך אין די פריערדיגע דורות, אָבער היינטיגע צייטן, אין דעם ביטערן און פינצטערן גלות, ווערט אויך איין קרעכץ וואָס אַ איד לאָזט אַרויס פון האַרץ מיט אַן אמת'ע כוונה, גערעכענט אַזוי ווי אַסאַך תעניתים אין די פריערדיגע דורות.

דאָס מיינט, אַז **וואָס שווערער עס קומט אָן מקיים צו זיין אַ מצוה, האָט די מצוה אַ גרעסערע חשיבות**, און דאָס איז די כוונה פון די גמרא, דער שטן - דער יצר הרע - ווייסט, אַז יעדעס יאָר ווערט די עבודה פילפאַכיג שווערער, צוליב דעם גרויסן הסתר פנים און פינצטערניש וואָס שטאַרקט זיך כסדר אויף דער וועלט. ממילא, טוט אַלץ מער און מער שיינען יעדע מצוה וואָס אַ איד איז מקיים היינטיגע צייטן. און אַוודאי געוויס אַזאַ גרויסע מצוה ווי תקיעת שופר. ממילא, איז נישט קיין ראיה פון דעם וואָס מיר זענען נישט אויסגעלייזט געוואָרן אַ יאָר פריער, אַז מ'וועט ח"ו אויך היי יאָר נישט אויסגעלייזט ווערן, ווייל פאַריאָר איז דאָך די 'הסתרה' געווען קלענער ווי היי יאָר, און **ס'איז מעגליך אַז דייקא דאָס היי יאָריגע שופר בלאָזן וועט העלפן ברענגען משיח צדקינו, ווייל די 'הסתרה' פון היי יאָר איז גורם אַז אונזער שופר בלאָזן זאָל מאַכן אַ גרעסערן 'טומל' אין הימל. און טאַקע צוליב די ירידת הדורות, זענען מיר אימשטאַנד זוכה צו זיין צו דעם שופר של משיח, אין זכות פון אונזערע תקיעות.**

מ'קען צולייגן צו די הייליגע ווערטער פונעם סאַטמאַרער רב זי"ע, דער 'בעל הטורים' זאָגט (פרשת נצבים, ד"ה 'את לבבך'), אַ רמז אין פסוק (תהלים כז, יג) 'לולא האמנתי לראות בטוב ה' בארץ חיים'. דאָס וואָרט '**לולא**' האָט די זעלבע אותיות ווי '**אלול**', וואָס פון אלול און ווייטער ציטער איך פאַר דעם אויבערשטען. דאַרף מען פאַרשטיין דעם רמז אין דעם וואָרט 'לולא', אַז די אותיות זענען איבערגעדרייט, פאַרקערט פון 'אלול'.

אָבער לויט די ווערטער פון סאַטמאַרער רב, אַז וואָס שפּעטער איז דער דור אין אַ קלענערע מדריגה ווי דער פריערדיגער דור, און ממילא האָט די עבודה פון היי יאָר, חודש אלול תשפ"ה, האָט אַ גרעסערע חשיבות אין הימל ווי די עבודה פון חודש אלול תשפ"ד, און **לויט די שוועריגקייטן וואָס מערן זיך פון יאָר צו יאָר, איז יעדע קליינע פעולה חשוב'ער אין הימל.** דאָס איז מרומז אין דעם אות ל' ביים סוף פון וואָרט 'אלול', וואָס איז מרמז אויף אַ קליינע פעולה, איז עס היי יאָר 'פריער' - דאָס ערשטע אות אינעם וואָרט 'לולא', ווייל **יעדע קליינע פעולה היי יאָר, איז חשוב'ער ווי די קליינע פעולות פון פאַריאָר...**

דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר פאַר דעם כלל, נאָר אויך פאַר יעדן פרט. דער מענטש קען טראַכטן, איך בין דאָך שוין אַדורכגעגאַנגען אַזוי פיל מאָל דעם חודש אלול, און זעה נאָר וואָס פאַראַ פנים איך האָב... דאַרף מען נאָר געדענקען, ווי געזאָגט, אַז יעדער שפּעטערדיגער חודש אלול, איז חשוב'ער ווי דער פריערדיגער חודש אלול. **אַזאַ אלול ווי היי יאָר, האָסטו נאָך נישט געהאַט, און דאָס יאָר אין חודש אלול, קענסטו יאָ האָבן הצלחה.** אויך טאָר מען נישט זאָגן מיט שרעק, איך געפין זיך דאָך אין אַזאַ נידעריגן מצב. דער חודש אלול וועט מיר שוין נישט העלפן, נאָר אדרבה, **וואָס שווערער עס איז, האָט דער חודש אלול אַ גרעסערע חשיבות, און כאָטש מיר זעהען עס נישט און מיר שפּירן עס נישט, אָבער דער שטן, וואָס ער איז אַ מלאך, זעהט עס יאָ, און ער 'פאַרשטייט' אַז היי יאָר אי"ה, וועט דער שופר יאָ ברענגען משיח'ן, און אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פונעם ביטערן גלות.**

**זעהען** מיר קלאָר פון די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש, אַז דער גאַנצער קיום פון דער וועלט ווענדעט זיך אין דעם אויב מ'שטאַרקט זיך קעגן דעם יצר הרע. דאַן איז 'ישמח ה' במעשיו' - פרייט זיך דער אויבערשטער מיט די גאַנצע בריאה.

### והיה מחניך קדוש - השראת השכינה ווענדעט זיך אין די קדושה פון אידן

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (כג, טו) 'כי ה' אלוקיך מתהלך בקרב מחנך להצילך ולתת אויביך לפניך, והיה מחניך קדוש, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך'[יא].

**די** ספרים הקדושים רעדן אַסאַך איבער דעם ענין, ווי ווייט מ'דאַרף זיך האַלטן הייליג, ווייל די השראת השכינה ביי אידן ווענדעט זיך אין די קדושה פון יעדן איינצעלנעם איד[יב].

**עס** שטייט אין ספה"ק 'שפת אמת' (פ' כי תצא, שנת תרמ"ג) אויף דעם פסוק 'כי ה' אלוקיך מתהלך בקרב מחניך'. זאָגט דער 'שפת אמת', דער פסוק זאָגט נישט כי ה' אלוקיך 'מהלך' בקרב מחניך - דער

---

**יא.** דער 'שפת אמת' (פ' כי תצא תרל"ט, ד"ה 'ובמ"א') טייטשט דעם פסוק 'ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך'. **'לא יראה' - עס זאָל דיר נישט געפעלן, נאָר דו זאָלסט זיך הייליגן ביז דו ווערסט פאַר'מיאוס'ן דאָס שלעכטע...**

**יב.** ביי אַן אסיפה וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט ווין, אין חודש אלול תרפ"ג, מיט די באַטייליגונג פון גדולי ישראל, בראש מיט'ן 'חפץ חיים' זי"ע, און דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, און אַנדערע אדמורי"ם און רבנים, האָבן די אָרגאַניזירער צוגעגרייט נאָך אַ שטאָק פאַר'ן 'עזרת נשים'. פאַר די אסיפה, זענען די משמשים פון גערער רבי'ן אַריינגעקומען אין זאַל וואו עס איז פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג, און נאָכ'ן באַטראַכטן דעם 'עזרת נשים' אויבן, האָבן זיי געזאָגט אַז דער גערער רבי וועט נישט אַריינקומען אין זאַל, ביז מ'וועט נישט אַוועקשטעלן אויבן אַ געהעריגן פירהאַנג.

איז אַנטשטאַנען אַ וויכוח צווישן די עסקנים, ווייל פילע פון זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז דער עזרת נשים איז גענוג הויך, און מ'דאַרף נישט אויך אַוועקשטעלן דאָרט אַ מחיצה. האָט מען באַשלאָסן צו פרעגן דעם 'חפץ חיים' זצ"ל, זיין מיינונג. נאָכ'ן אויסהערןביידע צדדים, האָט דער 'חפץ חיים' געזאָגט:

- ריכטיג, מצד הדין מעג מען דאָ זיצן אויך אָן אַ מחיצה. אָבער וויבאַלד עס זענען דאָ אידן וואָס בעטן מ'זאָל מחמיר זיין דערין, און מ'זאָל יאָ אויפשטעלן אַ מחיצה, זענען מיר מחויב אַזוי צו טוהן, און אַוועקשטעלן אַ פירהאַנג, ווייל דער גרעסטער אומגליק וואָס קען ח"ו פאַסירן מיט כלל ישראל, איז דאָך אַז דער אויבערשטער וועט אונז חלילה פאַרלאָזן, ווייל כל זמן דער אויבערשטער איז מיט אונז, דאַרפן מיר נישט מורא האָבן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כג, ד) "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי', אָבער אויב דער באַשעפער וועט אונז ח"ו פאַרלאָזן, זאָגט שוין דוד המלך ע"ה (שם ל, ח) 'הסתרת פניך הייתי נבהל'.

און דער 'חפץ חיים' האָט פאָרגעזעצט: וואָס איז גורם אַז דער באַשעפער זאָל ח"ו פאַרלאָזן כלל ישראל? זאָגט שוין דער פסוק, 'ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך'. קומט אויס, **אַז יעדער 'הידור' וואָס מ'קען טוהן אין דעם ענין פון 'ולא יראה', איז אַלעס ווערד, כדי עס זאָל נישט מקוים ווערן 'ושב מאחריך' ח"ו**, ווייל מיר דאַרפן דאָך אָנקומען יעדע סעקונדע צו דער הילף פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, ממילא, דאַרף מען מחמיר זיין אין דעם ענין. דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט:

- **ווי אַזוי ווערט נישט צעגאַנגען אַ אידיש האַרץ, פון די גרויסע מורא פון 'ושב מאחריך'?**

שפּעטער, ווען מ'האָט איבערגעזאָגט די ווערטער פונעם 'חפץ חיים' פאַר דעם 'אמרי אמת', האָט ער עס איבערגע'חזר'ט מיט התפעלות דעם מורא'דיגן געדאַנק.

די דאָזיגע מעשה האָט מערערע מאָל דערציילט דער ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה, הגאון רבי אברהם קאַלמאַנאָוויטש זצ"ל, וועלכער איז געווען בשעת מעשה, און האָט געהערט די ווערטער פונעם 'חפץ חיים'. זיין זון, הגאון רבי שרגא משה קאַלמאַנאָוויטש זצ"ל, האָט צוגעגעבן: דער חפץ חיים האָט דאָ מחדש געווען אַ וואונדערליכן חידוש, אַז מ'זאָל נישט זאָגן, דער אויבערשטער, אָדער געפינט ער זיך צווישן אונז, אָדער נישט... נאָר עס זענען דאָ אין דעם אַסאַך מדריגות. **לויט וויפיל מ'איז מוסיף און מהדר אין דעם 'ולא יראה', אַזוי פיל איז**

אויבערשטער 'גייט אַרום' אין דיין מחנה, נאָר 'מתהלך' - אַ לשון 'מתפעל'. דאָס הייסט, דער אויבערשטער כביכול ווערט 'געפירט', לויט ווי אידישע קינדער פירן איהם. דאָס הייסט, לויט ווי הייליג די אידן זענען, אַזוי ווערט דער אויבערשטער כביכול 'געפירט' פון זיי. דורך דעם וואָס זיי פירן זיך הייליג - 'והיה מחניך קדוש'.

**דאָס** איז אַ גרויסער יסוד אין יראת שמים, צו אַנטלויפן פון אַן עבירה, און פון יעדע זאַך וואָס קען חלילה צוברענגען דעם מענטש צו אַן עבירה. דער מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון יעדע זאַך וואָס קען ברענגען צו אַ נסיון, ווייל ווען עס קומט שוין אונטער דער נסיון און דער יצר הרע 'ברענט' שוין, איז פיל פיל גרעסערע די סכנה געשטרויכלט צו ווערן ח"ו.

**דאָס** זעהען מיר פון די ווערטער וואָס עס שרייבט דער 'ספורנו', אויף דעם פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה (כה, יד) 'לא יהיה לך בביתך איפה ואיפה'. זאָגט דער 'ספורנו', נישט נאָר טאָר מען נישט נוצן פאַלשע וואָגשאָהלן ווען מ'פאַרקויפט עפּעס פאַר די קונים, נאָר ס'איז אסור מן התורה עס אפילו צו האַלטן אין הויז.

**זאָגט** דער 'ספורנו' ווייטער, אַז נאָך דעם ווי די תורה דערמאנט די וועגן ווי אַזוי דער אויבערשטער מאַכט רוהען זיין שכינה צווישן אידישע קינדער, האָט ער אונז אויך אָנגעזאָגט, אַז נישט נאָר האָט דער אויבערשטער פיינט ווען מ'פאַרדרייט דעם דין, נאָר ער האָט אויך פיינט ווען מ'האַלט אין אייגענעם באַזיץ די כלים וואָס זענען אָנגעגרייט צו טוהן אַן אומרעכט, און מ'דאַרף דערווייטערן יענע כלים, כדי מיר זאָלן נישט פאַרשמירן דערמיט אונזערע נשמות, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שם, פסוק טז) 'כי תועבת ה' כל עושה אלה'[יג].

**קראוהו בהיותו קרוב - דער 'סעזאָן' פון חודש אלול איז דער תהלים**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (כא, יג) 'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים', וואָס דער זוהר הקדוש (זוהר חדש, עב.) דרש'ענט די פסוקים אויף דעם ענין פון תשובה, אַז 'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים', מיינט מען חודש אלול, ווען משה רבינו ע"ה איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג צו בעטן רחמים ביי דעם אויבערשטען, ער זאָל מוחל זיין פאַר די אידן דעם חטא העגל.

**זאָגט** הרה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע ('עץ הדעת טוב', פ' כי תצא, ד"ה 'או ירמוז'), אַז דער עיקר פון די תשובה איז אין חודש אלול[יד], וואָס ווערט אָנגערופן 'ירח ימים', די ימים נוראים, ווייל דעמאָלס ווערט די תפילה געהערט.

---

**דאָ מער השראת השכינה אין די 'שמירה' וואָס קומט מיט איר. אויב מ'איז חלילה וויניגער מהדר דערויף, פאַרקלענערט מען ח"ו די השראת השכינה - נאָך אַביסל פון 'ושב מאחריך' רח"ל.**

אַזוי שרייבט דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד ('קובץ מאמרים ואגרות', גלות וגאולה, עקבתא דמשיחא), אַז דער 'חפץ חיים' זצ"ל פלעגט זאָגן, דער אויבערשטער ווערט באַצייכענט אַלס 'שומר עמו ישראל'. דער באַשעפער איז דאָך נישט אַ 'שומר שכר', ווייל מיר טוהען איהם דאָך גאָרנישט באַצאָלן פאַר זיין שמירה. ממילא, האָט דער אויבערשטער דעם דין פון אַ 'שומר חינם', און עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך, אַז אין די סעקונדע ווען דער 'שומר חינם' וויל אָפּשטעלן די שמירה, קען ער עס טוהן. אויב אין דער תורה שטייט, 'ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך', קומט אויס אַז דעמאָלס קען דער אויבערשטער ח"ו אָפּשטעלן די שמירה.

ממילא, איז דאָך **'מדה טובה מרובה', אַז ווען מיר זענען מוסיף קדושה מער ווי פריער, טוט דער אויבערשטער אונז היטן מיט אַסאך א בעסערע שמירה.**

**יג.** די ווערטער פונעם 'ספורנו' זענען ווי אַ נבואה פאַר אונזערע היינטיגע דורות, אַז נישט נאָר טאָר מען זיך נישט באַנוצן מיט די פאַרשאָלטענע 'כלים', נאָר מ'דאַרף עס דערווייטערן פון אונזערע שטובער ווי ווייט מעגליך. מ'דאַרף זאָגן 'צא טמא', מיר ווילן נישט האָבן קיין שייכות מיט דעם.

**יד.** אַ תלמיד פון סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל, דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ בחור אַ יתום ל"ע וואָס האָט געלערנט אין די סלאָנימער ישיבה (ווען דער 'נתיבות שלום' איז נאָך געווען דער ראש ישיבה), און אין משך פון אַ תקופה, איז ער געקומען שפּעט צום דאַווענען, און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל איהם זאָגן אַ וואָרט, ווייל ער האָט דאָך לײדער נישט געהאַט קיין טאַטן ל"ע. ביי אַן אסיפה פון די הנהלת הישיבה, איז אַרויפגעקומען

**דער** ווילנער גאון זי"ע שרייבט (אדרת אליהו, פ' כי תשא, פל"ג, ז) אויפ'ן פסוק (דברים ט, כה) 'ואתנפל לפני ה' וגו' ארבעים יום', אַז דאָס מיינט מען די טעג צווישן ראש חודש אלול און יום כיפור, וואָס אין די דאָזיגע

---

אויפ'ן טיש דער ענין פון דעם בחור דעם יתום, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער ראש ישיבה (דער 'נתיבות שלום') זאָל איהם אַריינרופן צו זיך, און איהם 'דערלאַנגען' אַ גוטן 'פסק', אַזוי ווי ער פאַרדינט.

אַלזאָ, מ'האָט אַריינגערופן דעם בחור צום ראש ישיבה, און ווען דער בחור איז אַריינגעקומען, האָט דער 'נתיבות שלום' איהם געפרעגט וואָס ער וויל. האָט דער בחור געענטפערט, 'איך בין געקומען כדי צו באַקומען דעם 'פסק' וואָס עס קומט מיר פאַר דעם וואָס איך קום נישט צום דאַווענען אין צייט'. האָט דער 'נתיבות שלום' זיך צעשריגן: 'וואָס?... איך זאָל דיר געבן אַ 'פסק'? איידער איך זאָג מוסר פאַר אַ תלמיד, טוה איך אָנפילן מיין האַרץ מיט אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו דעם תלמיד, און ערשט נאָך דעם קען איך איהם זאָגן מוסר. יעצט בין איך אָבער געווען פאַרנומען מיט מערערע זאַכן וואָס האָבן געפאָדערט פון מיר אַסאַך כוחות, און איך האָב נישט יעצט גענוג כוח צו אַרבעטן און זיך אָנצופילן מיט יענע געפילן פון ליבשאַפט, דעריבער איך דיך יעצט נישט אויס'מוסר'ן, קום אַלזאָ אַן אַנדערע צייט...'.

נאָכ'ן הערן אַזעלכע ווערטער פונעם ראש ישיבה, דעם 'נתיבות שלום', האָט דער בחור מער נישט געדאַרפט אַפילו נאָך איין מוסר-שמועס. ער איז פון דעמאָלס אָן געקומען באַצייטענס צום דאַווענען, ווייל ער האָט געזעהן ווי באַליבט און חשוב ער איז ביי דעם ראש הישיבה, און ער האָט געשפּירט אַז ער דאַרף איהם כאָטש צוריקגעבן אַביסל פון די דאָזיגע ליבשאַפט, און דאָס האָט געפירט דערצו ער זאָל זיך פאַרבעסערן אויף אַ פילפאַכיגן אופן.

לדידן ייאמר, מ'רופט אויס אין משך פון אַ גאַנצן חודש, דורך שופר-בלאָזן, אַז דער יום הדין קומט שוין באַלד אָן. מיר גרייטן זיך צו שטייען פאַר'ן באַשעפער פון דער וועלט 'כבני מרון', ווען דער אויבערשטער טוט משפט'ן 'כל יצורי עולמים'. **דער אויבערשטער כביכול טוט אָבער נישט משפט'ן זיינע ליבע אידישע קינדער ביז ער פילט זיך אָן פריער מיט אַ געוואַלדיגע ליבשאַפט צו זיי, און דעריבער ווערט ער אין משך פון אַ גאַנצן חודש אַ 'קרוב' און 'ידיד' מיט אונז כביכול - 'אני לדודי ודודי לי', און ער טוט זיך דערנעענטערן צו אונז מיט אַ שטאַרקע נאָנטקייט.** ווען דער מענטש פאַרשטייט - אַזוי ווי יענער בחור, דער יתום - ווי דער אויבערשטער האָט איהם ליב, טוט ער ממילא תשובה, און ער וואַרט נישט אויף די צייט ווען 'כל באי עולם עומדים לפניו כבני מרון', און מיט דעם פאַרדינט ער, אַז עס זאָל בכלל נישט זיין אַ 'פסק' ח"ו, נאָר עס וועט קומען אַ שנה טובה ומתוקה, שנת חדוה ודיצה.

## מן הבאר

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט געזאָגט, דער באַראָן ראָטשילד איז געווען באַקאַנט מיט זיין ברייטהאַרציגקייט, טיילנדיג צדקה פאַר רבבות אלפי ישראל. ס'איז געווען נאַטירליך אַז אַסאַך מענטשן זענען געקומען בעטן ביי איהם אַ נדבה, אַזוי אַז מ'האָט געדאַרפט וואַרטן אַ לאַנגע צייט אינעם פּאָדער-צימער פון זיין פּאַלאַץ, ביז מ'האָט געקענט אַריינקומען צום באַראָן, וואו יעדער איינער האָט אַראָפּגעלייגט זיין 'פּרשה', איינער האָט אַ קראַנק קינד ל"ע און אַ צווייטער האָט שוין חתונה געמאַכט דרייצן קינדער בלע"ה, אַ דריטער האָט נישט אַ דירה, און דער פערטער איז מטופל מיט... און אַזוי ווייטער און ווייטער. עס האָט פשוט נישט געקומען קיין עק צו די בקשות נאָך געלט. האָט דער באַראָן געזאָגט, אַז פון היינט און ווייטער זאָל יעדער נצרך אָנהייבן זיין 'דרשה' ווען ער וואַרט נאָך אין רייע אַריינצוקומען, און ווען ער וועט אַריינקומען צו איהם אין אפיס, זאָל ער איהם נאָר זאָגן די 'אונטערשטע שורה', וויפיל געלט ער דאַרף האָבן...

און דער רבי זי"ע האָט אויסגעפירט, דאָס זעלבע איז מיט די הייליגע טעג. אַריינצוקומען אין 'אינווייניגסטן צימער' (כביכול) אין ראש השנה, און דעמאָלס אַראָפּלייגן אַ גאַנצע 'דרשה', האָט דאָך נישט קיין זינען. דעריבער איז כדאי אַז שוין אין חודש הרחמים והסליחות זאָל מען אָנפאַנגען מיט די הכנות, אויסרעכענען און מתפלל זיין אויף אַלעם וואָס מ'דאַרף האָבן, און זיך צוגרייטן געהעריג אַז מ'זאָל קענען אַריינקומען אין ראש השנה 'לפני ולפנים'. אַזוי וועט מען קענען אין דעם טאָג פון ראש השנה, זאָגן די 'אונטערשטע שורה', און עס באַקומען מיט ליבשאַפט, פולע הויפענס מיט טובות און ברכות.

פערציג טעג, האָט משה רבינו ע"ה גאָרנישט געטוהן, נאָר ער האָט מתפלל געווען צום אויבערשטען פאַר די אידן, און צוליב דעם זענען די דאָזיגע פערציג טעג געוואָרן אויסגעשטעלט און צוגעגרייט פאַר תפילה און תחנונים[טו], ביז יום כיפור ווען דער אויבערשטער איז געוואָרן איבערגעבעטן צו די אידן.

**דער** 'שער המלך' (שער א. פ"ה) זאָגט, אַז פונקט ווי די גמרא זאָגט (ברכות ס.) אַז אין די ערשטע טעג פון די באַשאַפונג פון אַ קינד קענען זיינע עלטערן - טאַטע און מאַמע - בעטן אַז דאָס קינד זאָל זיין אַ בן זכר, ווייל דאַן קען מען נאָך איבערדרייען (מיט תפילה) דאָס קינד פון אַ נקיבה צו אַ זכר, דאָס זעלבע איז מיט די פערציג טעג פון אָנהייב חודש אלול ביז נאָך יום כיפור, וואָס זענען די טעג פון 'יצירת הולד' פונעם קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה. דעמאָלס קען מען בעטן פון דעם אויבערשטען רחמים ותחנונים, אַז כביכול זאָל איבערדרייען פון 'נוקבא' (אַ נקיבה) - פון מדת הדין, 'צו 'דוכרא' (אַ זכר) וואָס איז איננאַנצן אַ השפעה פון רחמים.

אין די יעצטיגע טעג, ווען מ'מאַכט די הכנה צום גרויסן יום הדין, ווען 'תחתוך קצבה לכל בריותיך', איז רעכט פאַר יעדן בר דעת צו וויסן, אַז אנשטאַט די יגיעה און שווערע אַרבעט אויף פרנסה, וואָס דער מענטש אַרבעט אַ גאַנץ יאָר, וואָס טוט סיי-ווי נישט העלפן (ווייל אַלעס איז דאָך סיי-ווי באַשערט און פאַרשריבן פון ראש השנה פאַר'ן מענטש), **איז וויכטיג פאַר יעדן איינעם צו 'שוויצן' אין** דעם חודש מיט'ן ספר תהלים[טז], און מיט תפילות בכלל, און מיט דעם טוט מען פאַרדינען גרויסע 'רווחים' פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה.

---

**טו.** מ'דאַרף פון דעם לערנען ווי אַזוי עס דאַרפן אויסזעהן די תפילות אין די הייליגע טעג, זיי דאַרפן זיין אין אַ בחינה פון 'ואתנפל', אַזוי ווי איינער וואָס ווייסט אַז נאָר דער קעניג איז אימשטאַנד איהם צו ראַטעווען, און אַזוי פאַלט ער צו זיינע פיס מיט תחנונים פון טיפן האַרצן, אוון מיט'ן גאַנצן כח...

**טז.** הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע האָט געזאָגט, אַז **דער עיקר פונעם משפט אין ראש השנה איז וועגן די תפילות אין חודש אלול, וויפיל מ'האָט געדאַווענט, און ווי אַזוי מ'האָט געדאַווענט, און צי מ'האָט געזאָגט אַסאַך קאַפּיטלעך תהלים.**

לויט דעם, האָט הרה"ק רבי מרדכי'לע זי"ע געטייטשט די ווערטער פון חז"ל (ר"ה יח.) אַז אין ראש השנה גייען אַלע מענטשן פון דער וועלט אַדורך פאַר דעם באַשעפער 'כבני מרון', און די גמרא טייטשט עס, 'כבני אמרנא' (וואָס דער פשוט'ער טייטש איז, שעפעלעך צו נעמען פון זיי מעשר), און רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון שמואל, אַז דאָס מיינט מען 'כחיילות של בית דוד'. זאָגט ער, 'אמרנא' איז פון לשון 'אמירה' - זאָגן. דאָס מיינט, **אַלע מענטשן פון דער וועלט ווערן גע'משפט וויפיל זיי האָבן מתפלל געווען**, און רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון שמואל, 'כחיילות של בית דוד', דאָס מיינט, **קאַפּיטלעך תהלים פון דוד בן ישי, וואָס זיי זענען די 'חיילים' און 'וואָפן' וואָס אידישע קינדער פאַרמאָגן אין אַלע דורות, און אויף דעם גופא איז דער משפט, וויפיל מ'האָט געזאָגט תהלים אין חודש אלול.**

ישראל עם קדושים אין אַלע דורות האָבן זיך טאַקע געפירט מרבה צו זיין מיט זאָגן תהלים אין די טעג פון חודש אלול, און אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק רבי שלום בער פון ליובאַוויטש צו זיין משמש בקודש (ווען ער האָט איהם געשיקט קויפן פאַר איהם אַ ספר תהלים), **אַז דער 'סעזאָן' פון חודש אלול איז דער תהלים.**

דער 'שער המלך' שרייבט (שער הראשון, פ"ב) אַז ער האָט געזעהן אין אַסאַך ערטער, און אויך זיינע עלטערן האָבן איהם דערציילט וועגן דעם שיינעם מנהג, פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור, צו זאָגן תהלים מיט געוויין באַלד נאָכ'ן דאַווענען. איינער וואָס קען, זאָל צוגיין צום עמוד און פאַרזאָגן תהלים, ווייל **דער עיקר איז אין דעם חודש, צו פאַרשניידן און פאַרטרייבן די מסטינים וואָס וויל שלעכטס טוהן חלילה פאַר אידישע קינדער**, דעריבער 'מאַן דיוסיף מוסיף', ווייל **דער בעסטער שוץ-מיטל קעגן די מקטרגים איז דער ספר תהלים**, וואָס ווערט אָנגערופן **'מזמורים'**, וואָס איז פון לשון 'לזמר עריצים', צו **פאַרשניידן** אַלע דערנער וואָס ווילן שלעכטס טוהן ח"ו.

ער פירט אויס, אַז אויב ס'איז דאָ אַ שטאָט וואו מ'ווייסט נישט פון דעם גוטן מנהג, איז כדאי זיי לאָזן וויסן אַז זיי זאָלן נישט אָפּלאָזן דעם ספר תהלים יעדן טאָג אין דעם חודש, און עס וועט זיין חשוב פאַר זיי ווי זיי וואָלטן געלערנט 'נגעים' און 'אהלות', און דער זכות פון דוד המלך ע"ה וועט זיי ביישטיין, זיי זאָלן אַרויסגיין גערעכט ביים משפט, לחיים ולשלום.

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר לגבי פרנסה,

נאָר לגבי יעדן ענין, קען דער מענטש פילפאַכיג פועל'ן אויב ער לייגט אַריין אַלע זיינע כוחות אין תפילות ווי ס'דאַרף צו זיין אין די יעצטיגע טעג, און אַזוי שפּאָרט ער זיך איין אַסאַך איבעריגע טירחות, אין משך פון גאַנצע קומענדיגן יאָר הבעל"ט.

---

דער גאון רבי חיים פלאַג'י זי"ע שרייבט (געברענגט אין ספר 'אבות הראש' פון זיין זון, חלק נפש יתירה, אות קפג) אַז **עס זענען דאָ דריי זמנים וואָס זענען מסוגל צו זאָגן תהלים: שבת קודש, יום טוב, ראש חודש, אָבער נאָך העכער פון די זמנים, איז חודש אלול.** ער האָט געגעבן אַ סימן דערויף, ווייל דאָס ערשטע קאַפּיטל פון תהלים פאַנגט זיך אָן מיט'ן וואָרט 'אשרי', וואָס איש די ראשי תיבות פון די ווערטער א'לול, **ש**'בת, **ר**'אש חודש, י'ום טוב, און צוליב דעם זאָגן חז"ל (ברכות י.) אַז יעדע פרשה וואָס איז געווען באַליבט ביי דוד המלך ע"ה, האָט ער אָנגעהויבן מיט 'אשרי', און געענדיגט מיט 'אשרי'.

דער גאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל אב"ד לובלין, האָט אַמאָל אין חודש אלול געשיקט אַ בריוו צו הרה"ג ר' דוד הלחמי ז"ל (וועלכער האָט געדינט אַלס גבאי אין דער ישיבה פון רבי מאיר שפּירא, 'ישיבת חכמי לובלין'), אַז ער זאָל איבערגעבן אין זיין נאָמען פאַר אַלע תלמידים אין די ישיבה, אַז **אויסער די צען קאַפּיטלעך תהלים וואָס מ'זאָגט יעדן טאָג אין חודש אלול, ווי עס ווערט געברענגט אין די פוסקים, זאָל מען אויך זאָגן יעדן טאָג קאַפּיטל קי"ט, וואָס איז פול מיט בקשות אויף רוחניות, תורה און קירבת ה', און דאָס איז די כוונה פון דעם זמן אין חודש אלול, צו ווערן נאָנט צו דעם אויבערשטען**, און מיר דאַרפן זיך משתדל זיין צו זאָגן דעם קאַפּיטל, אַמווייניגסטענס איין מאָל אַ וואָך.

מענין לענין באותו ענין, ס'איז באַקאַנט וואָס די קדמונים האָבן מתקן געווען צו זאָגן יעדן טאָג פון חודש אלול ביז נאָך שמחת תורה, ערב ובוקר, דעם קאַפּיטל 'לדוד ה' אורי וישעי' (מזמור כ"ז פון תהלים).

עס שטייט אין 'סידור האר"י - סידור רבי שבתי' (סדר כוונת ראש חודש אלול), אַז **דער וואָס זאָגט קאַפּיטל כ"ז, 'לדוד ה' אורי וישעי'** פון ראש חודש אלול ביז נאָך שמחת תורה אינדערפרי און ביינאַכט, יעדן טאָג, **איז פאַרזיכערט אַז ער וועט גוט אויסלעבן זיינע יאָרן און עס וועט איהם זיין זיס, און אַפילו אויב ס'איז חלילה פאַרשריבן געוואָרן אַ שלעכטע גזירה רח"ל אויפ'ן מענטש קען ער עס מבטל זיין, און ער נעמט אַראָפּ פון זיך אַלע מקטרגים און מסטינים, און ער מאַכט בטל אַלע שלעכטע גזירות**, אמן.

אין טייל קהילות פירט מען זיך אויך צו זאָגן גאַנץ ספר תהלים יעדן שבת פון די טעג פון חודש אלול, 'נהרא נהרא ופשטיה'. דער כלל איז, אַז **מ'טאָר נישט פאַרשלאָפן די צייט ח"ו מיט נאַרישקייטן, נאָר אדרבה, מ'דאַרף שרייען און בעטן דעם אויבערשטען, יעדער איינער לויט ווי ס'איז איינגעפירט אין זיינע קרייזן.**

**יז.** הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האָט דערציילט אַן עפּיזאָד וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט, וואָס פון דעם האָט ער זיך אַראָפּגעלערנט אַ לימוד אין עבודת השם אויפ'ן גאַנצן לעבן. די מעשה איז געווען, אַז אַן אָרימאַן איז געגאַנגען מיט זיין יונגל אויפ'ן וועג. ס'איז געווען קענטיג אויף זיי אַז שוין אַ לענגערע צייט האָבן זיי נישט טועם געווען קיין עסן. פּלוצלינג האָט דער טאַטע באַמערקט אַ גאָלדענע מטבע אויף דער ערד, און ער האָט געבעטן זיין זון אַז ער זאָל זיך אַראָפּבייגן און אויפהייבן די מטבע פון דער ערד, כדי זיי זאָלן פון דעם קענען קויפן עפּעס זיך צו דערקוויקן דאָס האַרץ. דאָס קינד האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אויפצוהייבן די מטבע, זאָגנדיג אַז ער האָט נישט קיין כח זיך אַראָפּצובייגן, ווייל ער איז שוואַך פון הונגער און דורשט. האָט דער טאַטע זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, און אויפגעהויבן די גאָלדענע מטבע, מיט וועלכע ער האָט שפּעטער געקויפט דרייצן עפּל, און עס געברענגט פאַר זיין זון זיך צו דערקוויקן דאָס האַרץ דערמיט.

דאָס קינד האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען די עפּל, מיט די טענה, אַז וויבאַלד ער האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט זיך אַראָפּצובייגן צו דער ערד אויפצוהייבן די מטבע, פאַרדינט ער נישט צו זעטיגן זיין הונגער מיט די גוטע עפּל. דער טאַטע האָט דאָך אָבער פאָרט געוואָלט אז זיין הונגעריג קינד זאל עסן פון די געקויפטע עפּל, האָט ער געזאָגט פאר'ן זון אַז ער וועט פאָראויסגיין פאַר איהם און אַזוי גייענדיג, האָט ער כסדר געוואָרפן אויף דער ערד א עפּל, און דאָס קינד, וואָס איז געגאַנגען הינטער איהם, האָט דאך נישט געוויסט אז דאס זענען זיין טאטעס עפּעלעך, האט ער זיך דאס מאל שוין יאָ אַראָפּגעבויגן און גוט אָפּגעשווענקט דאָס עפּל, און דאַן האָט ער עס געגעסן כדי צו שטילן דערמיט זיין הונגער, און אַזוי האָט ער געפונען אַלע דרייצן עפּל, און זיי אויפגעגעסן.

און רבי צדוק האָט אויסגעפירט די מעשה, **אויב דאָס קינד וואָלט זיך אַראָפּגעבויגן אַפילו איינמאָל אויפצוהייבן די מטבע פון דער ערד, וואָלט ער זיך דאָך נישט געדאַרפט באַמיען און זיך אַראָפּבייגן דרייצן מאָל, און יעדעס מאָל**

**אריה שאג מי לא יירא - זיך גרייטן מיט יראה צום יום הדין**

**עס** שטייט אין ספר 'מושב זקנים', פון רבותינו בעלי התוספות (ויקרא ו, ז) אז דער פסוק א'חד ל'חטאת ו'אחד ל'עולה איז ר"ת אלו"ל, ווייל ווען מ'האָט מקריב געווען קרבנות אין בית המקדש, ווען עס איז געקומען חודש אלול האָט יעדער איד געציטערט און תשובה געטוהן אויף זיינע עבירות, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ג, ו) 'אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו', און יעצט, אַז מיר האָבן נישט קיין קרבנות, איז כדאי פאַר יעדן איינעם צו ציטערן און פאַררעכטן זיינע מעשים צום גוטן, פון ראש חודש אלול און ווייטער אַזוי ווי אין דער צייט ווען מ'האָט מקריב געווען אַ קרבן עולה און אַ קרבן חטאת.

**אַזוי** שרייבט דער רבינו יונה ז"ל (שער היראה, אות קא) אַז פון חודש אלול ביז מוצאי יום כיפור, דאַרף מען ציטערן פונעם דין, און אַזוי שרייבט אויך דער 'בעל הטורים' (פ' נצבים, ד"ה 'את לבבך'), אויפ'ן פסוק (תהלים כז, יג) 'לולא האמנתי לראות בטוב ה', 'לולא' איז אותיות 'אלול', אַ רמז אַז פון חודש אלול און ווייטער האָב איך געציטערט פאַר דעם אויבערשטען[יח].

**אויך** איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער של"ה הקדוש זי"ע (אָנהייב מסכת ראש השנה), אַז אונזערע רבי'ס די קדמונים האָבן געגעבן אַ סימן אין לשון פון פסוק (עמוס ג, ד) 'אריה שאג מי לא יירא', ארי"ה איז ר"ת א'לול ר'אש השנה י'ום כיפור ה'ושענא רבא, ווייל אין די דאָזיגע פאָרכטיגע טעג, ווער ציטערט דען נישט פון פחד ה' והדר גאונו.

**אַזוי** שרייבט דער 'בית אהרן' (קל:, ד"ה 'התחיל'), אַז בעיקר דאַרף יעדער איד ממשיך זיין אויף זיך די יראה אין די יעצטיגע טעג אויף סיי וועלכן אופן נאָר מעגליך, ווייל 'כשיש דין למטה אין דין למעלה', און דאָס איז די כוונה פון מדרש 'כשישראל עושין המשפט, השם יתברך עושה עמם צדקה' - ווען אידן טוהען דעם משפט, טוט דער אויבערשטער מיט זיי אַ צדקה. און דער אופן פון די יראה איז, אויב ער איז פון די וואָס פאַרשטייען אַביסל און זענען נאָנט צו דעם אויבערשטען, האָבן זיי אַוודאי אַ יראה און פחד אין יענע טעג[יט], אַ 'יראה עילאה', און אויב נישט, 'מאימת הדין נפשי תבחיל'. מ'דאַרף זייער מורא האָבן און ציטערן, און דאָס איז דער עיקר, און דעמאָלס טוט דער אויבערשטער מיט זיי אַ צדקה, עכ"ד.

**מיר** זענען מתפלל צום באַשעפער אין די איצטיגע טעג, אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה', און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה, לחיים טובים ולשלום, עם כל ישראל אחינו ונאמר אמן.

---

**זיך פלאָגן און אָפּשווענקען דאָס עפל פונעם שמוץ פון דער ערד.** און דער אמת איז, אַז מ'קען זיך אַסאַך אַראָפּלערנען פון דעם סיפור, אַז מיט איין בייג שפּאָרט זיך דער מענטש אַסאַך **'בייגונגען' און באַמיאונגען שפּעטער.**

דאָס איז אַ לימוד פאַר אונז **אין חודש אלול, וואָס איז דער זמן ווען דער אויבערשטער קומט אַראָפּ און פאַרלאַנגט פון אונז 'איין בייג', מיט אַן אמת.** ער גיט אונז אויך דאָס 'עפל' - דאָס מיינט, ער ברענגט אַראָפּ אַ התעוררות אויף דער וועלט, און ער בעט פון אונז נאָר אַז מיר זאָלן זיך אַראָפּבייגן און אויפהייבן פון דער ערד די התעוררות וואָס ער האָט אונז געגעבן. אויב מ'טוט עס נישט חלילה, וועט מען דאַרפן דורכ'ן יאָר זיך 'אַראָפּבייגן' מערערע מאָל, און מעורר רחמים זיין, צעררייסן די גזירה נאָך דעם ווי ס'איז נגזר געוואָרן ח"ו אין די ימים נוראים. זאָגט מען פאַר דעם מענטש, אַז אויב ער וועט זיך אַראָפּבייגן אַפילו איינמאָל אויפצוהייבן די התעוררות פון דער ערד, וועט ער זיך מער נישט דאַרפן באַמיען און זיך אַראָפּבייגן.

**יח.** דער סטייפּלער זצ"ל פלעגט נאָכזאָגן אין נאָמען פון זיין שוואָגער, דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, אַז **'יראת שמים' היינטיגע צייטן מיינט, צו גלייבן אַז אַלעס וואָס גייט אַריבער אויפ'ן מענטש אין משך פון גאַנצן יאָר, איז שוין נגזר געוואָרן אין ראש השנה.**

**יט.** מ'דערציילט טאַקע אַז דער 'בית אהרן' זי"ע איז אַמאָל חודש אלול געווען אין דער שטאָט אַנטיפּאָלי, און ער האָט געדאַוונט שחרית אין הויז פון די אכסניא, און איידער ער האָט געלייגט רבינו תם'ס תפילין, האָט ער געזאָגט צו זין משמש:

**- שפּאַנט מיר גיכער איין די פערד, די האָר ברענט מיר פאַר פחד פון ראש השנה.**

# 'תשובה, תפילה, צדקה'

הגה"צ רבי חיים מיכאל בער ווייסמאַנדל זצ"ל האָט, ווי באַקאַנט, זוכה געווען אויפצושטעלן די נייטרער ישיבה אין אַמעריקע. פאַר די אויסהאַלטונג פון די ישיבה, האָט ער פון צייט צו צייט זיך באַגעגענט מיט רייכע אידן, ביי וועלכע ער האָט פרובירט אַרויסבאַקומען שיינע נתינות פאַר די ישיבה.

אַמאָל האָט רבי מיכאל בער געהאַט אַן 'אַפּאָינטמענט' ביי אַ רייכן איד אין מאַנהעטן. דער 'אַפּאָינטמענט' איז געווען באַשטעלט אויף פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. רבי מיכאל בער האָט באַשטעלט אַ 'טעקסי', און איז באַצייטענס אַרויסגעפאָרן קיין מאַנהעטן, כדי ער זאָל נישט פאַרשפּעטיגן חלילה די גורל'דיגע באַגעגעניש. דער 'דרייווער' איז אָבער געווען ניי אויף זיין אַמט, און ער האָט נישט געקענט גוט די וועגן וואָס פירן קיין מאַהענטן. ער האָט אַלזאָ עטליכע מאָל געבלאָנדזשעט אויפ'ן וועג (דעמאָלס איז דאָך נאָך נישט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ 'דזשי פּי עס'), אַזוי אַז מ'איז קוים אָנגעקומען צום גביר פינף אַזייגער נאָכמיטאָג. 'וכדי בזיון וקצף', ווייל דער סעקרעטאַר פון דעם רייכן סוחר, האָט איהם געזאָגט: 'איר האָט פאַרשפּעטיגט דעם אַפּאָינטמענט, און ממילא, דאַרפט איר באַשטעלן אַן אַנדערן 'אַפּאָינטמענט'...'.

איבעריג צו זאָגן, אַז רבי מיכאל בער איז אַרויסגעגאַנגען בפחי נפש, ווייל ער האָט דאָך פאַרברענגט אַ פאָר שעה מיט גאָרנישט. אַזאַ גברא רבא ווי רבי מיכאל בער, האָט דאָך אָבער געוואוסט אַז אַלעס איז מיט השגחה פּרטית פון הימל. האָט ער אַרויסגענומען דעם הייליגן ספר 'חובות הלבבות' און געזאָגט צו זיין משמש: מ'טאָר זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן אויף אַ נייעם 'דרייווער', נאָר אויף איינעם וואָס האָט שוין ערפאַרונג אין פירן... און **ווער איז דאָס דער ערפאַרענסטער 'דרייווער'? דאָס איז דאָך דער 'חובות הלבבות'**, וואָס כלל ישראל וואַרימען זיך מיט זיינע הייליגע ווערטער שוין הונדערטער יאָרן, און דער וואָס פאָרט לויט זיינע אָנווייזונגען, קומט אָן צום ציל וואו ער דאַרף אָנקומען, און טאַקע אויף באַצייטענס, אָן צער און עגמת נפש. נאָר דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף אַ נייעם דרייווער, פאָרט לאַנגע שעה'ן אויף די נישט ריכטיגע וועגן, און מיט'ן גאַנצן צער און עגמת נפש קומט ער אָן דאָרט וואו מיר זענען יעצט אָנגעקומען... 'לאחר המעשה', אָן קיין שום תועלת...

פון די מעשה קענען מיר לערנען אַ מורא'דיגן לימוד וועגן דעם חיוב פון 'השתדלות', אַז מ'דאַרף טוהן השתדלות נאָר אויף די וועגן וואָס דער 'חובות הלבבות' לערנט אונז ווי אַזוי מ'זאָל עס טוהן. צום ביישפּיל, צו מאַכן **נאָר אַביסל** השתדלות, און צו געדענקען אַז עס איז בלויז אַ 'השתדלות' - גאָרנישט מער פון דעם, און עס האָט נישט קיין שום השפעה און הכרעה אויף דעם וואָס פּאַסירט למעשה, ווייל **נישט מיט מיינע אייגענע כוחות וועל איך מצליח זיין, נאָר מ'דאַרף מתפלל זיין אויף די פרנסה, און בעטן אויף סייעתא דשמיא אויף יעדן שריט און טריט, און דאַן קען מען מצליח זיין.**

מיר שטייען דאָך שוין פאַר די הייליגע טעג, ווען מ'גייט זיך טרעפן מיט דעם באַשעפער ברוך הוא אין די טעג פון ראש השנה און יום כיפור. האָבן מיר אַן אַלטן 'וועג', וואָס דאָס איז 'תשובה תפילה וצדקה', און מ'קען נישט זוכן נייע וועגן אָנצוקומען צו עפּעס אַ תכלית, נאָר אויפ'ן אַלטן וועג, וואָס איז אויסגעטראָטן פאַר אונז מדור דור. אויב מ'לייגט אַריין כוחות אין דעם 'אַלטן וועג' פון 'תשובה, תפילה, צדקה', איז מען זוכה בעזהי"ת צו אַ שנה טובה ומתוקה.

אויף דעם זאָגן מיר, 'נחפשה דרכינו ונחקורה', לאָמיר נאָר זעהן אויף וועלכע וועגן מיר גייען, צי גייען מיר אויפ'ן גוטן וועג פון 'תשובה, תפלה, צדקה', וואָס אַזוי וועלן מיר אָנקומען צום תכלית אין דער ריכטיגער צייט, אָדער חלילה האָבן מיר זיך אויסגעזוכט נייע וועגן וואָס וועלן אונז פירן ח"ו...

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"לבבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

א בר אבטח
ד אני לדודי ודודי לי
ח נקודה למחשבה

## בר אבטח

### ארחות חיים תשמור;
וויאַזוי צו בעטן אַ טובה פון אַ בשר ודם

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור נט, יום ראשון פרשת פנחס, י"ג תמוז תש"פ

חלק א'

א

# ...לך על ה' יהבך; נאָכ'ן מתפלל זיין צו השי"ת, אַראָפּוואַרפן דעם גאַנצן פרעשור

**אותיות מחכימות** — חובת הלבבות שער הבטחון פרק ב'

...אַךְ הַסִּבּוֹת אֲשֶׁר בָּהֶן יִתָּכֵן הַבִּטָּחוֹן מֵהַבּוֹטֵחַ עַל הַבְּרוּאִים הֵן שֶׁבַע. אַחַת מֵהֶן: הָרַחֲמִים וְהַחֶמְלָה
...הֲבָה. כִּי הָאָדָם כְּשֶׁהוּא יוֹדֵעַ בַּחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא מְרַחֵם וְחוֹמֵל עָלָיו, יִבְטַח בּוֹ וְתָנוּחַ נַפְשׁוֹ עָלָיו כָּל
...שֶׁיַּטְרִיחֵהוּ מֵעִנְיָנָיו.

### ...קן אַז ס'איז געפּאַרפול צו בעטן

...ם פריערדיגן שיעור האָבן מיר געלערנט
... חובת הלבבות זאָגט אין אָנהויב פּרק
...ן אַ מענטש בעט אַ טובה פון א צווייטן,
...ער זיך בדרך כלל אַז יענער גייט עס טון,
...האָט דאָך רחמנות אויף מיר, ער האָט מיר
...איז מיר אַ נאָנטער, ער וויל זיכער מיין
...עריבער ליגט באַהאַלטן אַ גרויסע סכנה
...באַגריף פון בעטן טובות פון אַנדערע.
...**יסן וויאַזוי דאָס צו טון ריכטיג.** און בעיקר
... געדענקן אַז די בעסטע עצה איז, **צו**
**...ות פון דעם אמת'ן און גרעסטן בעל**
...און זיך פאַרלאָזן נאר אויף אים.

### ...לך פון בעטן טובות; בלייבן
...איג

...טראַכט אַריין, וועט מען באַמערקן, אַז
...ווי סאָרט מהלכים וויאַזוי מ'קען בעטן אַ
...אַנדערע מענטשן.

...דאָ איין סאָרט מהלך, אַז דער מענטש
...רבה פון איינעם, און **עטליכע סעקונדעס** **שפּעטער איז ער שוין ביי אַ צווייטן**, צו בעטן פון יענעם די זעלבע טובה, און דאַן ביי אַ דריטן, א.א.וו.

צום ביישפּיל: איינער זוכט אן אַרבעט, גייט ער צו זיין שוואָגער און פרעגט אים: "אפשר האָסטו עפּעס אַ גוטע פּרנסה פּאָרשלאַג פאר מיר?" זאָגט אים דער שוואָגער: "קען זיין כ'האָב עפּעס אַ געדאַנק, כ'וועל זען וואָס כ'קען טון דערוועגן". אָבער ער איז נישט רואיג. ס'גייט נישט דורך אַפּאָר סעקונדעס און ער פרעגט אן אַנדערן חבר: "אפשר האָסטו אן אַרבעט פאר מיר? איך האָב נישט קיין פּרנסה". יענער זאָגט אים: "איך וועל טראַכטן וועגן דיר", אָבער **ער שפּירט נאָכנישט אַז ער איז אַ געהאָלפענער**. שפּאַצירט ער אַריין אין אַ לאָקאַלע אָפיס און פרעגט: "וואָס הערט זיך? אפשר האָט איר אַרבעט פאר מיר?", און אַזוי גייט ער פון איינעם צום צווייטן.

דאָס זעלבע איז שייך ביי אַלע סאָרט פּראָבלעמען וואָס אַ מענטש וויל לעזן. צום ביישפּיל: מ'האָט אים מודיע געווען פון זיין זון'ס ישיבה, אַז ער דאַרף צושטעלן אַ יונגערמאַן וואָס זאָל לערנען מיט זיין בחור בחברותא. **אַצינד פרעגט ער זיך נאָך,** **ביי וועמען ער טרעפט נאר**, ווער ס'קען לערנען מיט זיין זון. ער רופט אן אויפ'ן טעלעפאָן און ער שטעלט אָפּ מענטשן אין גאס, ווייל ער דאַרף יעצט האָבן די זאַך זייער וויכטיג, און **ער איז אומרואיג.**

### נאָך אַ מהלך פון בעטן טובות;
### זיך פאַרלאָזן אויף איינעם

אָבער ס'איז אויך דאָ נאָך אַ סאָרט מהלך פון בעטן טובות פון אַנדערע, דאָס איז ווען מ'וויל האָבן אַ גרעסערע און מער ערנסטע טובה, און מ'דאַרף וויסן וועמען דאָס צו בעטן, **ס'איז נישט קיין זאַך וואָס מ'קען זיך סתם דרייען אין שול און פרעגן יעדן פאַרבייגייער**... ס'האָט עפּעס נישט קיין טעם צו אָפּשטעלן יעדן איינעם דערוועגן.

דער מענטש טראַכט אַסאַך וואָס ער קען דאָ טון. ביז ער קומט אויף מיט אַ רעיון: "אָה, איך גיי פּרובירן צו רעדן מיט יענעם". ער רופט אן אויפ'ן טעלעפאָן מיט אַזאַ ישוב הדעת'דיגע טאָן: "ווען קען מען זיך אפשר טרעפן מיט אייך? יאָ, כ'האָב געוואָלט דורכשמועסן עפּעס אַ וויכטיגער ענין". צו דער באַשטימטער צייט קומט ער אַריבער, און גיסט זיך אויס זיין האַרץ מיט אַ בקשה אַז יענער זאָל אים טון די טובה.

ס'מוז נישט זיין דוקא מיט דער סאָרט הקדמה, די נקודה איז בעיקר: דער צוגאַנג וויאַזוי דער מענטש בעט די טובה. ער האָט נישט יעצט אין פּלאַן צו בעטן די זעלבע טובה פון נאָך צען מענטשן, ווייל **ער האָפט אַז יענער גייט עס אים קענען מסדר זיין,** און דעריבער גייט ער דאָס נישט בעטן פון אַנדערע.

...א יקר! הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך!

לנדב וליטול חלק בההוצאות המרובות לזכות את הרבים נא לצלצל
718.387.1122 EXT 5

פון דער זייט, אַז גלייך נאָכדעם וואָס
האָט זיך אויסגערעדט צו אונז, **גייט ער**
**נדיגן מענטש אין בית המדרש, און ער**
**אַמאָל איבער די גאַנצע דרשה,** און יענער
כט טאַקע אַז ער גייט אים פּרובירן צו
וואָס וואָלט געווען אונזער אויטאָמאַטישע
פאר דעם וואָס האָט געבעטן די טובה?
**ר, זיי מיר געזונט... אויב אַזוי, דאַרף איך**
**טון, יענער קען דיר אויך העלפן"...**

## טונג געבן פון אַ שלעכטער געפיל

קען מען נישט צוגלייכן אַ בשר ודם
נהגה פון השי"ת, כביכול. אָבער אויב

נאָכדעם וואָס דו האסט מתפּלל געווען צום אויבערשטן, שפּירסטו אַז אַ צווייטער וועט עס מסדר זיין, דעמאָלט איז דער פּשט דערפון אַז **דו האסט אָפּגעלאָזט דיין פאַרזיכערונג אין השי"ת.** ס'קען זיין אַז דו האסט טאַקע יאָ געהאַט אַ גוטע מחשבה בשעת דו האסט געדאַוונט, אָבער למעשה, יעצט ביסטו פאַרגאַנגען דערפון.

אויב אַ מענטש דאַוונט און נאָכדעם פאַרלאָזט ער זיך אויף אַן אַנדערן מענטש, איז דאָס צומאָל **אַ 'גילוי דעת' אַז זיין תפלה איז בכלל נישט געווען מיט דער ריכטיגער כוונה,** והא ראי' אַז גלייך נאָכ'ן דאַווענען לויפט ער אַרום בעטן טובות פון אַנדערע. צומאָל קען אָבער זיין אַז ער האָט יאָ ריכטיג געדאַוונט מיט אַ ריינע געפיל פון בטחון, נאר **נאָכדעם האָט ער דאָס צעבראָכן,** דורכדעם וואָס ער איז זיך בוטח אין אַנדערע.

על כל פּנים. ס'איז נישטאָ קיין איסור צו גיין בעטן אַ טובה פון אַ מענטש נאָכ'ן דאווענען, אָבער **געב אַכטונג אַז ס'זאָל נישט זיין מיט דער הרגשה כאילו "יענער גייט מיך העלפן".** טו עס מיט אַ קאַלטקייט אָן קיין שטאַרקע געפיל! געדענק בשעת מעשה אַז בלויז דער רבוש"ע, צו וועמען דו האסט געדאַוונט, נאָר ער, גייט דיך העלפן מיט דעם ענין.

ב

# העושה לי כל צרכי; מ'קען אַלעס באַקומען, אויך אָן דעם וואָס מ'זאָל עס נאָכלויפן

## השתדלות איז ממש איבריג

ר מ'גייט בעטן אַ טובה פון אַנדערע, איז
ויכטיגער כלל צו געדענקן: דער רבוש"ע
אַפן די וועלט מיט אַ סיסטעם, אַז **אַלעס**
**מענטש ברויך האָבן, קען אָנקומען צו אים,**
**עם וואָס ער זאָל דאָס דאַרפן נאָכלויפן!**
איינער קען טרעפן ביי זיך אַליין
שיות, וויאַזוי ער האָט אַמאָל געדאַרפט
בן זייער וויכטיג, ער האָט פּרובירט און
תדלות דערפאַר, און **דערווייל איז עס**
**ן גענצליך פון אַן אַנדערן ריכטונג.**
ר דערמאַנען אַזעלכע מעשיות, ווייל דאָס
ק צו דערהערן און פאַרשטיין אַז **ס'איז**
**ט מוכרח אַז די ישועה דאַרף קומען דורך**
. מעגליך אַז מען מעג זאָגן פאר מענטשן
שוין אויס שידוכים", אָבער עס מוז לגמרי
אַז דאָס גייט יעצט ברענגען די ישועה!

## ינוועסטירן האָפענונג אין דער לות

איז טאַקע דאָ אַ פאַל ווען קיינער ווייסט
דו דאַרפסט האָבן די טובה, דעמאָלט
שוין זיין אויף אַ היכע מדריגה נישט צו
וועגן מיט קיינעם, נאר צום אויבערשטן
ער **על פּי רוב איז עס דאָך נישט קיין**
**נע זאַכן.** צום ביישפּיל ווען מ'דאַרף אַ
מיט אַ קינד, איז עס נישט קיין גרויסער
נליך ווייסן מענטשן אַז דו האסט אַ קינד
אָרגאַנג.
ז'וויל קען מען דערמאַנען פאַר'ן שדכן,
אַ קינד אין די יאָרן, אָבער **געדענק**
**ט בכלל נישט אַריינלייגן אַלע ענערגיע**
**השתדלות.** געדענק אַז ס'העלפט סייווי
זיך איין אַז דער רבוש"ע וועט דיר שוין
קן דעם ריכטיגן שידוך ווען ס'וועט זיין
טע צייט.

## ט נישט קיין פרישן צעטל...

מיר דערציילט אַ יונגערמאַן פון ארץ

ישראל, אַז אַמאָל האָט ער געדאַרפט אַרויספאָרן קיין חוץ לארץ אויף עטליכע חדשים, און ער האָט געוואָלט פאַרדינגען זיין דירה, אויף דער תקופה ווען ער וועט זיין אין אויסלאַנד.

איז ער געגאַנגען און געלייגט אַ צעטל אין בית המדרש אַז ס'איז דאָ אַ דירה צו פאַרדינגען אויף עטליכע חדשים. אָבער **ממש עטליכע שעה שפּעטער האָט דער גבאי פון דער שול באַשלאָסן אָפּצורייניגן די ווענט פון דער שול...** דער גבאי האָט אַראָפּגעריסן אַלע צעטלעך, אַריינגערעכנט אויך די מודעה איבער זיין דירה, וואָס איז ממש יעצט אויפגעהאָנגען געוואָרן.

דערציילט דער יונגערמאַן, אַז ער האָט געהאַט אַ וויכוח מיט זיין בני בית אין שטוב, צי ער זאָל לייגן נאָך אַ צעטל אין ביהמ"ד... זיין אידענע האָט גע'טענה'ט אַז מ'דאַרף דאך טון נאָרמאַלע השתדלות. אָבער ער האָט געזאָגט: "איך האָב שוין געטון מיין השתדלות, איך האָב געלייגט אַ מודעה אין ביהמ"ד, און אַז דער גבאי האָט דאָס אַראָפּגענומען, איז דאָס שוין נישט מיין עסק".

למעשה האָט ער געוואונען דעם אַרגומענט... **ער האָט נישט אויפגעהאָנגען קיין פרישן צעטל,** און ווי ערוואַרטעט האָט טאַקע קיינער נישט גערופן. קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט אין דער דירה, און ס'האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרלוירענע זאַך.

> "אַז דער גבאי האָט דאָס אַראָפּגענומען, איז דאָס שוין נישט מיין עסק"

ס'איז געקומען דער טאָג וואָס ער האָט געדאַרפט אַרויספאָרן. פּונקט איז ער אַרויס פון שטוב כדי איינצוקויפן מעדיצין פאר אַ קינד וואָס האָט זיך נישט גוט געשפּירט, און אַזוי גייענדיג אויפ'ן גאס שטעלט זיך אָפּ אַ קאַר. דאָרט זיצט **עמיצער וואָס וואוינט בכלל נישט אין דער געגנט** און יענער שרייט אַרויס פון פענסטער: "אַנטשולדיגט ר' איד, איר ווייסט אפשר פון איינער וואָס האָט דאָ אַ דירה צו פאַרדינגען פאר דריי חדשים?"...

וכך הוה. מ'האָט געשריבן אַ קאָנטראַקט, און דער יונגערמאַן איז עטליכע שעה שפּעטער אַרויסגעפאָרן קיין חוץ לארץ **מיט אַ פאַרדינגענע דירה,** אויך אָן קיין צעטל אויפ'ן וואַנט פון בית המדרש...

## דערהערן דאָס מציאות; איך בין אָנגעוויזן בלויז אין השי"ת

אַזעלכע מעשיות פּאַסירן יעדן טאָג, מיר כאַפּן עס נאר נישט אויף. מ'דאַרף פּשוט אָנהויבן געדענקן דעם באַגריף אַז **אַלע אונזערע צרכים קענען אָנקומען צו אונז אָן בעטן הילף פון אַנדערע מענטשן.** דו האסט אַ היתר אַז דו דאַרפסט נישט אַרומגיין בעטן קיין טובות פון מענטשן! אַלע באַדערפענישן וואָס דו דאַרפסט האָבן, קען אָנקומען צו דיר **אויך אָן דעם וואָס דו זאָלסט נאָכלויפן מענטשן.** קען זיין אַז ביי אַ באַהאַלטענע זאַך מעג מען יאָ זאָגן פאר אַנדערע, אָבער קיין חיוב איז זיכער נישטאָ. מ'מעג אַמאָל בעטן אַ טובה, אָבער מ'דאַרף זיך אַכטונג געבן אַז ס'זאָל זיין אויף אַ קאַלטן אופן.

דער חובת הלבבות לערנט אונז דאָ, וויאַזוי ס'זאָל שטענדיג זיין די מהלך המחשבה פון דעם בעל בטחון: דער רבוש"ע האָט מיר ליב אן אהבה בלי גבול, דער רבוש"ע האָט מיר אינזין אלעמאל, ער ווייסט וואָס איך דאַרף האָבן, ער וויל מיר געבן דאָס בעסטע גוטס, און **ער ווייסט בעסער פון יעדן וואָס ס'איז גוט פאר מיר!** דעריבער ווען איך דאַרף האָבן אַ טובה, **וועט ער זיין מיין ערשטע אַדרעס!** איך וועל דאַווענען צו אים, און **נאָכ'ן דאַווענען**

ל **איך אַכטונג געבן**, אַז אפילו אויב וועל יאָ
טן אַ טובה פון אַ בשר ודם, וועל איך אַלעמאָל
ענקן אַז בלויז דער רבוש"ע גייט מיר למעשה
ענגען מיין ישועה.

## ה'האָט מתיר געווען השתדלות, כדי
## מ'זאָל קענען האָבן רואיג בטחון

בדרך אגב, דער **בית הלוי** איז מסביר, אַז די
ה פאַרוואָס די תורה האָט מתיר געווען צו מאַכן

השתדלות, איז כדי מ'זאָל זיך קענען שטאַרקן מיט בטחון. ווייל רוב מענטשן זענען דאָך נישט אין אַזאַ הויכע מדריגה פון בטחון. ווען דער מענטש וואָלט בלויז געהאַט בטחון און ער וואָלט געזען אַז די ישועה איז נאָכנישט דאָ וואָלט ער געוואָרן פארלוירן און מיואש. דעריבער האָט די תורה מתיר געווען צו מאַכן השתדלות, כדי דער מענטש זאל שפירן ווי ער טוט דאָ עפּעס... ער שפּירט זיך געשמאַק ווען איינער זאָגט אים: "יאָ, איך האָב עפּעס אַ פּאָרשלאַג פאַר דיר", **הגם די אַלע זאַכן לאָזן זיך גאָרנישט אויס, אָבער ס'העלפט אים אַז ער זאָל נישט בלייבן פאַר'דאגה'ט און צעבראָכן.** אַזוי קען ער זיך ווייטער מחזק זיין מיט בטחון אין דעם אויבערשטן!

מ'דאַרף נאר געדענקן, אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ס'איז בכלל דאָ אַ היתר צו מאַכן השתדלות, אָבער ס'איז זיכער נישט די סיבה וואָס גייט ברענגען די ישועה!

# אני לדודי ודודי לי

## כי אם בשובו מדרכו וחיה;

וויאַזוי מ'קען ווייסן אויב מען האָט טאַקע תשובה געטון

יום רביעי פרשת כי תבוא ט"ו אלול תשפ"ד

חלק ב

א

# וסר חטאתך ועוונך תכופר; תשובה העלפט פאַקטיש אָן קיין ספיקות

## ען מ'איז ריין, קען מען שנעל משיג זיין
## תורה

דער פסוק זאָגט (קהלת ז, כט): **אשר עשה האלוקים
האדם ישר.** דאָס הייסט אַז ווען אַ איד קומט
אַפּ אויף דער וועלט איז ער גאַנץ. זיינע הרגשים
ען הייליג און ריין. זיין נפש געפינט זיך אויפ'ן
סטן מצב וואו ס'דאַרף זיין.

דער **מהר"ל** איז מסביר אין די דרשות, אַז ווען
נשמה געפינט זיך במעי אמו איז דאָס די מערסט
ימות'דיגע מצב פון דעם מענטש. דערפאַר
רנט ער דעמאָלט די גאַנצע תורה פון אַ מלאך.
**ל היות ער איז אַזוי בשלימות קען ער משיג זיין
התורה כולה.** אַזוי קוקט אויס אַ מענטש איידער
זינדיגט!

ווילאַנג מ'איז נישט פאַרדרייט, דאַרף נישט
ויערן אַסאַך צייט צו קענען די גאַנצע תורה. אין
ליכע חדשים לערנט די נשמה דורך גאַנץ בבלי,
שלמי, זוהר הק', ס'איז אַ מחַיה... ווייל די נשמה
בעצם באַשאַפן געוואָרן פון דער תורה, און **ווען
איז נישטאָ דערויף קיין חטאים קען מען גאָר
על משיג זיין תורה.** יעדער מענטש פאַרמאָגט
צם אַלעס וואָס פאָדערט זיך, צו דערהערן די
צע תורה. דאָס איז אַלעס ווילאַנג אַלע זיינע
שים זענען בשלימות. ווילאַנג מ'האָט אַ ריכטיגע
בת ה', יראת ה', און אַ תשוקה צו השי"ת.

## י חטאים מאַכן פאַרדרייט

אָבער ווען אַ מענטש זינדיגט חלילה, ווערט
צוביסלעך דערווייטערט און **זיין קאָפּ ווערט
סגעדרייט צו אַן אַנדערע ריכטונג.** אַמאָל
עגט אים אינטערעסירן איין זאַך, און יעצט
טערעסירט אים גאָר אַנדערע זאַכן.

אַ ביישפּיל דערצו [ס'איז ווייטאָגליך, ווייל ס'איז
ט בלויז אַ משל, נאר אויך אַביסל אַ נמשל]: אַ

וואוילער בחור'ל אין ישיבה, וואָס פאַרשטייט בכלל נישט צו קיין פּאָליטיק והמסתעף, ער האָט נאָך די 'תינוקות של בית רבן' סאָרט תמימות. ווען דו רעדסט מיט אים אינטערעסירט אים אַ וואָרט אויף דער פרשה אָדער אַ שטיקל גמרא. גאָרנישט מער דערפון.

אָבער צוביסלעך האָט ער זיך אַביסל געעפענט... אַ חבר האָט אים מסביר געווען פאַרשידענע נייע מושגים אין די לעצטע פּאָליטיק... ער איז ווייטער אַ פיינער יונגערמאַן ב"ה, ס'איז נישט געפערליך, אָבער **למעשה אינטערעסירט אים יעצט אַנדערע זאַכן.** ווען ער האָט אַביסל איבריגע צייט לויפט אים זיין מח ערגעץ אַנדערש. דאָס פלעגט נישט זיין אַזוי אַמאָל. זכרתי ימים מקדם הגיתי בכל פעלך. פאַרצייטנס, ווען ער פלעגט גיין אין גאַס האָט ער זיך דערמאַנט אַ רעיון וואָס ער האָט געטראַכט וועגן עבודת ה'. **יעצט האַלט ער שוין לאַנג נישט דאָרט.** עס פאראינטערעסירט אים גאָר אַנדערע זאַכן.

## מ'ווערט אַריינגעשלעפּט אין אומגינסטיגע הרגשים

צומאָל ווערט אַ מענטש פאַרדרייט צוליב טרדות, צומאָל פּאַסירט דאָס צוליב נישט גוטע הרגלים, און ס'קען אויך זיין צוליב ביידע סיבות צוזאַמען. **למעשה ווערט ער צוביסלעך פאַרקרימט,** און דער מח איז אויך משפּיע אויפ'ן האַרץ און אויף זיינע געפילן. ער ווערט צוגעוואוינט צו אַנדערע סאָרט דיבורים, צו אַנדערע סאָרט מאכלים, און די גשמיות'דיגע זאַכן לאָזן אויף אים אַ רושם.

**חז"ל** זאָגן (יומא פו, ב) כיון שחטא אדם ושנה נעשית לו כהיתר. די אָפּטייטש פון 'נעשה לו כהיתר', מיינט כפשוטו אַז מען הייבט אָן זיך מאַכן חשבונות מיט אייגענע היתרים, אָבער ס'מיינט אויך אַז **אין האַרץ שפּירט מען שוין אַנדערע סאָרט געפילן,** ער מיינט אַז ער דאַרף עס האָבן, און ער קען זיך נישט אָפּגעוואוינען דערפון.

ס'איז דאָ אַ פּחד'יגע ווארט אין ספּה"ק **מי השילוח** (ליקוטים, פּרשת שופטים) אויפ'ן פסוק: וְלֹא יָשִׁיב אֶת הָעָם מִצְרַיְמָה, וַה' אָמַר לָכֶם לֹא תֹסִפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד. אַז ווען אַ מענטש הייבט אָן זיך איינגעוואוינען צו אַ פרישע גשמיות'דיגע הנאה, וואָס גייט אים שפּעטער באַגרעניצן, און ער וועט עס דאַרפן האָבן זייער וויכטיג, איז **ער עובר אויף דעם לאו פון נישט צוריקגיין צו מצרים.** ווייל דאָס איז די שורש האיסור פון גיין קיין מצרים, אין מצרים איז געווען אַסאַך תענוגים, אָבער שפּעטער האָט דאָס אַרומגענומען דעם מענטש און מ'האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן דערפון. דאָס זעלבע איז ווען אַ מענטש איז זיך מרגיל מיט אַ תענוג גשמי, מוז ער שפּעטער נעמען נאָך דערפון אָן קיין אויפהער.

## תשובה טוט צוריק אויסגראָדן די הרגשים

על כל פּנים, ווען אַ מענטש זינדיגט, ווערט ער פאַרדרייט און זיינע הרגשים זענען פאַרקרימט. אָבער ווען דער איד איז עוסק בתשובה, **מאַכט דער רבוש"ע אַ נס און ער שטעלט צוריק זיין האַרץ און זיינע הרגשים אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ,** ווי דער פסוק זאָגט: 'לב טהור ברא לי אלקים', השי"ת באַשאַפט נאָכאַמאָל אַ ריינע הארץ און מח, פּונקט ווי איידער דעם חטא.

ס'איז אויך אמת אַז אויב דער מענטש איז חלילה געווען זייער ווייט, איז דאָ דער מושג פון יסורים צו מכפר זיין, ווייל ס'פאָדערט אַ גרעסערע אַרבעט אַלעס צו אָפּווישן, אָבער אַלענפאַלס, **גלייך ווען אַ איד טוט תשובה, גיבט אים דער אויבערשטער צוריק זיין אַמאָליגע ישרות.** דער רבוש"ע גיבט צוריק פאַר'ן מענטש דעם 'זיך אַליין'. זיינע געפילן ווערן צוריק גלייך.

### ...ת הנפש ווערן נאָכאַמאָל

...ײ דאָס גוט דערהערן, אַז ווען אַ מענטש ...ה, האָט ער יעצט גענומען זיינע הרגשים ...נען געווען אויף אַן אומריכטיגע פּלאַץ **...האָט דאָס צוריקגעלייגט אויפ'ן ריכטיגן ...עס באַלאַנגט!**

...יישפּיל: ווען אַ מענטש איז געוואָרן ...האָט דאָס פּאַסירט צוליב אַ מאַנגל אין ...נער האָט מיר באַ'עולה'ט, ער האָט מיר ...מען עפּעס וואָס כ'האָב זייער שטאַרק ...אָבן". אַצינד ווען דער מענטש האָט זיך ...ט מיט אַ כעס, האָט פּאַסירט אַ 'טמטום ... זיין נשמה איז פאַרדעקט געוואָרן. ... ווייל **ער האָט אַריינגעלייגט שטאַרקע ...אין אַן אומריכטיגן פּלאַץ**, און ס'איז ...ערפון אַ נישט גוטן רושם.

...אָכדעם איז דער איד עוסק בתשובה, און ...ניע פאַר'ן אויבערשטן. איינער האָט אים ...ט און ער האָט גאָרנישט געענטפערט; ...האָט געטון עפּעס אַ שווערע חסד מיט ...גופא; און בשעת ווען ער האָט געשוויצט ...מצוה האָט ער געטראַכט: "זאָל עס זיין אַ ...רף דער מענטש פאַרשטיין וואָס ער טוט **...נעמט זיינע פאַרדרייטע כוחות הנפש און**

**ער בייגט עס צוריק, אַז ס'זאָל ווערן גלייך!** פּונקט אַזוי ווי מ'טוט מיט אַן איינגעבויגענער בוים, וואָס מ'וויל מאַכן צוריק גראד. דו טוסט יעצט די אַרבעט, און עס פּאַסירט דער טויש אין דיין מהות!

### צדקה איז אַ געוואַלדיגער מעטאָד צו אויסגלייכן דעם נפש

דאָס איז איינס פון די סיבות פאַרוואָס צדקה איז מכפר אויף חטאים. ס'איז נישט פּשט אַז ער איז געבליבן דער זעלבער מענטש, נאָר ער האָט אויך געכאַפּט נאָך אַ שטיקל זכות, אַז ער האָט אַריינגעוואָרפן געלט אין אַ פּושקע.

דער אמת'ער פּשט איז, אַז דורך צדקה איז דער איד זייער שטאַרק מכניע זיין נפש. ווייל **יעדער מענטש האָט אַן אינערליכע נפשיות'דיגע קשר מיט זיין געלט**. מ'זעט דאָס אפילו להלכה אַז מיט אייגן געלט קען מען מקדש זיין אַן אשה, אָבער אויב ס'איז נישט קיין אייגענע געלט איז די קידושין נישט חל, ווייל **דאָס געלט איז ממש אַ חלק פון דעם מענטש**. דאָס זעלבע זעט מען ביי די הלכה פון אַן עיר הנדחת אַז מ'דאַרף מבער זיין זייער גאַנצע געלט, **ווייל ס'איז אַ חלק פון די מענטשן**.

בשעת ווען אַ מענטש איז מחליט צו אַרויסנעמען געלט און דאָס געבן פאַר צדקה **האָט ער ממש אָפּגעריסן אַ חלק פון זיך**, ווייל ער האָט זייער אַ טיפער קשר מיט זיין געלט. צדיקים האָבן טאַקע געזאָגט אַז מ'זאָל געבן צדקה דוקא ווען ס'איז שווער. **דאָס מאַכט אַז דער נפש ווערט צוריקגעדרייט** אויפ'ן ריכטיגן אופן.

### די זאַך האָט פּאַסירט, פאַרוואָס פרעגסטו קשיות?

ווען אַ איד איז זיך מתגבר אויף זיין טבע, און ער נעמט אַרויס געלט פון זיין טאַש פאר צדקה, אָדער ווען ער טוט אַ שווערע טובה פאר אַ צווייטן, און בשעת מעשה טראַכט ער אַז "איך וויל נעמען מיין נפש און עס צוריקלייגן אין דעם ריכטיגן פּלאַץ". **דעמאָלט פּאַסירט עס טאַקע בפּועל ממש.** דיין תשובה האָט אויפגעטון דאָס ריכטיגע!

שפּעטער דרייט זיך דער איד אַרום מיט ספיקות: "כ'האָב נאר געוואָלט וויסן, ס'איז אָנגעקומען מיין תשובה? ס'איז עפּעס געשען דערפון?", אָבער אין הימל קוקט מען אים אָן מיט וואונדער: "האסט דאך מקיים געווען די זאַך פון תשובה! פאַרוואָס פרעגסטו בכלל?".

דאָס איז אַזוי ווי איינער וואָס זיצט אין אַ סוכה וואָס ער האָט אַליין אויפגעבויעט, און ער האָט ספיקות: "איך ווייס נישט צי איך האָב למעשה געבויעט אַ סוכה"... ר' איד, **דו זיצט דאָך אין דיין סוכה, וואָס פרעגסטו דאָ?!**

ב

# ...ר פניך וְנִוָּשֵׁעָה; אידישע הרגשים נאָכ'ן תשובה טון, איז אַ שמייכל פון הימל

### ...לייגט צוריק זאַכן אויפ'ן ריכטיגן

...אַ מענטש האָט געזינדיגט ווערט ער ...רט פון השי"ת. מ'קען דאָס מיטהאַלטן ...ס'איז ממש אַ מציאות. די אָפּטייטש פון ...ז ווען דער מענטש איז מחליט: לאָמיר ...צום ריכטיגן וועג, אָבער נישט סתם כדי ...טע געפילן, נאר **ווייל איך וויל ווערן אויס** ...וויל אַז די שכינה זאָל קענען נאָכאַמאָל ...מיר.

...איז אַזוי ווי איינער האָט גע'גנב'ט געלט ...יטן. אַהאַלב יאָר שפּעטער כאַפּט אים אַ ...ובה און ער גיבט אָפּ דאָס גאַנצע געלט. ...יעצט פּאַסירט? **ער האָט צוריקגעשטעלט ...ט אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ וואו ס'איז געווען**

...אָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ ווען אַ איד ...ער גענומען זיין האַרץ מיט זיינע הרגשים ...אָט עס אַריינגעלייגט אין חטאים, אָבער ...טוט ער תשובה, זאָגט אים דער רבוש"ע: **...עצט אַלעס צוריקגעלייגט אויפ'ן ריכטיגן** ...ר זיך און איך מעק אויס דיינע עבירות. ...חַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר! דאָס איז וואָס השי"ת טוט ...ער וויל העלפן אידישע קינדער.

### ...ר וואָס ס'האָט יעצט פּאַסירט

...אַ איד גייט אין מקוה, און ער זיצט און

לערנט מיט אַ כוונה אַז די תורה זאָל אים אויסאיידלן; ער דאַוונט מיט אַזאַ כוונה; ער זאָגט תהלים מיט אַזאַ כוונה; ער טוט צדקה וחסד מיט דער כוונה; **דאַרף ער פאַרשטיין וואָס דאָ איז יעצט געשען!** ער דאַרף קענען זאָגן בפּה מלא: **"היינט האָב איך זוכה געווען אַראָפּצונעמען פון מיין טמטום הלב**, ווייל דער רבוש"ע זאָגט אין זיין תורה, אַז אויב מ'טוט אַזוי, דעמאָלט פאַלט אַראָפּ די עבירות און מ'ווערט אויסגערייניגט".

ווען אַ מענטש טוט תשובה מאהבה, און ער שפּירט נאָכדעם טיפע הרגשים פון קדושה און השתוקקות צום רבוש"ע, ער זאָגט תהלים מיט אַ געפיל און ער איז 'דערביי'. **זאָל ער פאַרשטיין אַז דאָס איז כביכול אַ שמייכל פון השי"ת.** דער אויבערשטער זאָגט אים יעצט: "איך האָב דיר מוחל געווען".

האסט דאך מקיים געווען די זאַך פון תשובה! פאַרוואָס פרעגסטו בכלל?

### אויסער געוואונען דעם גורל, איז דאָ אויך געווען אַ הארת פּנים

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז אַ מענטש נויטיגט זיך זייער שטאַרק אין אַ סכום געלט, ווייל ער דאַרף באַצאָלן אַ גרויסן חוב, אָדער ער דאַרף קויפן אַ דירה. גייט ער און קויפט אַ לאַטערי טיקעט, און ער איז זייער שטאַרק מתפלל צום אויבערשטן אַז ער זאָל באַקומען דאָס געלט.

למעשה האָט ער טאַקע געוואונען דעם גורל. יעצט איז דאָ געשען צוויי זאַכן. צוערשט, האָט ער פּשוט באַקומען זיין בקשה. אָבער נאָכמער דערפון, שפּירט ער אַ זיסער געפיל, אַז ער האָט דאָ באַקומען אַ שמייכל פון דעם רבוש"ע.

דאָס זעלבע איז ברוחניות, ווען אַ איד שפּירט אַ הרגש דקדושה נאָכ'ן תשובה טון, **האָט ער יעצט באַקומען אַ שמייכל פון דעם רבוש"ע.** דאָס איז אַסאַך מער ווערד ווי געלט! דער רבוש"ע האָט יעצט גערעדט צו דיר, ער האָט דיר צוריקגעגעבן דיינע אידישע געפילן, ווייל דו האסט עוסק געווען בתשובה.

ר אָפּט. מ'הייבט אן לעבן אַזאַ סאָרט לעבן פון
…ובה.

…ערליכע אידן האָבן דאָס געטון אַסאַך מאָל אין
… **מ'דאַרף זיך בכלל נישט אַרומדרייען מיט
…ערע פּעקלעך פון חטאים, מ'קען דאָס גלייך
…אָפּנעמען.** ווי די **גמרא** זאָגט (ברכות יט, א): "אם
…ת תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה - אל תהרהר
אחריו ביום, ודאי עשה תשובה". טרעפסט אים
מאָרגן זאָלסט וויסן אַז **ער האַלט שוין לאַנג ווייטער,**
ער האָט שוין באמת תשובה געטון. דער תלמיד
חכם ווייסט וואָס מ'דאַרף טון, ער פאַרשטייט אַז
ער האָט געזינדיגט און **ער פאַרשטייט אויך וואָס
מ'דאַרף טון.** ער האַלט שוין דערנאָך. ער דינט שוין
ווייטער השי"ת מיט אַ שמחה!

דער אויבערשטער זאל העלפן אַז מ'זאָל טאַקע
זוכה זיין אויסנוצן אַזעלכע לעכטיגע טעג. מיר
זאָלן קענען עוסק זיין אין דער מצוה פון תשובה
אַז ס'זאָל אונז באַגלייטן אויף אַגאַנץ יאָר, און מיר
זאָלן זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט
געבענטשט יאָר.

נקודה למחשבה

# אָנהייבן אַביסל, אפילו ווען עס איז נישט בשלימות

מתוך שיעור יום ב' שופטים ב' אלול תשפ"ב

## דער טעות פון: אָדער אַלעס אָדער גאָרנישט...

ווען מען רעדט פון אָנהויבן אַריינגיין אין דער וועלט פון תשובה, דאַרף מען זייער וויכטיג געדענקן אַז ס'איז דאָ אַזאַ באַגריף פון זיך טוישן צום גוטן 'נאָר אַביסל'.

**מען טאָר דאָס נישט רעכענען מיט אַ חשבון פון "אָדער אַלעס אָדער גאָרנישט".** אויב האָב איך זיך געטוישט הונדערט פּראָצענט דעמאָלט בין איך אַ מוצלח, אָבער אויב כ'בין נאָכנישט אָנגעקומען צו אַ הונדערט פּראָצענטיגע טויש, דעמאָלט בין איך אַ דורכפאַל... **פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי?!** דאָס איז נישט די תורה'דיגע סאָרט שפּראַך!

אין דער תורה שטייט אַז יעדן טאָג דאַרף מען תשובה טון! לויט די תורה דאַרף אַ איד נעמען אַן ענין וואָס ער זאָל עוסק זיין דערמיט, **אפילו אויב ער האָט נאָך אַסאַך דרגות צו גיין**, אָבער ער איז שוין מער נישט אויף דעם אַלטן פלאַץ וואו ער איז געווען בעפאָר!

## יעדע קליינע שינוי וועט ברענגען אַ 'שכר מצוה מצוה'

לאָמיר נעמען 'ברכת המזון' אַלס אַ דוגמא: ס'איז דאָ אַסאַך מדריגות ווען עס קומט צום בענטשן. פאַראַן מענטשן וואָס מען דאַרף האָבן אַסאַך אמונה אַז זיי האָבן טאַקע געבענטשט... קומט אַ איד און מאַכט אַ קבלה אַז ער גייט בענטשן "אינעווייניג אין אַ סידור". איז דאָס ממש די שלימות וואו מען דאַרף אָנקומען?! ניין, בעצם דאַרף מען אָנקומען אַסאַך ווייטער; מען דאַרף אָנקומען צו בענטשן יעדעס וואָרט מיט אַ ריכטיגע כוונה א.א.וו. אָבער **פאַרוואָס זאָגסטו אַז דו האסט זיך נישט משנה געווען?!**

אַז דו וועסט בענטשן אין אַ סידור וועסטו זען אַן אינטערעסאַנטע זאַך: **עס וועט אויטאָמאַטיש פאַסירן דער "שכר מצוה מצוה"**, און אַ שיינעם טאָג וועסטו זיך אליינס כאַפּן: "איך בענטש טאַקע אין אַ סידור, אָבער איך דאַרף מאכן אַ בעסערע קבלה, מער אינזין האָבן".

די ערשטע קבלה וואָס דו האסט געמאַכט - אפילו ס'איז נישט געווען קיין שלימות'דיגע קבלה - האָט דיך אָבער געגעבן דעם כח און די סייעתא דשמיא צו גיין ווייטער מיט העכערע עבודת השי"ת!

## ווען די טראַפיק רוקט זיך נישט, זעץ זיך כאָטש אַריין אין דער קאַר...

אַמאָל האָט דער מענטש אַזאַ 'טמטום הלב' פון עבירות אַז ער שפּירט ווי עס רוקט זיך ממש גאָרנישט. משל למה הדבר דומה: ווען מען פאָרט אין קאַר קען אַמאָל זיין אַ גרויסער טראַפיק, וואָס רוקט זיך כאָטש אַביסל. אָבער אַמאָל איז דאָ אַ 'סטענדסטיל' סיטואַציע, ווען די טראַפיק רירט זיך פשוט נישט פון אָרט. דער דרייווער זיצט ווי אין אַ 'פּאַרקינג לאַט' און קען נישט גיין ווייטער.

ווען דער מענטש טרעפט זיך אין אַזאַ מצב ברוחניות, ווען גאָרנישט רוקט זיך נישט, זאָגט מען אים: **זעץ זיך כאָטש אַריין דאָרט. אפילו דו קענסט דיך נאָך גאָרנישט רוקן, אָבער דו הייסט שוין אן 'עוסק בדבר'!** די חטאים זענען גורם אַז דער מענטש זאל שפּירן ווי ער האַקט האָלץ און ער טוט גאָרנישט אויף. אָבער דאָס זענען בלויז סיגופים וואָס מען דאַרף דורכגיין צו אָפּווישן דעם 'טומטום הלב' וואָס די עבירות האָט געמאַכט. **ווער נישט צוליב דעם מיואש!** גיי ווייטער אן!

## הייב זיך אויף און פאָר ווייטער

אַ מענטש וויל אַרבעטן אויף זיינע מדות. ער הייבט אן אַריינלייגן כוחות אַז ער זאָל נישט ווערן אין כעס אויף זיינע קינדער. אָבער איין טאָג האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, ער איז געוואָרן געפערליך אויפגערעגט, ס'איז ממש געווען ביזי בזיונות... וואָס זאָל ער יעצט טון?! **הייב זיך אויף און פאָר ווייטער!** פאָרן מיינט נישט אַז עס גייט אייביג גיין געשמירט, **פאָרן באַדייט אַז איך גיי נישט אַרויס פון קאַר!**

זאָג קיינמאָל נישט אַז אויב איך בין יעצט דורכגעפאַלן בין איך פאַרטיג און 'לחיים טובים ולשלום'. **ניין! הייב אן איינמאָל און נאָכאַמאָל.** חזר זיך איין אַז אפשר וועט טאַקע זיין מער נסיונות ווי איך האָב געמיינט, אָבער ווילאַנג איך בלייב זיצן אין דער קאַר וועל איך סוף כל סוף אָנקומען!

פטרון החודש

נתנדב לעילוי נשמתו הטהורה
של הרה"ק **ר' ישעי' יעקב**
בן הרה"ק **ר' אליעזר זוסיא** זצוק"ל מ'סקולען
**לרגל יומא דהילולא קמייתא ה' אלול**
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו ולב"ב להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.

פטרון השבוע

לעלוי נשמת
הרה"ח ר' **ישעי'** בן ר' **שלמה** ז"ל
ולעילוי נשמתה של האשה החשובה
**ניחה** בת **אלכסנדר זושא** ע"ה
תהא נשמותיהם צרורה בצרור החיים
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו ולב"ב
להתברך בבני חיי מזוני רויחי
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.


ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 0480.20.16.18
לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com


הגליון באים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62; ביהמ"ד קראסנא לאקער #166; ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה; ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה; The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213; ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58; Central Market; ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל; ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13; ביהמ"ד דעלעטין; ביהמ"ד ראדאשיץ– Airmont; ביהמ"ד דאמבראווא; ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר; ביהמ"ד ווילעדניק; ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי; ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא; ביהמ"ד בית אלעזר; ביהמ"ד בית מנחם זאב; ביהמ"ד ישמח משה; ביהמ"ד אבני צדק; ביהמ"ד רב טוב; ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42; ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקער 25; ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33; ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד; ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד



# דריי רובל פאר צדקה

שיינער און געשמאקער אידישער קהילה האט
אגט די שטאט ברעזניץ. די שטאטסלייט זענען
א געמישעכטס פון געווייקטע חסידישע אידן און
שוטערע דארפישע אידן, אבער אלע האבן געלעבט
נעם, געדאווענט אין איין שול און געפראוועט מיט א
ערע חן די ימים טובים.

ישן די שטאטסלייט איז דא פארמעגליכע און
, אבער צווישן אלע שיכטן שטארצט ארויס ר'
פון ברעזניץ.

טייערער איד איז געווען ר' סענדר פון ברעזניץ,
ט האט ער זיך צווישן די געהויבענע קארלינער
ם, און יעדער שיינער יום טוב, אדער שבת, האט ער
געווען צו באזוכן ביי דעם בית אהרן אין שטאט
ן, וואו ער האט אנגעשעפט זיין דארשטעריגע נשמה
ורה וחסידות.

סענדר האט אויך זוכה געווען צו א ברכה פון שפע,
וטער חוש המסחר וואס ער האט באזיצט, האט
סאך געהאלפן צו ווערן אן אויפגייענדער שטערן
טאט, יעדער וואס געוואלט שליסן א גוט געשעפט

האט געוואוסט אז ר' סענדר איז אן אדרעס, ביי אים קען מען הערן א שטיקל מבינות, לערנען די באדייט איבער א שטיקל סחורה.

יאר יערליך פלעגט זיך ר' סענדר ארויסלאזן קיין ווארשע, אנטייל צו נעמען אין די יערליכע אקסן יריד, איידער ער האט זיך געלאזט אין וועג אריין פלעגן די שטאטסלייט ארויפקומען צו ר' סענדר און ביי אים איינלייגן געלט, וועלנדיג זיין א שותף אין די שיינע פארדינסטן.

מיט די איינגעלייגטע געלט און אויך זיין פריוואטער געלט, האט ער זיך געלאזט אין וועג אריין. ערשט האט ער אפגעשטאט ביי די ארומיגע שטעט, וואו ער האט ביי די שטאטישע פויערן איינגעהאנדלט פעטע אקסן און קיען, און די בהמות האט ער געברענגט צו די יריד, וואו ער האט זיי פארקויפט פאר שיין געלט.

אויך דאס יאר האט ר' סענדר אנגעהאלטן זיין מנהג. ער האט איינגעהאנדלט שיינע סטאדעס פון אקסן און מיט זיי זיך געלאזט אין וועג אריין צו די יריד, אבער שוין אנקומענדיג צו די יריד האט ער דערשמעקט אן אוממעטיגקייט אין די יריד, דער אמאליגער גוטער און ענטוזיסטישער שטימונג

יריד איז נישט געווען צום דערקענען, אנשטאט דעם
איבעראל געהערשט טרויער און אנגעזעצקייט.

ואס האט פאסירט?" - האט ר' סענדר געוואלט
טיין און די תשובה האט נישט געשפעטיגט צוקומען.

ער פארלאנג פאר די אקסן און שעף איז דראסטיש
לן די יאר - דאס פאלק וויל נישט קיין אקסן, שאף און
פארקויפן זיך די יאר פאר א דריטל פרייז ווי לעצטע

שט אזוי שנעל האט ר' סענדר געוואלט הייבן הענט.
נגערער צייט האט ער זיך ארומגעדריידט צווישן
חרים און געהאפט אז ערגעצוואו וועט ער טרעפן
ט א סוחר, איינער וואס וועט ענדע יא מסכים זיין
קצעפטירן די סחורה, אבער ווי לענגער ער האט
שפאצירט צווישן די סוחרים האט ער אנגעהויבן
ען אז דער מצב איז ביטערער ווי ער האט געמיינט.

אג טעגליך זענען די פרייזן געפאלן. מיט יעדן
ייענדן טאג איז דער פרייז געפאלן און ער איז
קומען צו א מצב, אז אויב ער וועט עס נישט פארקויפן
, וועט ער אהיימפארן פון דעם מארק מיט ליידיגע
, ענדע האט ער זיך געבראכן און אויספארקויפט די
ה פאר די נישטיגע פרייז פון הונדערט און צען רובל,
אכיג וויניגער ווי ער פלעגט פארדינען יאר יערליך.

סענדר איז לויז געווארן פון די בהמות אבער איז
מגעפארן פון די מארקעט מיט ליידיגע טאשן.
גייט ער יעצט ענטפערן פאר די אידן וואס האבן
געלייגט געלט ביי אים? וועט ער זיי זאגן דעם אמת,
זיי פאדערן פון אים היפענעס פון תשובות און געבן
אז ער וואלט ווען געדארפט טון אזוי און אזוי, ער קען
אזוי אהיימפארן.

וואס טוט א איד, א חסיד? ער לאזט זיך אין וועג אריין
רבי'ן דער בית אהרן און וועט פאר אים זיך אויסגיסן
הארץ, בעטן אן עצה והדרכה וואס ער קען ווייטער

בי איך בין אהיימגעקומען פון יריד א ליידיגער,
טאט אהיימצוקומען מיט עטליכע טויזנט רובל, האב
ין די הענט בלויז הונדערט צען רובל".

סענדר האט געווארט צו הערן א טרייסט ווארט פון
בי'ן, א הדרכה, א ברכה אז זיינע געשעפטן זאלן צוריק
טיינען אבער אנשטאט א ברכה, האט אים דער רבי זיך
עשטעלט פון ארט און זיך אנגעהויבן ארומדרייען אין
ר ארויף און אראפ, ווען צו זיך מורמלט ער די ווערטער.

ואלט ווען איינער געקומען און אונז געגעבן הונדערט

און איינס רובל, וואלט ער אונז מחיה געווען" - האט דער קארלינער געזאגט איינמאל און נאכאמאל.

אין אנהייב איז ר' סענדר געווען זיכער אז דער רבי מיינט נישט אים, דער רבי האט דאך יעצט געהערט זיין עקאנאמישער לאגע, ווי אזוי ער איז ארויס פון די יריד ארעם און ליידיג, דער רבי קען נישט פאדערן פון אים אז דאס לעצטער ביסל געלט וואס ער פארמאגט זאל ער אוועקשענקען דעם רבי'ן.

אבער ווען דער קארלינער האט איבערגע'חזר'ט די ווערטער איינמאל און נאכאמאל, האט ר' סענדר אנגעהויבן איינזען אז מען מיינט נישט קיין צווייטער ווי אים אליין.

"רבי, איך געב" - האט ר' סענדר אויסגערופן, און פון זיין טאש ארויסגענומען די געפאדערטע סומע און עס אראפגעלייגט אויף דעם טיש.

שפעטער האט זיך ר' סענדר געגרייט ארויסצוגיין פון צימער און ביי דעם טיר האט אפגעווארט די רעביצין, און זעענדיג דעם באקאנטן אקסן סוחר האט זי אים דערציילט אז אין די טעג נעמט זיך צוזאם פאר א דבר מצוה, זי בעט דעם עושר צי ער קען עפעס ביישטייערן.

ר' סענדר האט געוואלט אפזאגן, ער האט געוואלט געבן צו פארשטיין פאר די רבנית הצדקנית זיין מצב, אבער ער האט גלייך צוריקגעצויגן און אנשטאט דעם זיך געזעצט מאכן א חשבון וויפיל געלט ער האט אין זיין טאש, אין זיין קעשענע איז געלעגן צען רובל און לויט זיין רעכענונג האט דער וועג אהיים געדארפט קאסטן בלויז זיבן רובל, אזוי אז עס איז אים געבליבן אין טאש דריי רובל.

"איך געב דריי רובל" - האט ר' סענדר געזאגט, און אהין געגעבן דאס לעצט געבליבענע געלט פאר די רעביצין, אנטייל צו נעמען אין די צדקה צוועק וואס זי איז יעצט עוסק.

אזוי האט ר' סענדר זיך געלאזט די לעצט אפגעשפארטע רובל אין זיין טאש און בלויז מיט זיבן רובל האט ער זיך געלאזט אין וועג אריין צו זיין היימשטאט ברעזניץ, ווען די רעביצין האט איבערדערציילט די איבערלעבעניש פאר דעם רבי'ן און אז ר' סענדר האט איר געשאנקן דריי רובל, האט דער רבי געלאזט רופן ר' סענדר און אים געווינטשן א ברכה.

"וויל דו האסט אוועקגעגעבן די לעצטע פרוטות פון דיין טאש פאר צדקה, וואונטש איך דיר הצלחה בזה ובבא" - האט דער צדיק צוגעווינטשן.

אריינכאפנדיג אזא גוטע ברכה האט זיך ר' סענדר אין

עלאזט, יעצט קען ער שוין אהיימקומען, זיין טאש איז
, אבער ער טראגט מיט זיך א ברכה.

לאנג האט ער נישט געדארפט גיין, שטייענדיג ביי
ן וואס וועט אים אפפירן קיין ווארשע און פון דארט
ער אין וועג אריין האט ער פלוצלונג געהערט ווי איינער
אים, דער איינער איז געווען וואלדע, א גוי מיט וועמען
אט אין דער פארגאנגענהייט געהאנדלט, געקויפט און
קויפט.

אניע סענדער" - האט דער גוי אויסגערופן און
ט רופן סענדער.

איך האב פאר דיר א מציאה".

סענדער האט אנגעשפיצט זיינע אויערן.

קוק אהער, ביי דעם יריד האב איך זיך איינגעהאנדלט
גוטע פעל, אבער איך האב נישט קיין כח צו טראגן
איך די פעל אהיים, איך זוך איינער וועמען איך קען געבן
ל, אפשר ווילסטו עס נעמען פאר קלייניגעלט".

סענדער האט גלייך געוואוסט צו שאצן די מציאה, אין
יגנבליק האט ער ארויסגענומען די לעצט געבליבענע
ן און עס געגעבן פאר וואלדא.

ט די סחורות אין די הענט האט ער אנגעהויבן צו
צירן צו דעם באן, אבער עס האט נישט געדויערט
און א צווייטער סוחר האט אים אפגעשטעלט, און

זעענדיג די סחורה אין זיין האנט האט ער עס פון אים געקויפט און געגעבן בעסערע און טייערע סחורה פון דעם, אזוי אז ער איז ווייטער ארויס א פארדינטער.

דער רעדל האט זיך אזוי געדריידט מערערע מאל און פון הויט איז געווארן אנדערע און בעסערע סחורה, אז ביז ווען ער איז אנגעקומען קיין ברעזניץ האט ער שוין געהאלטן אין זיין הענט טייערע סחורות וואס זענען געווען פילפאכיג מער ווערד, ווי די סחורה מיט וואס ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין ברעזניץ.

אבער אויך ווען ער האט דערגרייכט די שטאט, האבן מענטשן ווייטער איינגעלייגט ביי אים געלט און מיט די געלט האט ער ווייטער געהאנדלט, געקויפט און פארקויפט, ביז ווען ער האט זיך איינגעהאנדלט גרויסע האלץ וועלדער און געווארן א האלץ סוחר.

געבליבן איז ער כל ימיו א האלץ סוחר, און אויך אויף דער עלטער ווען ער האט געוואלט אפלאזן די האלץ מסחר נישט האנדיג די כח דערצו, האט אים דער בית אהרן נישט געלאזט, נאר געהייסן ממשיך זיין די האנדלעריי מיט האלץ, אזוי אז ער איז געווארן אן עושר און אויך געבליבן מיט די רייכקייט כל ימי חייו.

די מעשה ווערט געברענגט אין בארו של יצחק בשם הרה"צ ר' זלמן בריזל בשם ר' משה יעקב פון ברעזניץ, ווער עס האט געוואוינט אין די שטאט ברעזניץ און געהערט די מעשה פון די אידן אין ברעזניץ. ■



י. ק. קענזוי איילענד

# לדוד ה׳ אורי אין חודש אלול

**דער מנהג ביי א גרויסע טייל קהילות פון כלל ישראל, איז צו זאגן דעם הייליגן קאפיטל "לדוד ה׳ אורי וישעי" נאך שחרית און נאך מנחה/מעריב אין די טעג פון אלול און תשרי.**

**אזוי ווי יעדע זאך וואס גייט אן א לענגערע צייט, דארף מען זיך "אויפפרישן" צו דערהערן וואס עס ליגט אונטער דעם מנהג, און עס מקיים זיין ריכטיג! (ולא הכנסנו כאן לבאר פרטי המנהג ועוד חזון אי"ה).**

## דער כח פון דעם מנהג

לאמיר קודם אנפאנגען מיט די חלק "הסגולה". אין סידור רבי שבתי מראשקוב (תלמיד פון בעל שם טוב הקדוש, כוונת ראש חודש אלול) שטייט: "דער וואס זאגט די מזמור פון לדוד ה׳ אורי פון ראש חודש אלול ביז נאך שמחת תורה (א), אינדערפרי און ביינאכט יעדן טאג, איז ער **פארזיכערט אויסצולעבן דעם יאר.. און אפילו א גזירה רעה איז פארשריבן אויף אים קען ער עס מבטל זיין. און ער נעמט אוועק פון זיך אלע מקטרגים, און קשות ורעות, און ער גייט ארויס זכאי בדין**".

ווער איז דער וואס הערט אזעלכע קלארע ווערטער און וויל נישט "משקיע" זיין אין דעם קאפיטל ריכטיג (ב).

## א פייער פאר אכט יאר

הרה"ק רבי מרדכי׳לע פון נאדבורנא זי"ע איז געווען אמאל חודש אלול ביי הרה"ק רבי מאיר׳ל פון פרעמישלאן זי"ע, און ער האט געהערט ווי ער זאגט "לדוד ה׳ אורי", און פון דעם האט געברענט אין אים א פייער פאר אכט יאר!

## פאלגנד זענען עטליכע טעמים פארוואס מען זאגט לדוד ה׳ אורי אין די טעג.

### מרומז אויף די ימים טובים

[א] דער מטה אפרים (סימן תקפ"א אלף למטה סק"ה, וכן הוא בקיצור שו"ע סימן קכ"ח ס"ב) שרייבט אז דאס איז מיוסד וועגן דער מדרש "שוחר טוב", אז "אורי" מיינט ראש השנה, "ישעי" איז יום הכפורים, און "יצפנו בסוכה" מיינט סוכות (ג) (ועיין מה שהעיר ע"ז ב"שער הכולל" וידוי ונפילת אפים אות כ"ח).

אין מדרש רבה (ויק"ר פכ"א אות ד׳) שטייט אז דער פסוק "בקרוב עלי מרעים לאכול את בשרי צרי ואויבי לי" מיינט אז די שרי אומות העולם קומען מקטרג זיין ח"ו אז די אידן פירן זיך נישט ערליך, און אויף דעם איז מען זיך מחזק מיט דער כח פון יום הקדוש, וואס דאן קען דער שטן נישט מקטרג זיין. און דאס איז מרומז; "בזאת אני בוטח" - מיט דעם כח פון יום הקדוש, "בזאת יבא אהרן אל הקודש".

### די י"ג מדות של רחמים

[ב] אין סידור האריז"ל פון רבי שבתי מראשקוב איז מבואר, אז אין דעם קאפיטל זאגט מען דרייצן מאל דער שם הוי"ה, וואס דאס איז קעגן די דרייצן מכילין דרחמי **וואס זענען יעצט אפן**, און דורך דעם וואס מ׳זאגט דעם קאפיטל פועל׳ט מען און מ׳איז מבטל דער בי"ד של מעלה (וכן הזכיר בפנים יפות פרשת אחרי ד"ה ביד עתי, ועיי"ש באריכות על המזמור, חלק מובא להלן).

### אלעס איז נאר איין בקשה

[ג] דער פנים יפות (שם) ברענגט אויך ארויס, אז ביי דעם פסוק "אחת שאלתי...", ווילן מיר קלארשטעלן אלס הקדמה פאר די הייליגע טעג, אז מיר בעטן באמת נאר איין זאך, און אונטער אלע בקשות ליגט די בקשה פון זיין אן עבד ה׳! [ווי רבי מאיר׳ל פרעמישלאנער האט געזאגט אז ווען מ׳קוועטשט אויס אלע תפלות איז עס געלט, און ווען מ׳קוועטשט אויס די געלט איז עס "מצות"!].

דאס איז געבויט אויף דעם וואס עס שטייט אין גמרא (תענית ח:) אז ווען מ׳איז מתפלל איז מען נאר מתפלל אויף איין זאך אויפאמאל.

### לולא אותיות אלול

[ד] דער שער המלך (אלול שער א׳ פ"ח) ברענגט אז דער טעם פארוואס מ׳זאגט עס חודש אלול, איז וויבאלד "לולא" איז די אותיות פון אלול.

און ער לייגט צו, אז דער טעם פארוואס עס גייט אויף צוריק (ל-ו-ל-א), ווייל דאס איז מרמז אויף תשובה; די גאנצע יאר איז מען לא עלינו געלאפן צו נישט גוטע זאכן ווי דער הערש, אבער דערנאך קוקט מען צוריק צו די יאר צו עס מתקן זיין אזוי ווי א הערש קוקט כסדר צוריק.

דער שער המלך זאגט אויך, אז "קוה אל השם" גייט אויף אלול, "חזק ויאמץ לבך" אויף ראש השנה, און "וקוה אל השם" אויף יום הקדוש!

### מקורות והערות

(א) כן נהוג אצל כמה קהילות, אבל הרבה נוהגים רק עד לאחר שמיני עצרת. ויש נוהגים רק עד מנחה שמיני עצרת ולא עד בכלל (וכן נוהג כ"ק אדמו"ר [...]
[...]פשעווארסק שליט"א).

(ב) ולאלו שהמנהג אצלם עפ"י צדיקים קדושים שלא לאמרו, ניתן לומר כי צריכים ׳מסירות נפש׳ על מנהג... ואפילו שיש הבטחות כאלו, מ"מ אין אחר [...]
[...]נהג ולא כלום! ופשיטא שאין מפסידים.

(ג) חלק של סוכות לא מופיע במדרש שלנו אלא המטה אפרים כתב כן מדנפשיה (פרדס אליעזר ר"ה עמוד צ"ז).



קע בשופר גדול לחרותינו

# א שפאציר אין שופר פאבריק

**לכבוד חודש אלול שטאטן מיר אפ א באזוך אין א שופר-פאבריק וואו מיר באקענען זיך פון דער נאנט מיט די פראצעדור פון צוגרייטן שופרות**

מיר האבן נארוואס אריינגעטראטן אינעם חודש הרחמים והסליחות, ווען כלל-ישראל פירט זיך צו בלאזן שופר יעדן טאג נאך שחרית, אונז צו דערמאנען אז עס קומען שוין אן די הייליגע טעג און מיר זאלן זיך אויפוועקן תשובה צו טון.

אין ליכט פון דעם ברענגען מיר אייך א העכסט אינטערעסאנטער באזוך אינעם שופר פאבריק פון רבי יהודא דוידה הי"ו אין יפו-תל אביב וואו מיר הערן אלעס ארום דאס פראדוקציע פון שופרות.

**באזונדער וועט איר לייענען אן אפהאנדלונג איבער אלע ערליי שופרות, וועלכע איז כשר לכתחילה, וועלכע בדיעבד און וועלכע איז א מצוה מן המובחר.**



צווישן די אלטע הייזער אין שטאט יפו-תל אביב, געפינט זיך די קליינע פאבריק-געשעפט פון ר' יהודא דוידה הי"ו - איינער פון די גרויסע מומחים אין די וועלט צו פראדוצירן שופרות.

ר' יהודא איז באשעפטיגט מיט די הערנער פון בהמות טהורות שוין כמעט 60 יאר. צומאל בלאזט ער מיט הונדערטער שופרות א טאג, אויסצופרובירן און אויסצוארבעטן אז זיי זאלן זיין כשרים למהדרין.

אין מאראקעש-מאראקא, וואו ער איז אויפגעוואקסן צווישן שופרות געשעפטן, איז ער געווארן באשעפטיגט מיט שופרות, וואס ער פראדוצירט היינט לויט אלע סארט פארשידענע מנהגים, ווי דער תימנ'ער שופר וואס איז צוויי מעטער לאנג.

ער דערציילט זיין לעבנ'ס געשיכטע ווי פאלגענד: - איך בין אויפגעוואקסן אין מאראקעש אין מאראקא, אויף א גאס וואו עס זענען געווען מערערע געשעפטן פון שופרות.

יעדן טאג בין איך דארט ארומגעשטאנען עטליכע שעה און געקוקט, ביז די געשעפטן אייגנטומער האבן מיך ארויסגעווארפן... זיי האבן דאס אויך געטון אויף א מערקווירדיגן וועג: זיי האבן אריינגעלייגט דעם גערוך פונעם הארן אין מיין נאז און איך האב געמוזט אנטלויפן...

אבער יעדעס מאל בין איך צוריקגעקומען און גארנישט האט געהאלפן... איך בין צוריקגעקומען, בפרט צום געשעפט פון איינעם וועלכער איז באטראכט געווארן אלס דער גרעסטער מומחה אין דעם געביט.

מיין פאטער ע"ה האט אויך פראדוצירט שופרות אין שטוב, נישט פאר פרנסה, נאר אז מ'זאל בלאזן אין שול מיט זיין שופר. איך האב דאס צוגעזען און ס'האט מיר שטארק געצויגן, ס'איז געווארן ביי מיר אן 'ענין של קדושה', און איך האב געקלערט אז אפשר וועל איך אויך האבן דערפון פרנסה.

ווען איך בין ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, האב איך נישט געהאט קיין פאך אין די האנט. איך האב זיך דערמאנט אין מיין אלטע באליבטע געוואוינהייט פון שופרות, דאן פארוואס זאל איך נישט מאכן שופרות? נאכמער, אין דעם געביט איז כמעט נישט פארהאן קיין קאנקורענטן, עס איז געווען בלויז איין עלטערער איד אין ירושלים וואס האט פראדוצירט שופרות.

איך בין געפארן קיין ירושלים, און ביי א געשעפט אויף רח' יפו האב איך געזען א שופר אינעם פענסטער. איך בין אריינגעגאנגען אין געשעפט און געבעטן אז איך וויל קויפן דעם שופר. דער פרייז איז געווען דריי פונט (לירות). איך האב דעמאלט פארדינט 2.80 פונט, און איך האב געזאגט פארן געשעפט אייגנטומער: - קוק אהער, איך האב ביי מיר 2.60 פונט, איך גיב דיר אלעס אוועק און איך וועל אהיימפארן מיט א היטש... ער האט מיר פארקויפט דעם שופר, און פון דעמאלט האב איך נישט ארויסגעלאזט קיין שופר פון די האנט.

די ערשטע זאך בין איך געגאנגען זוכן 'קרני איילים'. איך בין געקומען צו די 'התקוה' געגנט אין תל-אביב, וואו דארט שעכט מען לעמעלעך. איך האב געפינען איינצעלנע שופרות, און דערנאך האב איך געפינען אין א געשעפט אזא סארט צווענגל וואס מען קען דערמיט ארויסציען דעם ביין פונעם הארן פון די בהמות.

די הערנער וואס איך האב געהאט זענען געווען גענצליך חרוב געווארן ביי מיין עקספערימענט... דערנאך האב איך חרוב געמאכט נאך 6 הערנער... איך האב אבער נישט אויפגעגעבן און געקויפט פרישע 40 הערנער, און דאן האב איך ב"ה באוויזן סוף כל סוף צו פראדוצירן צוויי גוטע שופרות. איך בין ארויסגעגאנגען אין שטאט, און איך האב עס פארקויפט פאר 44 פונט. דאן האב איך איינגעזען אז איך בין אין ביזנעס, איך פראדוציר שופרות!...

איך מוז אויפמערקזאם מאכן, אז ס'זענען פארהאן 4 גרויסע אונטערשידן פון אמאל ביז היינט: - אמאל, האט געדויערט צו פראדוצירן א שופר בערך צוויי חדשים פון ארבעט, און צום ענדע האט עס געקענט פסול ווערן פון א קליינעם לאך. היינט, א דאנק די פרישע טעכניק, קען מען לייכט צושטעלן גוטע שופרות.

צום פראגע צי דער אמאליגער קול שופר איז נישט געווען בעסער אדער שטערקער? ענטפערט ר' יהודא: ניין! אפשר גאר פארקערט! היינט קען איך צושטעלן יעדן סארט שופר מיט יעדע סארט קול, סיי וואס מען פארלאנגט, ס'איז געוואנדן וויאזוי מען ארבעט אויס דעם שופר און איר פארעם.

היינט אימפארטירט מען די הערנער און מ'קען דערקענען צי דאס איז פון אן איל, א ווידער, א ציג אדער סיי וועלכע בהמה. די סחורה קומט אין גרויסע קוואנטומס. מען דארף דאס גרונטליך דורכגיין און סארטירן און ארויסנעמען די צובראכענע און געשפאלטענע, פארווערימטע, און וואו דער ביין אינעם הארן וועט נישט ארויסקומען.

נאכדעם וואס דער הארן ווערט

לײדיגט און צושניטן
פארלאנג, פאנגט מען
ן אויסצואַרבעטן, דורך
ריצונגען פון כעמישע
טן אדער דורך פייער.
אויך אן אונטערשיד פון
שופר מען רעדט. ביי די
ם טוט מען אויסגלייכן
דעם טייל פונעם
ביים מויל, אבער
מאראקאנער טוט מען
יכן דעם רוב השופר,
ס איז פיל א שווערערע

פירט מען דאס אריבער
אשין וואס שיילט אפ די
יגע 'שאלעכץ'. דערנאך
ס אריבער נאך א מער
ע מאשין, ווייל דער
קען לייכט פסול ווערן
רבעט, ווייל די דיקקייט
אל צוויי סענטימעטער
ימאל בלויז עטליכע
טער...

די גאנצע שווערע
, ענדיגט מען דאס
די האנט. ווען דאס
און דער שופר ווערט
געלעכערט אדער
לטן, זענען מיר דאס
ק. און ווען מען זעט
ז אין ארדענונג, פרוביר
בלאזן דערין. אויב עס
, דאן איז גוט, און אויב
ראן דארף מען דאס
אויסארבעטן.

פראגע: ווי אזוי טוישט
לות פון שופרות? קומט
טפער: מ'קען מאכן
ענע עפענונגען ביים
רייטע, שמאלע, רונדיגע
, אזוי אז דער קול זאל
אנדערש פון איין שופר
ערן.

גדענק ווען אמאל
א געקומען איינער

פון די עלטערע רבנים פון ירושלים מיט צוויי יונגלייט, און געבעטן א שופר. איינער פון די באגלייטער האט מיר ערקלערט, אז דער רב האט נישט קיין ציין און ס'איז אים שווער צו בלאזן. זיי האבן געזאגט אז זיי ווילן מיר באצאלן סיי וואס, אבי דער רב זאל קענען בלאזן.

איך האב געזאגט, אז איך בעט נישט מער ווי געווענליך, ווייל ס'איז מיר א זכי' צוצושטעלן א גוטע שופר פארן רב. א גאנצע שעה בין איך געזעסן מיט דעם רב, ביז איך האב אים צוגעשטעלט א שופר וואס איז געווען פאסיג פאר אים. ער איז ממש געטאנצן פאר פרייד...

אייגנטליך, יעדער מענטש, יונג און אלט, קען בלאזן. עס קומען צו מיר מענטשן און בעטן: שטעל מיר צו א שופר וואס אפילו איך זאל קענען בלאזן... און איך געב זיי א שופר וואס אז מען רירט עס נאר אן, בלאזט עס שוין...

עס איז וויכטיג צו וויסן: - אויב מען דרוקט ביים מויל פונעם שופר מיט די ליפן קומט ארויס א דינע קול, און אויב מען לאזט נאך לויז, דאן קומט ארויס א דיקע קול. ווער עס וויל נישט מיד ווערן, איז גוט אז ער זאל בלאזן לויז און רואיג און נישט דרוקן מיט די ליפן.

איך קען ארויסגעבן סיי וועלכן קול פון א שופר ביים בלאזן. שוין ביי די 8 יאר האב איך געבלאזן. נאך מיין בר-מצוה איז געווען אמאל, אז דער בעל-תוקע אין שטאט געווען אן אלטער איד און ער האט שוין נישט געקענט בלאזן. מ'האט מיר געבעטן ראש השנה







בילדער פון שופרות פאבריקן אין ארץ ישראל, וואו מען פאבריצירט פארשידענע סארט שופרות, אלע מאסן און נוסחאות, פארשידנארטיגע עדות און קהלות

איך זאל אים איבערנעמען. זייט דעמאלט בין איך א בעל-תוקע אלע יארן, לאוי״ט!

איינמאל האט מען מיר געבעטן פון א געוויסע שול אז איך זאל זיין דער בעל-תוקע און מען וועט מיר גוט באצאלן. איך האב געזאגט פאר די גבאים אז איך האב צוגעשטימט אז מ'זאל מיר באצאלן, כדי זיי צו געבן א גוטן געפיל. אבער נאך ראש השנה ווען מ'האט מיר געוואלט באצאלן, האב איך בשום אופן נישט געוואלט נעמען. איך וועל נישט נעמען באצאלט פארן מזכה זיין אידן מיט מצות-שופר!

אנבאלאנגט די תימנ'ער שופרות, איז פארהאן א גרויסער





טעות: - ווען די תימנ'ער זענען ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, האבן זיי מיטגעברענגט לאנגע געדרייטע שופרות, פון צוויי מעטער לאנג..

זיי זענען געווען איבערצייגט אז דאס זענען שופרות פון א 'יָעֵל', א סארט ציג וואס מען טרעפט אויף די בערג. פון אזא ציג קען מען נישט אראפנעמען א הארן ווען עס לעבט, און אין אלגעמיין איז שווער דאס צו טרעפן.

דער קול שופר פון אזא הארן איז זייער ענליך צו א קול פון א טראמפייטער. דא אין ארץ ישראל זענען נישט געווען קיין יעלים, און די אריגינעלע שופרות וואס זיי האבן מיטגעברענגט זענען שפעטער פסול געווארן, און ס'איז מער נישט געווען צו באקומען.

איינמאל איז צו מיר געקומען איינער פון די תימנ'ער עסקנים און געבעטן אז איך זאל פאררעכטן זיין שופר. איך האב גענומען דעם לאנגן שופר און אים געזאגט: דאס איז נישט פון א 'יעל', דאס איז א הארן פון א 'דישון'. דאס איז אן אנדערע סארט בהמה, וואס נישט דאס איז זייער מסורה.

מען פראדוצירט טאקע אזעלכע שופרות, אבער דאס איז בלויז פאר טוריסטן. היינט זענען תימנ'ער אריבער צו א קרן-איל וואס דער קול פונעם שופר איז אויך פיל בעסער.

בכלל מוז איך באטאנען אז ביי מיר פאררעכט מען נישט קיין פסול'ע שופרות, מיר קענען בלויז 'ראטעווען' שופרות פון פסול ווערן, אבער א פסול'ער שופר ווערט באלד אוועקגעווארפן. ס'איז אזוי ווי ווען א באנק טרעפט א פאלשע וואלוטע: עס ווערט באלד פארניכטעט...

דער הויפט אורזאך פארוואס מיר ווארפן דאס אוועק, איז, ווייל אמאל זענען געקומען עטליכע אראבער צו מיר קויפן פסול'ע שופרות, בלויז אלס 'אנדענק', אבער שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי האבן דאס פארקויפט פאר אויסלענדישע אידן וועלכע האבן געזוכט גוטע שופרות.

איך האב זיך דאס דערוואוסט ווען מ'האט אנגעהויבן זיך פארבינדן מיט מיר אז די שופרות זענען פסול. דאן האב איך באשלאסן אוועק צו ווארפן אלע פסול'ע שופרות.

צומאל זענען אויך פארהאן איבערראשנדע קונדן. איינמאל איז אהערגעקומען א דייטשער זשורנאליסט, און ער האט דערנאך געשריבן אן ארטיקל אין א דייטשע צייטונג איבער פראדוצירן שופרות. איך האב נישט געוואוסט איבער דער ארטיקל, און פלוצלינג זענען געקומען טעלעפאן רופן און בריוון פון דייטשע גוים, וועלכע זענען געווען אינטערעסירט אין שופרות...

איינער פון זיי האט מיר שפעטער געשיקט א רירנדן בריוו, און ער האט בייגעלייגט א תנ"ך וואס איז געבליבן פון אידן וואס זענען אומגעקומען אין די צווייטע וועלט-מלחמה.

צום שלוס צייגט ר' יהודא א שופר פון 200 יאר צוריק, וואס האט באלאנגט פאר זיין זיידנ'ס זיידע. ס'איז דין ווי גלאז. ס'איז אין א געוואלדיג פערפעקטן גוטן צושטאנד, אבער ס'איז נישט צום פארקויפן!

**נד ברענגען**
**אייך אן**
**האנדלונג**
**ער אלע**
**יי שופרות,**
**לכע איז**
**לכתחילה,**
**לכע בדיעבד**
**וועלכע**
**א מצוה מן**
**בחר.**

## שידענע
## ער צו נוצן
## שופר

ס זענען פאראאן
ליגע הערנער אויף
ענע בעלי-חיים, אבער
לע פון זיי זענען כשר
ן פאר תקיעת-שופר.
שטער סארט זענען די
פארצווייגטע הערנער
רשן, וועלכע געבן א
גע אויסזען פאר דעם
דאס רעכנט אריין נישט
באקאנטע הערשן וואס
זיך אין די בערג, נאר
לע באשעפענישן פון די
משפחה, ווי די 'עלק'
מוס'.
ן אנטוויקלען הערנער
גאנץ יונג. עס הייבט זיך
צוויי קליינע בערגלעך

אויף דעם קאפ. צוביסלעך רוקט זיך דער ביין פון דעם קאפ ארויס, און די הערנער ווערן גרעסער. בשעת די הערנער וואקסן זענען זיי ארומגענומען מיט א ספעציעלער הויט וועלכע פארזארגן די הערנער מיט אקסידזשען און שפייז. ווען די הערנער ווערן גרויס, שיילט זיך אראפ דער הויט, און עס בלייבט בלויז איבער דער ביין.

יעדעס יאר פאלן אראפ די טויטע און טריקענע הערנער, און עס וואקסן ארויס פרישע הערנער. די הערנער פון א הערש זענען נישט כשר צו מאכן דערפון א שופר, וויבאלד מ'קען עס נישט אויסהוילן, עס איז נאר איין שטיק פולע ביין.

א כשר'ע שופר קען נאר קומען פון א צווייטער סארט הארן, וואס באלאנגט צו די פאמיליע פון קוען, שאף, און ציגן. באלד נאכן געבורט הייבן אן ארויסוואקסן געדרייטע הערנער פון לעבעדיגע ביין, באדעקט מיט א צודעק פון 'קעראטין' - דאס איז א שטייפער סובסטאנץ פון וועלכע אונזער נעגל איז געמאכט. דער אינערליכער ביין ווערט ארויסגענומען, און די דרויסנדיגע דעק בלייבט, און פון דעם ווערט אויסגעפארעמט אונזער שופר.

די שופרות וואס מיר נוצן זענען געמאכט פון דעם הארן וואס קומט פון די 'שאף' פאמיליע, וועלכע פארמאגן קלענערע הערנער אויף זייער קאפ. דער הארן גייט דורך א גאנצער פראצעדור איידער מען נוצט דאס. מען קאכט עס אויף און ליידיגט אויס דעם אינעוויניגסטן ביין, וועלכע ווערט ארויסגענומען כדי מען זאל בלייבן מיט א ליידיגע הארן. דערנאך מאכט מען א לאך אין דער שפיץ פונעם הארן כדי מען זאל קענען אריינבלאזן דערין, און אזוי ווערט עס א כשר'ע שופר גרייט צום נוצן.

## דריי סארט שופרות

צווישן די כשר'ע שופרות פון די קועןן און שאף פאמיליע, זענען אויך פאראאן פארשידענע סארט הערנער וואס האבן קליינע אונטערשידן צווישן זיך. עס איז דא דער געדרייטער הארן פון די שאף און ציגן. דערנאך איז דא דער קורצער, שפיציגער הארן פון אקסן, ווי אויך זענען פאראאן די לאנגע, הערליכע הערנער וועלכע הייבן זיך ארויס פון דעם 'יעל' - דאס זענען אזעלכע גראדע הערנער, וואס מיר וועלן שפעטער באשרייבן.



די געדרייטע הערנער, 'שופרות של איל', וואס איז מצוה מן המובחר צו נוצן.

אויף דער הארן פון דעם קוה איז פארהאן א מחלוקת אין די משנה (שם כ"ו) צווישן ר' יוסי און די חכמים אויב עס איז כשר פאר א שופר. די גמרא זאגט אז די הארן פון א קוה איז נישט כשר פאר א שופר, וויבאלד עס שטייט אין די תורה אז מען זאל נעמען איין שופר, און די הארן פון א קוה באשטייט פון עטליכע טיילן. דאס הייסט, עס איז צוזאמגעשטעלט פון עטליכע שיכטן איינס העכער דעם צווייטן. מיר פסק'ענען להלכה אזוי ווי די חכמים, אז מען טאר נישט נעמען א שופר פון א קוה.



א 'יעל' (שטיינבאק). עס איז שטארק מערקבאר די רינגען אויף זיין געדרייטן הארן, וועלכע אנטוויקלן זיך לויט זיין שפייז.



א גרופע שטיינבאקן קריכן אויף גראדע שטיינער ארויף א בארג.

אין גמרא (ראש-השנה ט"ז) ווערט געברענגט אז מען זאל נוצן א 'שופר של איל', דער הארן פון א ווידער (וועלכע איז פון די שאף משפחה), כדי צו דערמאנען די זכות עקידת-יצחק, ביי וועלכן דער געדרייטער הארן פון דעם ווידער האט זיך פארהאנקערט אין דעם בוים. ווי עס שטייט אין פסוק: 'וירא את האיל נאחז בסבך בקרניו', - און דער 'איל' איז גענומען געווארן אלס קרבן אנשטאט יצחק.

אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (סי' תקפ"ו ס"א) אז 'מצוה מן המובחר' איז צו נעמען דעם הארן פון א ווידער. דער טור (סי' תקפ"ו) טיילט איין די פארשידענע סארטן שופרות אין דריי טיילן:

א) די הערנער פון א קוה, און אזוי אויך אלע הערנער פון די בעלי-חיים וואס זענען געמאכט פון איין ביין (אזוי ווי פון הערשן, ווי מיר האבן געשריבן), זענען פסול צו נוצן פאר א שופר, אפילו בדיעבד. ב) די הערנער פון שעפעלעך, ווידערס, און ציגן, זענען כשר לכתחילה. ג) די גראדע הערנער פון א 'יעל' זענען כשר נאר בדיעבד. אבער מצוה מן המובחר איז צו נעמען דווקא א 'שופר של איל'.

## א שופר של יעל

דער טור ברענגט אז דער רמב"ם האט גע'פסק'נט אז מען טאר נישט נוצן קיין שום הארן פאר א שופר, אויסער די הערנער פון די 'כבשים' - דאס רעכנט אריין אלע שאף, אבער עס שליסט אויס די אנדערע באשעפענישן וואס באלאנגען נישט צום 'שאף' פאמיליע, ווי דער 'יעל'. דער 'יעל' איז א סארט ווילדע ציג מיט לאנגע, גרויסע הערנער, וואס דרייט זיך איבער די בערג אין דרום ארץ ישראל. דער יעל ווערט דערמאנט עטליכע מאל אין תנ"ך, און דוד המלך זינגט שוין איבער די 'הרים הגבוהים ליעלים' (תהלים קד יח). רש"י טייטשט דעם 'אקו' (דברים י"ד ה') אלס דער 'יעל הסלע', וואס ער רופט אן בלע"ז 'שטיינבאק'.

דער יעל הסלע איז א סארט ווילדער ציג וואס קען קריכן ממש אויף גראדע ווענט, און עס געפינט זיך אויף די אייראפעאישע בערג, וואו עס האט באקומען דעם נאמען 'שטיינבאק', כשמו כן הוא, א ציגן-באק וואס קריכט אויף שטיינער...

די הערנער פון דעם יעל וואקסט א גאנץ לעבן. עס פארמאגט אזעלכע רינגען וואס גיבן עס א שיינער אויסזען. די רינגען קומט פון דעם וואס עס וואקסט צוביסלעך, יעדער שטיק באזונדער, און דער וואוקס פון די הערנער איז געוואנדן אין די שפייז וואס דער יעל עסט. ממילא אין די סעזאנען וואס עס עסט ווייניג וואקסט א קלענערע שטיקל.

## א פסק פון רמב"ם

אין די משנה (ראש-השנה שם) ווערט געברענגט א מחלוקת צווישן תנא-קמא און רבי יהודה, צי מ'קען נוצן א

ן א ׳יעל׳. תנא קמא האלט
השנה זאל מען בלאזן מיט
של יעל וואס איז ׳פשוט׳
און ביי די תעניות זאל מען
מיט דעם שופר פון ׳זכרים׳,
אציט זיך אויף דעם זכר פון
סן, דער ׳איל׳.

הודה זאגט אז ראש-השנה
ן בלאזן מיט א שופר
׳איל׳, וואס איז ׳כפוף׳ -
רייט, און אום יובל זאל
אזן מיט א שופר פון א
גמרא ברענגט פון ר׳ לוי
זאל טון אזוי ווי רבי יהודה,
מרא לייגט צו א טעם, אז
שנה בלאזט מען מיט אן
רייטן שופר צו דערמאנען
זאל זיך איינבייגן און מכניע
יום-כיפור פון יובל, בלאזט
ט א גלייכן שופר ווייל מען
אויפהייבן די אויגן צום
ער.

איז וויכטיג צו אנמערקן אז
רן פון דעם יעל איז טאקע
אנג, אבער עס איז נישט
גלייך, נאר עס בייגט זיך יא
אין. דער ערוך ערקלערט
מרא האט זיך באצויגן אויף
קבה׳ יעל, וועמענס הארן
מעט גלייך. אבער אנדערע
זאגן אז די גמרא מיינט צו
אין פארגלייך צו דעם הארן
איל, וועלכע איז אינגאנצן
רייט אין א קרייז, איז דער
ן דעם יעל גלייך.

רמב״ם פסק׳נט להלכה אז
ר נישט נוצן דעם הארן
ל - אדער סיי וועלכע ציג
תקיעת שופר, און נאר די
פון שאף זענען כשר פאר
-שופר. אבער ווי געשריבן,
ען נישט אן אזוי להלכה.
ר פסק׳נט אז די הערנער
עלים׳ און ׳עזים׳ זענען יא
ר תקיעת-שופר. און אזוי
ויך גע׳פסק׳נט אין שולחן-

ערוך, אז ׳מצוה מן המובחר׳ איז צו נעמען אן איינגעדרייטער שופר של איל, אבער א שופר פון א יעל אדער א ציג איז אויך כשר בדיעבד.

## דער תימנ׳ער שופר

אצינד קומען מיר צו צו דער לאנגער, געדרייטער שופר, וועלכע איז פארשפרייט געווארן אין די לעצטערע יארן, נאכדעם וואס עס איז געווארן גענוצט דורך די תימנ׳ער אידן פאר לאנגע דורות.

דער תימנ׳ער שופר קומט פון דער הארן פון א געוויסער סארט חיה וואס געפינט זיך אין אפריקע מיטן נאמען ׳קודו׳. עס באלאנגט צו די משפחה פון ׳אנטעלאפן׳, און עס איז זיכער נישט קיין שאף. דערפאר קומט אויס, אז לויטן רמב״ם טאר מען נישט נוצן דעם שופר, וויבאלד לויטן רמב״ם מעג מען נאר נוצן די הארן פון די שאף משפחה, און נישט פון א ציג אדער דער יעל אדער סיי וועלכע אנדערע באשעפעניש וואס באלאנגט נישט צו די ׳משפחת הכבשים׳. אבער לויטן טור און שלחן-ערוך מעג מען יא נוצן אזא שופר, כאטש עס איז נישט ׳מצוה מן המובחר׳.

דער באקאנטער רייזנדער ר׳ יעקב ספיר ע״ה דערציילט אין זיין ספר ׳אבן ספיר׳ (עמ׳ קי״א), אז ווען ער איז געווען אין תימן אויף ראש השנה אום יאר תרי״ט, האט ער געזען אז די תימנ׳ער אידן נוצן א גרויסן שופר פון א יעל וועלכע איז צוויי אמות לאנג און דער קול איז זייער הויך און דערציטערנד. ר׳ יעקב שרייבט אז ער זעלבסט האט גענוצט דעם שופר של איל וואס ער האט מיטגעברענגט מיט זיך, אבער ער שטעלט זיך פאר אז אין תימן זענען שופרות של איל נישט פארהאן. אבער לויט ווי די תימנ׳ער אידן זאגן, איז דאס נישט ריכטיג, נאר זיי האבן יא פארמאגט שופרות של איל, און מ׳האט גענוצט דעם לאנגן געדרייטן שופר אלס ׳הידור מצוה׳.

## מחלוקת אין תימן

אום יאר תרמ״ד איז ארויסגעפארן פון ארץ-ישראל א שליח מיטן נאמען ר׳ יחזקאל שאול רופא ע״ה, צו שאפן געלט פאר די ארץ ישראל׳דיגע אידן. ער איז ארויסגעפארן פון טבריה און איז אנגעקומען קיין תימן. ווען ער איז צוריקגעקומען פון תימן קיין ארץ-ישראל האט ער מיטגעברענגט מיט זיך דעם תימנ׳ער שופר קיין טבריה. די רבנים פון טבריה האבן אפגעשיקט א בריוו קיין תימן אז קיין שום שעפס אויף די וועלט פארמאגט נישט אזא הארן, און די תימנ׳ער רבנים זאלן אויספארשן פון וואו דאס קומט און קלאר מאכן צי מ׳קען דאס טאקע נוצן פאר תקיעת-שופר.

זינט דעמאלט זענען געווען מיינונגס פארשידנהייטן צווישן די רבני תימן, צי מ׳זאל ווייטער נוצן דעם ׳קודו׳ שופר. עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן שטארק ארויסגעטרעטן דערקעגן, מיט די טענה אז לויטן רמב״ם, וועלכער איז דער פוסק אחרון ביי יהדות-תימן, איז א שופר פון סיי וועלכער סארט אויסער א שעפס גענצליך פסול. אנדערע האבן געהאלטן אז דער שיינער, געדרייטער שופר מיט דעם הויכן קול איז א ׳הידור מצוה׳, און מען פארלאזט זיך אויף אנדערע ראשונים וואס זענען מתיר אלע שופרות, בפרט אז דער ׳קודו׳ שופר איז אויך כפוף, אזוי ווי דער שופר של איל.



די 'קודו' חי' מיט זיינע לאנגע און געדרייטע הערנער וואס די תימן'ער אידן נוצן.



א הערש מיט זיינע הערנער וואס איז פון איין שטיק ביין, און איז פסול פאר תקיעת-שופר.

# א מערכה ביים מהרי"ל

די שאלה צי מ'זאל נוצן אנדערע שופרות, אויסער פון אן איל, איז שוין אייגנטליך געווען אן אלטע דעבאטע. אין דייטשלאנד אין די צייטן פון דעם מהרי"ל איז געווען פארשפרייט צו נוצן שופרות וואס קומען נישט פון אן איל. הגאון ר' יום טוב ליפמאן מילהויזן זצ"ל, דער בעל 'ספר הנצחון', וועלכער האט געוואוינט אין 'עהרפורט', האט דעמאלט געשריבן א בריוו צו אלע אידישע קהילות אין דייטשלאנד, וואו ער איז מעורר די אידן אז מען זאל אנהייבן נוצן שופרות של איל.מ

ר' ליפמאן שרייבט דארט אז ער איז דערגאנגען אז די גוי'אישע בעלי-מלאכה פאר וועמען די אידן געבן איבער די הערנער פון זייערע שאף צו מאכן דערפון שופרות, נעמען דאס פאר זיך, און אנשטאט דעם נעמען זיי הערנער פון ציגן און זיי ארבעטן דאס אויס און געבן עס צוריק פאר די אידן.

ר' ליפמאן האט געדינגען עטליכע אידישע פאכלייט, און זיי האבן אנגעהויבן צו מאכן שופרות של איל און ארומשיקן צו די אידישע קהילות, מאכנדיג א צייכן אויף די שופרות כדי מ'זאל דערקענען אז דאס זענען די מהודר'דיגע שופרות. ער שרייבט אינעם בריוו, אז ווער עס וויל קען אים שיקן קיין עהרפורט א הארן פון אן איל און ער וועט דאס אויסארבעטן, און אזוי אויך אויב איינער וויל זיך אויסלערנען די פאך פון אהערשטעלן שופרות, וועט ער אים גערן אויסלערנען.

צוזאמען מיט נאך דריי דיינים האט ר' ליפמאן גוזר געווען אויף אלע אידן אז מ'זאל נישט נוצן קיין שופר פון א ציג אויב מען קען באקומען א שופר פון אן איל.

אין ספר מהרי"ל ווערט געברענגט א לעבעדיגע עדות צו די מערכה פון ר' ליפמאן צו פארשפרייטן שופרות של איל. עס שטייט דארט אז עס איז אנגעקומען קיין מאגענצא א שופר של איל פון עהרפורט אינמיטן ראש-השנה, און דער מהרי"ל האט געבלאזן דערמיט און מקיים געווען די מצוה פון תקיעת-שופר יענעם ראש השנה, און ער האט נישט מורא געהאט פון דעם וואס דער שופר איז געקומען פונדרויסן פון תחום-שבת, כאטש געווענליך ווייסט מען, אז אויב עס קומט אן א פעקל פון אויסער דער תחום אום שבת אדער יום-טוב טאר מען עס נישט נוצן.

אין מדרש (ילקוט שמעוני במדבר כט) שטייט אז ביי עקידת-יצחק האט דער באשעפער געוויזן דעם 'איל נאחז בסבך' פאר אברהם-אבינו, זייענדיג מרמז דערמיט אז די אידן וועלן ווערן פארפלאנטערט אין פיל צרות דורכאויס דעם לאנגן גלות, אבער צום ענדע וועלן זיי ווערן אויסגעלייזט דורך דעם הארן פון דער 'איל'. ווי עס שטייט אין פסוק: 'וה' אלקים בשופר יתקע'. זאלן מיר שוין טאקע בקרוב זוכה זיין צום 'תקע בשופר גדול לחירותנו'!! ש




**טייערע ליכטיגע קינדערלעך.**

**שלום עליכם, ברוך ה' מען איז שוין דא צוריק אין א 'דיגע שעה, נאך אזא געשמאקע האלידעיס, ס'איז א'דיג געווען.**

י וואך אין פרשת כי תצא לערנען מיר די גאנצע שה מיט דעם בן סורר ומורה, וואס ער הערט ט צו בקול אביו ובקול אמו, און מען ווארנט אים ער הערט נאכאלס נישט צו, און אזוי שטייט טער אז וואס זאל מען טון מיט אים - מען זאל אים ישטיינערן און ותלית אותו על עץ - מען זאל אים פהענגען אויף א בוים. ווען מיר זען א מורא'דיגע שה וואס האט סירט פאר נישט יל יאר צוריק.

**ישט ווייט פון די אט פרעשבורג, יטן וואו דער ליגער חתם סופר איז געווען דער** האט געוואוינט א ר'ל א יתום פון זיין טע. זיין טאטע איז ל"ע גע'הרג'עט געווארן אין א מלחמה, און עס איז נישט געווען געהעריג ווער עס זאל אים אויפציען, דער אויבערשטער זאל אפהיטן אלע אידן.

די מאמע האט געזען אז עס איז נישט דא קיין טאטע וואס זאל אים אויפציען אזוי ווי עס דארף צו זיין, האט זי באשלאסן אים צו שיקן צו די ישיבה פון דער הייליגער חתם סופר. זי האט אפגעשריבן א בריוו וואו זי בעט זיך שטארק פון דער גרויסע רב זאל אכטונג געבן אויף דעם בחור, זאל אים אריינעמען אין ישיבה, און דער אויבערשטער דער אבי היתומים וועט אים שוין באצאלן אלעס גוטס, און זי בעט זיך זייער שטארק אז ער זאל זיכער מאכן אז ער שטייגט אין תורה און אין יראת שמים.

**דער הייליגער חתם סופר האט גלייך געענטפערט יא אויף די מצוה, און דער בחור איז טאקע געקומען צו פארן קיין פרעשבורג,** און דער חתם סופר האט גלייך אריינגענומען




פרעשבורג

בחור דער יתום אין זיין
בה.

מזוי איז ער געווען דארטן
נצע זמן. עס איז געקומען
טוב פסח, חודש ניסן, בין
נים, דער בחור האט זיך
עגנט פון זיין ראש ישיבה
רב דער הייליגער חתם
ר, און ער פארט זיך צוריק
ם צו זיין מאמע.

ען ער איז אהיימגעקומען
ט ער געזאגט צו זיין מאמע,
מי, **איך גיי נישט צוריק אין**
**שיבה.**"

וואס איז?" האט די מאמע
ט געקענט פארשטיין,
ר הייליגער גרויסער
דער הייליגער חתם
איז דאך ראש ישיבה,
ישיבה, דו ווייסט וויפיל
רים וואלטן גע'חלש'ט
נצוקומען אין די ישיבה,
**אסט א זכיה.**"

איך דארף נישט די גאנצע
בה, עס גייט מיך נישט אן,
זוך אן אנדערע פלאץ. איך
ף נישט מער, איך האלט
ט ביים לערנען אפילו..."

**י מאמע איז געווארן**
**ראכן און האט זיך**
**עטן ביי דעם בחור ער זאל**
**סקלאפן פון זיין קאפ די**
**שלעכטע געדאנקען וואס**
**האט.**

מבער דער בחור האט
געהאלטן ביי זיינס. "איך
ף נישט, יעדן טאג דארף
אויפשטיין און איך דארף
דארטן, דער משגיח קומט,
מען דארף קענען. איך וויל
ערש גיין צו א געמענאזיע,
קאדעמיע, צו א גוי'אישע
ל, א קאלעדזש און
טן גיין שטודירן און איך



דער בית דין שטובל אין פרעשבורג



דער ת"ת "יסודי התורה" אין פרעשבורג

וועל קענען אפשר ווערן א גרויסער דאקטער, אדער א גרויסער אינזשיניע"ר, אדער א גרויסער פראפעסער, אדער א גרויסער מייקערסטראף.. **איך וועל וויסן וויאזוי א באן פארט**, איך וויל גיין שטודירן און לערנען חכמות, איך דארף נישט קיין ישיבה.

די מאמע האט זיך געבעטן, אבער אומזיסט איז געווען איר געבעטעכץ.

עס איז געקומען נאך פסח, דער בחור איז זיך געגאנגען לערנען אין אקאדעמיע, אין א קאלעדזש, רח"ל.

דער הייליגער חתם סופר האט געשיקט א בריוו צו פרעגן וואו דער בחור איז, פארוואס דער בחור איז נאכנישט אנגעקומען אין זיין ישיבה.

די מאמע האט צוריקגעשריבן און צוריק געענטפערט וואס עס האט פאסירט נעבעך מיט איר זון, אז ער איז געגאנגען לערנען נעבעך אין א געמענאזיע מיט גוים, אין א קאלעדזש, און זי האט געשריבן ווי צעבראכן זי איז, און די גאנצע משפחה איז אזוי צעבראכן, אלע חברים זיינע, יעדער איז צובראכן מיט די שרעקליכע צרה וואס האט זיי אנגעטראפן.

**דער הייליגער חתם סופר איז געווארן אויפגעשוידערט אז אזא זאך האט פאסירט מיט א אידישער בחור'ל, און נאכדערצו זיינס א תלמיד.** און נאכמער איז דער הייליגער חתם סופר געווען אינגאנצן צובראכן, ווייל ער האט גענומען אחריות אויף

ם בחור אז ער וועט אים ציען און זיכער מאכן אז שטייגט אין תורה און אין ת שמים, און דא רחמנא לן איז ער געגאנגען אין לעדזש, עס איז ממש ווי נער וואלט זיך גע'שמד'ט, האט דאך צוגעזאגט פאר אלמנה אז ער גייט קעי"ר מען פון אים. דער הייליגער ם סופר איז געווען זייער ראכן.

וואס טוט מען? מען נעמט יס א תהלים'ל און מען בט אן זאגן תהלים, דאס ס אונזערע עלטערן האבן און אלעמאל, מען וויינט אויס פארן אויבערשטן. האט דער הייליגער חתם ר מתפלל געווען צום בערשטן א הייסע תפלה אז ער זאל צוריקקערן ס הארץ פון דער בחור'ל דער יתום מיט א ובה שלימה, **ער האט שטארק מתפלל געווען צום בערשטן**. אלעמאל ווען ער האט געדאווענט צום שעפער האט ער אינזין געהאט דעם בחור, ער זאל יקומען צו די אידישע וועג.

**אין די זעלבע צייט וואס דער חתם סופר דאווענט צו אויבערשטער, האט דער בחור פארברענגט מיט ע חברים גוים אין די קאלעדזש** רח"ל. ער האט געסן פון אלעם אויף די וועלט, ער האט 'געמיינט' ער איז צופרידן, און דער הייליגער חתם סופר דער סער רבי זיינער דער צדיק הדור איז צעבראכן שטיקער, זיין מאמע איז אזוי צובראכן. אזוי איז אנגעגאנגען א קורצע צייט.

עס איז געווען איין אוונט, דער בחור'ל דער יתום ט זיך שלאפן ביינאכט - צי ער האט יא געזאגט את שמע צי נישט ווייס איך נישט, איך גלייב אז ט, אז מען לערנט אין א קאלעדזש פארגעסט מען אלע אידישקייט - און אזוי שלאפט ער איין, און חלומ'ט זיך.

ער וועקט זיך אויף, ער זעט דער הויפט פון די ל וואס ער האט געלערנט, דער גלח. (אזוי ווי ביי שה איז דא דער ראש ישיבה איז להבדיל ביי די גוים אין יעדע עדזש איז דא א גלח), **און דער גלח האט אים געלאדנט**



מרן הגדול הרה"ק רבי משה סופר זי"ע - פרעשבורגער רב - בעל חתם סופר

**מיט אנדערע סטודענטן פאר א פיינע מיטאג סעודה.**

נישט נאר איז ער געווען צווישן די גערופענע, ער האט געקענט זיין אפילו נעבן די גלח, ער האט געהאט די שמייליגע זכיה... דער בחור איז געזעסן דארטן צווישן אלע גוים, אונז קענען מיר זיך נישט פארשטעלן וויאזוי א גוי'אישע סעודה זעט אויס און וואס זיי טוען ביי א סעודה. **און רחמנא ליצלן דער בחור איז אריינגעפאלן צו געפערליכע עבירות ביי די סעודה מיטן גלח.**

דער גלח האט גערעדט צו דעם בחור ביי די סעודה און אים געזאגט אזוי, "דו געפעלסט מיר זייער זינט דו ביסט געקומען דא לערנען. איך וואלט זייער שטארק געוואלט נישט מער און נישט ווייניגער דו זאלסט חתונה האבן מיט מיין טאכטער! אונז האבן זייער א גוטע טאכטער א קלוגע און א פיינע, זי איז זייער גוט געלערנט, דו ביסט זייער פאסיג פאר איר, **און איך וויל אז דו זאלסט חתונה האבן מיט מיין טאכטער...**"

דער בחור האט זיך ליידער זייער געפריידט; א קלייניגקייט, איך גיי חתונה האבן מיט די טאכטער פון דעם גלח אליינס. ער האט גלייך געגעבן זיין אקעי' אז ער איז גרייט.

ער האט זיך אבער שנעל דערמאנט אז ער דארף שיקן צו זיין מאמע איר צו לאזן וויסן. **האט ער געשיקט א טעלעגראם צו זיין מאמע**, (א טעלעגראם איז א וועג וויאזוי מען פלעגט אמאל שיקן א שנעלע מעסעדז'ש, מען האט נישט געקענט רופן, טעלעפאנען איז נאך נישט געווען דעמאלט, האט מען געשיקט א טעלעגראם, מען האט דארט געשריבן וואס מען האט געוואלט און עס ארויסגעשיקט און עס פלעגט אנקומען זייער שנעל.) און ער האט געשריבן צו זיין מאמע אויף די טעלעגראם די שידוך וואס מען טראגט אים אן און אז ער איז גרייט פאר דעם, און ער וויל זייער שטארק אז זיין מאמע זאל קומען צו די חתונה.

די מאמע די צדיקת איז אוודאי נישט געקומען צו די טמא'נע חתונה רחמנא ליצלן. **זי איז געבליבן אינדערהיים, אויסגעוויינט איר הארץ און נאס געמאכט**



דער שטעטל פרעשבורג 100 יאר צוריק

הלימ'ל, די בלעטלעך האט
שוין אפילו נישט געקענט
בערמישן ווייל מען איז
ליבן מיט די האלבע
טל אין די האנט, עס איז
ען אזוי דורכגעווייקט
איר תהלימ'ל, און אזוי
ז זי געוויינט נעבעך אויף
פארלוירן קינד.

ס איז אדורך געגאנגען א
ק צייט נאך די חתונה און
איז ביי זיי געבוירן געווארן
קינד. דער טאטע דער
עם פונעם גלח - דער
ישער בחור - האט גוט
אוסט אז זיין קינד איז א
יש קינד ווייל ער איז א זון
די טאכטער פון דעם גלח
ט די הלכה איז אז דער קינד
א גוי. אבער נאכאלס האט
געפראוועט אמאל אמאל
ישע פארטיס. ער האט
געהאט צו מאכן אזעלכע
ישע פארטיס אויכעט, אזוי
ער האבן סיי די גוי'אישע
עס און סיי אויך להבדיל
ידישע פארטיס, אזוי האט
ראפלט, מען קען נאכמער
קען. אבער ער האט נישט





דער ציון פון הרב הגאון וקדוש בעל חתם סופר זי"ע אין פרעשבורג

געהיטן קיין איין מצוה זיכער נישט נעבער, גארנישט, ער איז געווען פריי רח"ל, חתונה געהאט מיט א גוי א טאכטער פון א גלח.

**אזוי איז אריבער אסאך יארן, דער קינד איז שוין געווארן אלט עלף צוועלף יאר, און ער האט מחליט געווען אז ביי די דרייצן יאר גייט ער אים מאכן א בר מצוה...** באמת הייסט עס נישט א בר מצוה עס הייסט א בעל עבירה, אבער ער גייט מאכן א בר מצוה פאר זיין גוי'אישע אינגל. ער האט מחליט געווען וואס קען איך שוין דערלייגן, ער האט געשיקט אינוויטעישאנ"ס אז ער מאכט בר מצוה, ער גייט מאכן א גרויסע בר מצוה. און דא האט ער נאכאמאל געשיקט א טעלעגראם צו זיין מאמע און געשריבן אז ער האלט שוין ביי די בר מצוה פון זיין זון און ער ליידנט איר איין צו די גוי'אישע בר מצוה פון זייער יאנוש.

**פארזעצונג קומט אי"ה די קומענדיגע וואך.**

## פארוואס האסטו יא געהאט געלט?

**שכר עליך בלעם בן פעור..**

טייגער פון דעם דובנא'ער מגיד איז געווען אז ער פלעגט ארומפארן פון שטאט צו שטאט זאגן דרשות, און
ט ער געצויגן חיונה.

ך געמאכט אמאל אז ער איז אנגעקומען ערב שבת אין א שטאט און ער הערט אז דער דובנא'ער מגיד איז שוין
טאט. האט ער גלייך פארשטאנען אז איינער איז אהערגעקומען און וויל אים אויסכאפן האט ער פארגעשלאגן
אזוי מען זאל דערגיין ווער איז דער אמת'ער און ווער איז דער פאלשער, אז מען זאל עפענען א חומש און וואו
יך, וועלןביידע דארפן זאגן א דרוש מיט א משל.

ט געעפנט דעם חומש און עס האט זיך געעפנט ביי דעם שטיקל **'על אשר קדמו אתכם בלעם בן פעור ואשר**
**בלעם בן פעור'** און דער עכטער דובנער מגיד האט געפרעגט א קשיא מיט א משל און געטייטש די ווערטער
ל.

אמאל געווען א דארפסמאן וואס האט געהאט א גערעטענע טאכטער און געזוכט פאר זיין טאכטער א פיינער
ז געקומען צו דעם ראש הישיבה בעטן ער זאל אים אנווייזן א גוט בחור'ל. דער ראש הישיבה האט אים געוויזן
ער האט טאקע יענעם גענומען פאר אן איידעם.

ידעם איז געקומען פון שטאט און איז געווען געוואוינט צו עסן שטאטישע און בעסערע עסן, אבער עסנדיג
זיין שווער, האט אים דער שווער געגעבן דארפישע עסן.

ידעם האט זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוואוינען צו די פראסטע עסן. ער האט געבעטן דעם שווער ער
בן אנדערע עסן אבער דער שווער איז געווען איינגעשפארט אז דאס עסט מען דא און ער גיט נישט עפעס

ידעם האט זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוואוינען און ער האט אנגעהויבן פאסטן, און איז געווארן דארער
ער פון טאג צו טאג.

ווער זעענדיג דאס האט ער געדינגען א שומר זאל אים צווינגען צו עסן, און דער איידעם האט נישט געקענט
די צער און איז אנטלאפן צוריק צו זיין ישיבה. דער דארפסמאן זעענדיג דאס איז ער געלאפן צו דעם ראש
ן זיך באקלאגט פאר אים, אבער דער ראש הישיבה האט אים צוריקגעענטפערט היתכן, פארוואס האט ער אים
בן צו עסן בעסערע עסן.

ער דארפסמאן צוריקגע'טענה'ט וואס האט דען דער איידעם געטראכט אז איך וויל אים צושטעלן מעדני מלך,
עם, ער וועט עסן וואס איך עס.

ים דער ראש הישיבה צוריקגעזאגט: אז דו ביסט טאקע ארעם אבער צו דינגען א מענטש אים צו צווינגען
ן האסטו געקענט און אים צושטעלן גוטע עסן האסטו נישט געקענט, זיי מוחל נוץ דאס געלט אים צו געבן
סן.

ער דובנער מגיד אויסגעפירט אז דאס איז פשט אין פסוק - די תורה באשולדיגט די אומות **על אשר קדמו**
**חם ומים**, אבער די אומות קענען טענה'ן מיר האבן נישט, ענטפערט זיי די תורה **ואשר שכר עליך בלעם בן**
געלט צו דינגען בלעם האט איר געהאט - זעט מען פון דעם אז געלט האט איר און עס איז נאר אז איר האט
אלט.

א שיינער פשט האבן אלע מודה געווען ווער עס איז דער אמת'ער דובנער מגיד און דער פאלשער איז ארויס
ים.



# צווייטע צרה

חייקל דער משומד פון די שטאט האט
לאזט אלעס און זיך אנגעגעבן צו דינען אין די
מיליטער האט קיין איינער פון די שטאטס אידן
געוואונדערט דערויף.

שטעטל האט מען גוט געוואוסט ווי ווייט ער איז
שקייט, איבער זיין אינערליכע פארפוילטקייט
ר האט ניטאמאל פרובירט צו באהאלטן.

האט פורק עול געווען פון זיך זייענדיג זיכער אז
ויסנדיגע גאס ווארט אים אפ גאלדענע גליקן,
ר א שטיק צייט דינען אין די מיליטער האט ער
ן צו כאפן ווי מיאוס ער איז דא אריינגעפאלן, אז
פארטוישט א רואיגע און געשמאקע לעבן, צו א
און פלאגענדע לעבן.

ן אין מיליטער איז געווען זייער שווער. ער האט
ליך געקענט דערהייבן, אבער ווען ער האט איין
לאסן אז ער גייט מאכן פליטה האט ער נישט
ר וואו אהין ער קען לויפן.

ג אין א פארלעגנהייט האט ער זיך דערמאנט אין
ישע ברידער.

ר וועלכע זענען בארימט איבעראל מיט זייערע
ות וועלן אים זיכער נישט אוועקווארפן און

נאכן אנטלויפן איז ער אנגעקומען צו די שטוב פון דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע.

דער הייליגער שפאלער זיידע האט אים אויפגענומען שיין. ער האט אים אריינגעלאזט צו זיך אין שטוב, געגעבן עסן, א בעט, און פאר אזוי לאנג ווי דריי חדשים האט ער זיך אויפגעהאלטן ביי אים אין שטוב.

גאנצע דריי חדשים זענען פארביי. חייקל האט זיך איינגעלעבט ביים צדיק אין שטוב, אבער די רוסישע מיליטער האט נישט אויפגעגעבן אויף אים. גלייבנדיג אז ער קען נישט זיין צו ווייט אוועק האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אין די שכינות'דיגע שטעט און אויף אים געזוכט נאכאנאנד.

יענעם צופרי, ווען חייקל איז ארויס אין גאס אויף א שפאציר, האט ער אין וויסטן חלום נישט געטראכט אז א גרופע מיליטערלייט מיט וועמען ער איז געווען גוט באקאנט, זענען אנגעקומען די אין די שטאט און זיי זוכן אים.

מיט א געמיטליכקייט האט חייקל שפאצירט אין שטאט ווען פלוצלינג האבן אים די מיליטערלייט דערקענט.

"דא איז ער." האבן זיי געוויזן אויף אים און זיך ארויפגעווארפן אויף אים און אים ארעסטירט.

פארזעצונג אויף זייט 10

אגע וואס עס האט אים געווארט איז געווען
רב. די רוסישע מיליטער האט זייער שטרענג
פט די וואס זענען אנטלאפן פון די מיליטערישע
נער חייקל איז נישט געווען באזארגט.

ען האט אים געשטעלט אויפן באשולדיגונגס
ט ער געהאט ביי זיך א גוטער אויסרייד.

ריכטער דארף וויסן וואס דא האט פאסירט,"
משומד גע'טענה'ט.

אב ווייטער געוואלט דינען די רוסישע מיליטער
ר שפאלער זיידע האט מיר געזאגט אז אויב איך
טער דינען אין די מיליטער וועל איך פארלירן די
ן יענע וועלט. איך האב מורא געהאט."

האט דער משומד פארציילט אז פאר דריי
אין איין ציה איז ער איינגעשטאנען ביי דער
זיידע אין שטוב און אז ער האט אים דארט
עסן און געמוטיגט ער זאל נישט צוריקגיין אין
ער.

ריכטער, א וויסטער שונא ישראל, האט זיך
אויף די מציאה.

ארט האט ער ארויסגעגעבן א באפעל אז מען
סטירן דער שפאלער זיידע אויפן פארדאכט פון
אז ער האט געהעצט דעם איד אז ער זאל נישט
יליטער.

ביטערע בשורה אז מען גייט ארעסטירן דעם
ט דערגרייכט צו די שטאט שפאלע האבן די אידן
לע אנגעהויבן שתדל'ען אז די גזירה זאל בטל

האבן געשמירט די רעדער און עס איז געבליבן
צדיק קען זיך אויפהאלטן אין שטוב פון א איד
סישע סאלדאטן וועלן באוואכן יענע הויז אז דער
נישט קענען אנטלויפן.

זענען געלאפן שנעל און ענדליך האט מען זיך
אין די טאג פון דער געריכט. מען האט געברענגט
מד צו די געריכט און ער האט אנגעהויבן צו זאגן
און אנווארפן זיין שולד אויף דער צדיק.

עלבע צייט זענען די פאליציי לייט אנגעקומען
וואו דער צדיק האט זיך אויפגעהאלטן און אים
אז היינט דארף ער זיך שטעלן פארן געריכט.

דיק איז ארויס אין וועג. גייענדיג צו די געריכט
פארקירעוועט די וועג און איז צוגעגאנגען צו א
ים, עס אנגעכאפט און פארפלאמטערהייט זיך
רוף אן.

של עולם! עס שטייט אין די תוה"ק 'מי מנה עפר
ער קען ציילן די שטויב פון די אידן וואס זייערע
איז געווארן שטויב, ווייל זיי האבן מקריב געווען
רפער פאר הקב"ה און זענען אומגעקומען על

קידוש שמו יתברך."

און דער צדיק האט ממשיך געווען:

"רבונו של עולם 'ומספר את רובע ישראל' - ווער קען ציילן די צאל פון אידן וואס האבן זיך געלאזט צושניידן פאר השי"ת אויף קידוש השם?"

דא האט דער צדיק אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף אויבן און זיך געגעבן א רוף אן:

"צי ווילסטו אז איך זאל אויך אזוי זיין? ביי מיר וועט מקויים ווערן דער 'תמות נפשי מות ישרים' - אז איך וועל שטארבן אין א נארמאלער וועג, אבער 'ותהי אחריתי כמוהו' - אז מיין ענדע וועט זיין ווי זיי - די בעלי מסירות נפש - ווייל אויך איך וועל מתקן זיין די זעלבע זאך וואס זיי זענען מתקן."

ווי נאר דער צדיק האט געענדיגט די ווערטער איז מען ווייטער געגאנגען אויפן וועג צו די געריכט הויז.

ביני לביני האט זיך דער געריכט אנגעהויבן און דער ריכטער הערנדיג די טענה פון דעם משומד אז דער שפאלער זיידע האט אים געווארנט אז ער זאל זיין ערליך און אז וועגן דעם איז ער אנטלאפן פון די מיליטער האט דער ריכטער אים אויסגעפרעגט ווי אזוי דער שפאלער זיידע קוקט אויס.

"צי האט ער א לאנגע בארד אדער א קורצע בארד?"

"א לאנגע."

דער משומד האט דערביי אנגעוויזן אויף זיך ביז וואו די בארד קומט אים אן.

"צי איז ער א דארער אדער א ברייטער?"

"א ברייטער."

אויך דא האט דער משומד אנגעוויזן אויף די ברייטקייט ווי ווייט עס גייט.

דער ריכטער האט ממשיך געווען צו פרעגן שאלות איבער די געשטעל פון דער שפאלער זיידע און ווען דער משומד האט געענדיגט אים אויס'משל'ן האט ער געהייסן אז מען זאל אריינרופן דעם צדיק אין זאל.

ווען דער צדיק איז אריינגעקומען האבן אלע אנגעקוקט דעם משומד.

דער אויסשטעל וואס ער האט פארגעלייגט האט נישט געשטימט מיט דער געשטעל פון דער שפאלער זיידע און אלע האבן עס געזען.

חייקל איז געווארן מורא'דיג פארשעמט, דער ריכטער האט אים געצווינגען איבערצובעטן דעם צדיק.

מען האט באשיינפערליך געזען ווי מען האט אים אריינגעלייגט פון הימל די ווערטער וואס ער זאל זאגן.

דער ריכטער האט גלייך באפרייט דעם צדיק און ער איז ניצול געווארן פון די גזירה.

**[ליקוטים יקרים]**




**...ייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

...ין די סדרה די וואך שטייט, פסוק כ"ד פאר חמישי,
**...א שפתיך תשמור** - א מענטש דארף איינהאלטן
... ער זאגט צו, א מענטש זאל נישט מיינען אז ער
... צוגעזאגט און עס איז א ווערטל, און עס איז
...ישט געשען נאכדעם אויב ער האלט נישט איין.

**...י וואך מיטוואך איז געווען**
**...150'סטע יארצייט פון דער**
**...יגער צדיק דער הייליגער**
**... לב, ער האט געהייסן הרה"ק**
**...קותיאל יהודה טייטלבוים**
**..., ער איז געווען א זון פון רבי**
**...זר ניסן זי"ע וואס ער איז**
**...ען א זון פון דער הייליגער**
**...ח משה זי"ע.**

...יי די לוי' פון דער הייליגער
... לב האט דער ראש הקהל
...די שטאט סיגוט, **הרה"ח**
**...משה ארי' פריינד ז"ל,**
...געשוידערט אלע מענטשן
... א מורא'דיגע מעשה וואס
... פאסירט יארן פארדעם.


די ציון הקדוש פון הרה"ק בעל ייטב לב זי"ע - אין סיגוט

אזוי האט ער פארציילט: עס איז געווען איינמאל ווען ער איז געזעסן ביים רבי'ן דער הייליגער ייטב לב אין זיין פאדערשטע שטוב, דארטן וואו מען שרייבט די קוויטלעך און נאכדעם גייט מען אריין צו אים. איז געווען דארטן עפעס א איד וואס ער איז געווען זייער פרעמד, מען האט געזען אויף זיינע קליידער אז ער קומט פון אן אנדערע לאנד, און ער האט געבעטן צו שרייבן א קוויטל. **מען האט אים אפגעשריבן א קוויטל און דער איד שטייט ביים טיר אריינצוגיין צום הייליגן ייטב לב.**

ווי נאר די טיר מאכט זיך אויף, און ער זעט די צורה פון דער הייליגער צדיק האט ער גלייך אויפן פלאץ גע'חלש'ט. מען האט אים שנעל דערמונטערט מיט וואסער וואס מען איז געלאפן ברענגען. ביז ווען ער האט זיך ענדליך דערמונטערט, **אבער ווי נאר ער זעט נאכאמאל דער הייליגער געטליכער צדיק האט ער נאכאמאל גע'חלש'ט.**

האט אים געמוזט ארויסטראגן מען האט אים צוביסלעך מונטערט צום צווייטן מאל, דער הייליגער ייטב לב האט אים פארברענגט נאכדעם א ערע צייט.

אכדעם וואס ער איז סגעקומען פון די שטוב פון הייליגער צדיק, האט ער זיך עפרעגט ביי מיר וואו מען קען צו די באן סטאנציע און ווען עס י נעקסטע באן. האב איך אים טפערט.

פאר מינוט נאך וואס ער אוועקגעגאנגען, האב איך געכאפט; וואס גייט דא פאר דעם איד, פארוואס האט ער לש׳ט, וואס איז דא געשען? איך אים שנעל נאכגעלאפן, און האב אים טאקע געטראפן ביים סטאנציעווארטנדיג פאר די ענדיגע באן.

יך האב געפרעגט דעם איד וואס איז פארגעגאנגען. קודם האט מיר נישט געוואלט פארציילן, האט זיך ארויסגעדרייט יעדע מיט א צווייטע תירוץ, **ביז האב אים געזאגט איך גיי דיר צורוה לאזן ביז דו וועסט מיר ציילן וואס די מעשה איז געווען**

אט דער איד מיר געזאגט, ם, איך דערצייל דיר די מעשה א תנאי אז דו טארסט עס פאר עם נישט דערציילן. האב איך צוגעזאגט.

און דער איד הייבט אן צו דערציילן אזוי: מיין טאטע געווען א גרויסער עושר, ער האט איינגעהאלטן גאנצע תורה, מהדר געווען אויף אלע מצוות, יעדע ניגקייט אזוי ווי עס וואלט געווען גרויס. פרייטאג ער פארשפארט זיין געשעפט צוועלף אזייגער, האט ער זיך געפירט יארן לאנג.



א איד מיט א הדרת פנים אין שטעטל סיגוט



טייערע קינדערלעך אין שטעטל סיגוט לערנען פלייסיג ביי זייער רבי'ן - די הינדלעך באמערקט מען טאנצן פון הינטער זיי...




זיסע קינדערלעך אין שטעטל סיגוט

און דער איד דערציילט ווייטער. **מיין טאטע איז געווארן זייער אלט, און ער האט מיר צוגערופן און ער האט מיר געזאגט, דו גייסט דאך ירש'ענען מיין פארמעגן,** מיינע געשעפטן, ווייסט דאך עס גייט קומען די צייט, איך שרייב אלעס פאר דיר, די גאנצע ירושה איז פאר דיר! אבער מיט איין תנאי; זאלסט זיך אויפפירן אזוי ווי איך האב מיר אויפגעפירט און אזוי ווי די תורה הייסט, און אזוי ווי דו האסט מיר געזען פארמאכן יעדע פרייטאג די געשעפט צוועלף אזייגער, נישט שפעטער ווי חצות, אזוי זאלסטו אויך טון, כדי מען זאל זיך קענען גרייטן צום שבת ווי ס'דארף צו זיין.

איך האב געזאגט פאר מיין טאטע אז איך בין מקבל צו טון אלעס וואס ער הייסט מיר. און אזוי האב איך טאקע מקיים געווען, נאך מיין טאטע'ס פטירה האב איך מקיים געווען אלעס וואס איך האב צוגעזאגט.

**אפאר חדשים צוריק האט זיך געמאכט זייער א גוטע געשעפט וואס איך האב געקענט זייער שיין פארדינען,** דער סוחר איז אריבערגעקומען צו מיר און מען האט אפגעמאכט די גאנצע געשעפט, און מען האט אפגעשריבן פונקטליך אלע פלענער, און וויפיל יעדער גייט פארדינען. עס איז דעמאלטס געווען פרייטאג, און אזוי ווי עס איז געווען א לאנגע געשעפט האט זיך עס ארייננגעצויגן שפעטער אין די נאכמיטאג שעות. שוין, די געשעפט האט זיך געענדיגט און עס איז געווארן שבת, ברוך ה׳.

אבער יענע פרייטאג צונאכטס ליג איך אין בעט און פלוצלינג זע איך מיין טאטנ'ס צורה! עס האט מיר אזוי אויפגעשוידערט, עס האט מיר געכאפט אזא ציטער, מיין הארץ האט גענומען שטארק קלאפן. און איך הער ווי מיין טאטע זאגט: **איך נעם דיר אויף א דין תורה**

**יבן דא ביים בית דין של מעלה, אסט עובר געווען אויף מיין זאג, "מוצא שפתיך תשמור", אסט נישט איינגעהאלטן וואס האסט צוגעזאגט, האסט ורשפארט די געשעפט שפעט כמיטאג!** און מיין טאטע האט ר אזוי אנגעהויבן צו שלעפן ן פלוצלינג זע איך מיך שטיין יבן ביים בית דין של מעלה.

איך האב שוין געמיינט אז אס איז עס, איך קום מער נישט ריק דא, ווען פלוצלינג הער ך עפעס א מורא'דיגע גערויש, מורא'דיגע טומל אין הימל, יזנטער מלאכים לויפן. וואס ז? זאגט מען מיר אז **מען גייט ערן ווי דער רב פון סיגוט גייט אכן קידוש. אלע מלאכים לויפן,** ס איז נישט דא קיין בית דין של עלה דעמאלטס, און מיין טאטע ז אויך געבליבן דארטן ווארטן ז נאך קידוש.

און נאכדעם האט זיך געהויבן אלע טענות, אז איך אב נישט איינגעהאלטן וואס ך האב צוגעזאגט, און אז דער אטע פארלאנגט אז איך זאל דא הערקומען געהעריג פאר א דין רה.

פון די אנדערע זייט אבער נען געווען מלאכים וואס האבן שריגן; ער האט דען מחלל בת געווען? ניין, ער האט נאר רצויגן לענגער ווי חצות, ס קומט זיך אים נישט אזא רבע שטראף, **ער האט דאך רשפארט די געשעפט פאר בת, עס איז נישט קיין חילול בת.** אזוי איז געווען די וויכוח הין און צוריק, ביז בית דין של עלה האט אפגעמאכט אז מען ט טון וואס דער סיגוט'ער רב עט פסק'ענען, ער איז דער



די באן סטאנציע אין סיגוט - ראמעניע



א ביהמ"ד אין סיגוט




די ביהמ"ד אין סיגוט - אמאל

צדיק הדור, דארף מען אים פרעגן.

סיגוט'ער רב האט שוין געהאלטן נאך קידוש, ער האט אויסגעהערטביידע צדדים, און דער סיגוט'ער רב האט געזאגט, יעצט פאר די אין מאל דארף מען מוחל זיין אבער ער מוז זיך פארנעמען אז פון היינט און ווייטער זאל מער נישט פאסירן אזעלכע זאכן.

און דער איד דערציילט ווייטער פאר ר' משה ארי', יענע שבת צופרי האב איך מיך אויפגעוועקט אזוי דערשראקן, איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט פון דעם סיגוט'ער רב, איך האב קיינמאל נישט געוויסט פון אזא שטאט און אזא רב, איך האב געוואוינט אין אן אנדערע ווייטע לאנד.

**עס איז געווען זונטאג אינדערפרי, איך האב מחליט געווען אז איך מוז געוואויר ווערן וואו די שטאט סיגוט איז, טרעפן אפשר אן אייניקל פון דעם צדיק און אים באלוינען** אויף דאס וואס ער האט מיר צוריק אראפגעברענגט אויף די וועלט. איך האב גענומען א ריזיגע מאפע פון די גאנצע וועלט און אויפגעזוכט וואו די שטאט סיגוט איז, און איך האב עס אנגעטראפן ערגעץ אין די געגנט פון מארמאראש, ערגעץ אין אונגארן האב איך געטראפן א שטאט סיגוט, איך האב געזען אז עס איז אפאר טויזנט מייל אוועק פון מיר, אבער איך האב מיר ארויסגעלאזט אויף די לאנגע רייזע, צאמגעפאקט מיין פעקל און געגאנגען אין וועג אריין.

אפאר וואכן בין איך געגאנגען, און איך האב מיך נאכגעפרעגט ביז איך בין אנגעקומען דא אהער אין די שטאט סיגוט וואו איך האב דא געשריבן א קוויטל ווען איך בין אנגעקומען אין די שטאט מיינענדיג אז איך גיי דא זיין ביי דעם אייניקל פון דער רב און איך וועל מיר באדאנקען.

בער אזוי ווי איך האב
פנט די צימער, - דו ביזט
געשטאנען דארטן דו האסט
זען, דערציילט דער איד פארן
הקהל, און דער ראש הקהל
ציילט עס יעצט ביים לויה פון
סיגוט'ער רב דער הייליגער
לב - אזוי ווי איך האב געעפנט
ר מיינענדיג אז איך גיי נאר זען
יניקל פון דעם צדיק, האב איך
לינג געזען די צורה וואס איך
געזען אויבן ביים בית דין של
ה, איז פון גרויס שרעק בין איך
געפאלן, און אפילו ווען מען
מיר דערמונטערט איין מאל
איך נאכאמאל צאמגעפאלן,
איך האב געקענט האבן עפעס
ת, און נאכדעם האב איך
ברענגט מיטן רבי'ן.

ון ר' משה ארי' פריינד
ציילט, איך האב מיך געזעגנט
עם איד, פון אזא מעשה אזא
רראשונג, איך האב קיין ווארט
געקענט רעדן צום רבי'ן
מאל וועגן די גאנצע מעשה,
**ר עס איז געווען איינמאל**
**שפעטער ווען עס איז געווען**
**ער וואס איז געווען זייער קראנק,** און מען
עקומען אינמיטן די טיש פרייטאג צונאכטס בעטן
ער רבי אז די מצב איז זייער ערנסט, און דער רבי
גארנישט געענטפערט. האב איך מיך געגעבן א
ן, ווי קען זיין אז א איד פון יענע עק וועלט האט
רבי' געקענט העלפן מיט א פסק אין בית דין של
ה, און דא א איד פון סיגוט זאגט נישט די רבי
ר זאל האבן א רפואה שלימה, דער רבי קען אים
העלפן?

זוי ווי איך האב דאס געזאגט פאר'ן הייליגן רבי'ן
מיר דער רבי געזאגט, **איך אסר דיר ווילאנג איך**
**זאלסטו פאר קיינעם נישט דערציילן די מעשה!**

ון ר' משה ארי' דער ראש הקהל האט יעצט
ינט ביי די גרויסע לויה פון די צדיק, און געזאגט,
גרויסער צדיק האבן אונז פארלוירן, אזא צדיק
איז ביי זיין לעבן שוין געווען אויבן און גע'פסק'נט
ביים בית דין של מעלה, אזא גרויסער צדיק



די באן אין האנשאוויץ




די פארצייטישע שטעטל האנשאוויץ אין סלאוואקיע

האבן אונז פארלוירן.

***

נאך רביעי שטייט, לא תתעב אדומי כי אחיך הוא, לא תתעב מצרי "**כי גר היית בארצו**", ביסט געווען א גר, ביסט געווען א פרעמדער אין זיין לאנד.

לעצטע וואך פרייטאג א' אלול איז געווען די הונדערט אכט און פערציגסטע יארצייט פון דער גרויסער צדיק **הרה"ק ר' ברוך אברהם בינדיגער זי"ע**, ער איז געווען דער האנשאוויצער רב, א גרויסער צדיק א תלמיד פון דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע, א חבר פון דער הייליגער צאנזער רב זי"ע. דער צדיק ר' ברוך אברהם איז געווען מיין זיידע, **און איך האב ברוך ה' געהאט די זכיה לעצטע וואך דינסטאג ביים ברית פון מיין יונגעלע נ"ו צו געבן טאקע א נאמען נאך דעם צדיק ר' ברוך אברהם.**

וואו קומט עס יעצט דא אריין? ווייל די פסוק זאגט דאך כי גר היית בארצו, **דער צדיק ר' ברוך אברהם האט**

**הייסן "בינדיגער", פארוואס איז געווען זיין נאמען**
**נדיגער?** איז זייער אינטערעסאנט, קודם איז ער
ווען דער רב אין די שטאט ביקאווסק, נאכדעם
ז ער געווארן רב אין די שטעטל האנשאוויץ,
קאווסק איז אין גאליציע און האנשאוויץ איז אין
נגארן, ער האט געדארפט פארן פון גאליציע צו
נגארן צו נעמען די רבנות שטול און ווערן דער רב
ן האנשאוויץ.

ווען ער איז דורך די גרעניץ האבן אים די רעגירונג
אמטע דארטן געפרעגט וואס זיין לעצטע נאמען
ז, ער האט אבער נישט פארשטאנען די שפראך
אס זיי רעדן, און ער האט
מיינט אז זיי פרעגן אים וואו
ר וואוינט אדער וואו ער גייט
וינען. האט ער זיך אגערופן
**יך בין דא א גר**", אזוי האט ער
זאגט אויף אידיש איך בין דא
גר.

זיי האבן נישט פארשטאנען
אס ער זאגט, און זיי האבן
האט געפרעגט וואס זיין
צטע נאמען איז, און ער
גט איך בין דא א גר, האבן זיי
שריבן, מר. בינדאגער, "בין-
א-א-גר", בינדאגער, אזוי האבן
געשריבן זיין נאמען.

**דער גרויסער צדיק דער**
**יליגער ר' ברוך אברהם**
**נדיגער איז געבוירן אין די יארן**
**ן תק"נ,** ער איז געבוירן צו זיין
מטע דער גאון ר' שרגא פייוויל
ל, וואס ער איז געווען אן אור
יניקל בן אחר בן פון דער בעל
ת שמואל אויף שולחן ערוך
בן העזר. זיין מאמע איז געווען א טאכטער פון דער
ויסער גאון ר' שמואל זאנוויל וואס ער איז געווען א
פון ר' אלחנן וואס ער איז געווען אן איידעם ביים
ויסן פוסק הדור דער הייליגער ב"ח ר' יואל סירקוס
וק"ל, און אזוי איז ער געווען ווייטער אן אייניקל
ן דער הייליגער מהרש"ל און אזוי ווייטער ארויף
ו רש"י הקדוש.

בעצם איז נישט דא קיין סך צו דערציילן פון דעם
ויסן גאון ווייל ער איז געווען ממש א הצנע לכת,
עס איז געווען מיט א שטילקייט, אלעמאל געווען
באשיידן כאילו ער איז נישט דא, אלס מיט א גרויסע באהאלטנקייט.

**אינטערעסאנט איז אז אין די זעלבע טאג וואס ער האט זיך אנגעטון תפילין, דאס מיינט ביי די בר מצוה, האט ער די זעלבע טאג אויך אנגעטון טלית, ער האט חתונה געהאט אין די זעלבע טאג פון די בר מצוה.**

ער איז געווען א גרויסער גאון אין תורה און אין חסידות, עוסק געווען אין תורה מיט א מורא'דיגע יגיעה בייטאג און ביינאכט. אין די שטאט ביקאווסק ווי מען האט שוין געזאגט פריער וואו ער איז קודם געווען רב, האט ער געהאט געפערליכע רדיפות, מען האט אים גע'רודפ'ט, ביז איינמאל האט ער פשוט געמוזט אנטלויפן פון דארטן, און דעמאלטס האט ער פארלאזט די שטאט ביקאווסק, נאכדעם איז ער געווארן טאקע רב אין האנשאוויץ, ער האט איבערגענומען דעם גרויסן גאון הרה"ק ר' ישעי' בייערן זי"ע וואס ער איז געווארן דער רב נאכדעם אין שאראשפאטאק, האט ער איבערגענומען זיין רבנות שטול אין האנשאוויץ.



די ציון פון הרה"ק רבי ברוך אברהם בינדיגער זי"ע אב"ד האנשאוויץ

בעצם ווי אונז האבן שוין געזאגט האט ער נישט געוואלט קיינמאל מען זאל רעדן פון אים און וויסן פון אים, ער איז געווען בהצנע לכת, נאר עס איז געווען א באוואוסטע גרויסע אסיפה וואס אלע גדולי הדור האבן זיך צאמגענומען אין די יאר תרכ"ו, עס האט געהייסן די מיהאלאוויטצער אסיפה, איז דארטן וואו אלע האבן גע'חתמ'ט די אלע גדולי הדור זעט מען אויך זיין נאמען.

דער גרויסער צדיק ר' ברוך אברהם איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע און אויך פלעגט ער פארן אסאך צום הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע און שפעטער איז ער געווארן א מחותן מיט דער הייליגער קאזניצער מגיד; א זון פון ר' ברוך אברהם, ר' שמואל זאנוויל, איז געווארן אן איידעם ביי ר' משה'לע מקאזניץ דער הייליגער צדיק ר' משה אליקים בריעה זי"ע דער זון פון דער הייליגער קאזניצער מגיד וואס זיין יארצייט געפאלט אויף יעצט י"ב אלול.

בעיקר איז ער געווען א תלמיד מובהק - דאס מיינט

כטיגער תלמיד - פון דער הייליגער ראפשיצער
״ע. **ער איז געווען גערעכנט פון צווישן די צוויי צוואנציג געהויבענע תלמידים פון דער הייליגער שיצער רב, מיט די ווייסע בעקיטשעס**, ער פלעגט צוזאמען מיט זיין חבר דער הייליגער צאנזער רב צו זיין ביים הייליגן ראפשיצער רב.

ער הייליגער צדיק ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאנער און דער הייליגער צאנזער רב האבן ביידע עדות גט אויף אים אז ער לערנט תורה לשמה, ער איז ן אזא קדוש עליון ממש אזא און ענוותן אזוי ווי הלל, אזוי אז עס איז נישטא קיין ספרים אים. פארוואס טאקע? **ווייל זיין פטירה האט ער פארברענט זיינע חידושי תורה!** עטס טס קינדערלעך, יא יא ער פארברענט אלע זיינע חידושי ה וואס ער האט געשריבן ווייל האט מורא געהאט אז אפשר ער האט געשריבן האט ער ראכט אייגענע פניות און עס איז ט געווען תורה לשמה אינגאנצן, איז געווען אייגענע חשבונות, לא האט ער עס פארברענט אנצן, אזא גרויסקייט וואס אונז נישט קיין השגה.

עלן מיר דערציילן טאקע איין דערליכע ישועה, עס האט גירסות. דער הייליגער צדיק ״ק ר׳ הערשעלע מרימנוב וואס ער האט איבערגענומען רבי דער הייליגער הרה״ק ר׳ עלע מרימנוב זי״ע. דעם ר׳ שעלע מרימנוב האט מען פן ״הערש משרת״ קודם, און טער איז ער געווארן דער גרויסער צדיק דער גער ר׳ הערשעלע מרימנוב. **עס איז געווען מאל זיין טאכטער איז נעבעך זייער נישט געזונט ארן, און די רעביצין קומט אריינצולויפן צו איר גער מאן אז אונזער טאכטער דארף א גרויסע ה**, און ר׳ הערשעלע דער הייליגער צדיק גיבט ם רוף אן, נו, דער צדיק ר׳ ברוך אברהם איז דאך ט דא געווען נישט צו לאנג צוריק, און ער האט דא איבערגעלאזט א העמד, נו גיי טו איר אן די העמד׳ל פון ר׳ ברוך אברהם.

**אזוי ווי זי האט אנגעטון די העמד פונעם צדיק ר׳ ברוך אברהם איז זי גענצליך געזונט געווארן.**

עס איז דא א צווייטע גירסה אין די מעשה, אז די קינד איז געווען די יונגסטע קינד פון ר׳ הערשעלע מרימנוב, ר׳ יוסעלע מרימנוב, ווי עס איז באקאנט האט דער צדיק ר׳ הערשעלע מרימנוב געהאט אכצן קינדערלעך וואס ליידער זעכצן פון זיי זענען נפטר געווארן בחייו אין זיין לעבן רח״ל. פון זיין דריטע רעביצין וואס זי איז שפעטער נאך זיין פטירה געווארן די צווייטע רעביצין פון דער הייליגער רוזשינער זי״ע נאכדעם וואס זיין ערשטע רעביצין שרה איז נפטר געווארן, איז פון די רעביצין מלכה די טאכטער פון דער נגיד ר׳ דוד לייב פון דוקלא פון איר האט ר׳ הערשעלע מרימינוב געהאט צוויי קינדערלעך. מען רעדט דאך דא פון זיינע שפעטערדיגע יארן, ער איז אוועק טאקע זייער יונג, זייענדיג ניין און זעכציג יאר אלט, און די קינדער זענען געבוירן ממש אין זיינע לעצטע יארן.


די אוהל פון הרה״ק רבי ברוך אברהם בינדיגער זי״ע אב״ד האנשאוויץ

איז דער זון ר׳ יוסעלע מרימנוב זייענדיג נאך זייער קליין נעבעך זייער קראנק געווארן, און דער צדיק ר׳ הערשעלע האט געשיקט קיין ביקאווסק דארטן וואו ר׳ ברוך אברהם איז נאך דעמאלטס געווען דער רב, אז מען זאל פון אים נעמען עפעס א בגד א קלייד. און אזוי איז ער טאקע געזונט געווארן.

**זאל טאקע דער אויבערשטער העלפן, מיין קליינע ברוך אברהמ׳לע ני״ו זאל שטייגן אזוי ווי זיין גרויסער זיידע דער צדיק הרה״ק ר׳ ברוך אברהם בינדיגער דער האנשאוויצער רב, און דער אויבערשטער זאל העלפן ביי ענק אלע אויף שמחות געזונטערהייט עמו״ש, בני חיי ומזוני רויחי, אונז באקומען נאך ביז היינט השפעות טובות אין זכות פון די הייליגע צדיקים, זאל קומען פאר אלע אידן גוטע השפעות, די שמחה זאל ברענגען נאך שמחות, אין די זכות פון די הייליגע צדיקים, זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

